STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08092

A RAYZE IBER TSENTRAL UN DORIM AMERIKE

N. Chanin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. כאַנין

אַ רייזע איבער צענטראַל און דרום אַמעריקע

אַרויסגעגעבן פון:
פאַרלאַג „אַרבעטער־רינג"
ביי דעם אַרבעטער־רינג
בילדונגס־קאָמיטעט
175 איסט־בראָדוויי, ניו־יאָרק.

ביכער פון דעם זעלבן מחבר:
סאָוועט־רוסלאַנד
בערעלע.

Copyright 1942 by
Farlag Arbeiter Ring of the
Educational Committee of the Workmen's Circle
175 East Broadway, New York, N. Y.

Printed in the U.S.A.

Futuro Press, Inc., 476 Broadway, New York, N. Y.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 200

נ. כאַנין

פאַרוואָרט

זינט איך געדענק זיך, האָב איך גע־האַט אַ שוואַכקייט ניט צו זיצן אויף איין אָרט. עס האָט מיך שטענ־דיק געצויגן אַרומצופאָרן, צו זען די וועלט און ווי מענטשן לעבן אין די ווייטע לענדער.

מיין ערשטע רייזע האָב איך געמאַכט, ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל פאַרלאָזן דאָס שטעטעלע, וואו איך בין געבאָרן גע־וואָרן, און בין אַוועק אין דער גרויסער שטאָט.

קיין געלט אויף אַ בילעט האָב איך ניט געהאַט. האָב איך זיך אַריינגעגנבעט אין באַן און בין געפאָרן אונטערן באַנק. קיין מזלדיקע רייזע איז עס ניט געווען. דער קאָנדוקטאָר האָט מיך באַלד גע־כאַפּט און אַרונטערגעוואָרפן אויף דער ערשטער סטאַנציע. אַזוי איז מיר געגאַנגען דעם גאַנצן וועג. אויף יעדער סטאַנציע פלעגט מען מיך בעטן מחילה אַראָפּגיין, און יעדעס מאָל איז מיר אַזוי אויס־געקומען שעהן צו וואַרטן ביז ס׳וועט אָנקומען אַ נייע באַן, אין וועל־כער איך זאָל מיך קענען אַריינכאַפּן, אַרונטערקריכן אונטערן באַנק און ווייטער פאָרן.

פון דעמאָלט אָן פאָר איך...

מיינע רייזעס זיינען זעלטן געווען לוסט־רייזעס, ווייל ווינציקער פון אַלץ אינטערעסירט מיך אַזאַ רייזע. ווען איך בין געפאָרן האָט מיך געטריבן אַן אינערלעכער טיפער דראַנג צו זען מענטשן, וואָס זיי טוען און ווי זיי לעבן.

דאָס ערשטע מאָל ווען מען האָט מיך אַרעסטירט פאַר געהערן צום „בונד״, האָב איך זיך מיט דעם אַרעסט געפרייט, ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען. איך האָב אַזוי פיל זיך אָנגעהערט וועגן די רוסישע טורמעס, ווי אַזוי מען לעבט דאָרטן, אַז מיר האָט זיך פשוט

געוואָלט זיי זען מיט מיינע אייגענע אויגן און דורכטראָגן דאָס טורמע־לעבן אויף מיינע אייגענע פּלייצעס. ווען איך בין נאָך גאָר אַ יונגער יינגל געווען בין איך שוין דורכגעפאָרן אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד, פּוילן. אין יעדער שטאָט געאַרבעט, אין יעדער שטאָט פאַרדינט און ווייטער געפאָרן.

אָט ווער איך צום דריטן מאָל אַרעסטירט. איך זיץ צוויי יאָר אויף איין אָרט. מיר איז לאַנגווייליק, אַזוי אומעטיק. צו פאַר־טרייבן דעם אומעט פון טורמע, צו איבעררייסן די מאָנאָטאָנקייט, פירט מען דורך דעמאָנסטראַציעס און הונגער־סטרייקס.

אָט ווער איך געמשפט פון קריגס־געריכט און קריג פיר יאָר קאַטאָרגע און אייביקע פאַרשיקונג קיין סיביר. איך גיי אַרויס פון געריכט־צימער נאָכן אורטייל אַ פריילעכער. וואָס איז מיט מיר די שמחה? עס פרייט מיך וואָס איך ווער פּטור פון דער ענגער טורמע, וואו איך געפין זיך, און ווער געשיקט ווייט, ווייט קיין סיביר, אין דעם לאַנד, וועגן וועלכן איך האָב זיך אַזוי פיל אָנגעהערט און וועגן וועלכן מיר האָבן אַזוי פיל לידער געזונגען אין די רוסישע טורמעס. איך וועל מיט מיינע אייגענע אויגן זען דאָס דאָרטיקע לעבן, זען די מענטשן, וואָס וועגן זיי האָבן זיך אַזוי פיל לעגענדעס געשאַפן.

אַזוי זיינען יאָרן געגאַנגען.

אָט ווערט מיר שוין אויך דאָס לעבן אין סיביר אומעטיק. איך זיץ אין אַ קליינעם דאָרף, ווייט פון אַן אייזנבאַן, ווייט פון שיפן, איך וויל אַנטלויפן. דאָ בלייבן ווילט זיך מיר ניט, דאָס לעבן איז מיר שוין דאָ צו גוט באַקאַנט. איך וויל ווייטער פאָרן, ווייטער זען נייע וועלטן. לאָז איך זיך אַוועק צו פוס איבער די סיבירער סטעפּעס. איך דאַרף אַזוי גיין 600 מייל ביז איך וועל קומען צו אַן אייזנבאַן, כדי ווייטער זיך צו פאַרבינדן מיט דעם רוישיקן לעבן פון רוסלאַנד. אָט בין איך שוין ביי דער אייזנבאַן, אין דער גרויסער שטאָט איר־קוטסק. טויזנטער מיילן דאַרף איך פאָרן כדי צוריק צו קומען אין מיין אַלטער, ליבער שטאָט מינסק. עס לויפן טעג און וואָכן. מיין רייזע איז פול מיט געפאַר און שרעק פאַר אַ נייעם אַרעסט, דאָך טראַכט איך וועגן דעם ניט, מיין האַרץ איז פול מיט פרייד. איך זע שטעט און דערפער, איך זע מענטשן, איך בין צווישן זיי, בין אַ טייל פון זיי.

אומעטיק ווערט מיר אויך אין מינסק און איך באַשליס צו פאָרן קיין אַמעריקע. די רייזע קיין אַמעריקע לאָקט מיך. איך וועל זיין אין דייטשלאַנד, בעלגיע. ווידער זען נייע לענדער, אַ ניי לעבן, איך וועל פאָרן איבער ימען. נייע איינדרוקן, נייע דערפאַרונגען. אָבער אויך אין אַמעריקע ווערט ביי מיר דער דורשט אַרומצופאָרן ניט קלענער. איך פאָר דורך עטלעכע מאָל אַמעריקע און קאַנאַדע, פון אַטלאַנטיק ביז דעם פּאַסיפיק, פון קאַנאַדע ביז דעם מעקסיקאַנער גאָלף. איך זע די נאַטורוואונדער פון אונדזער לאַנד, איך זע אַ שיין צוזאַמענלעבן פון פעלקער, וועלכע זיינען אַהער געקומען פון אַלע וועלט-טיילן.

עס קומט די צווייטע רוסישע רעוואָלוציע. איך איַל זיך צו פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד. מיינע „פעקלעך" איינגעפּאַקט. איך וואַרט ווען מען וועט מיך רופן. אָבער אָט קומט פאָר אין רוסלאַנד די קאָמוניסטישע איבערקערעניש. פאָרן קען מען שוין ניט, און מיט אַ געפיל פון פאַרדרוס און אומעט בלייב איך דאָ. דאָך פאַרבלייבט פאַר מיר רוסלאַנד דאָס לאַנד, נאָך וועלכן איך בענק און אין וועלכן איך וויל נאָך זיין. וואָס מערער איך לייען וועגן רוסלאַנד, וועגן דער נייער אָרדענונג, אַלץ מער ווילט זיך מיר רוסלאַנד זען.

אין 1928 פאָר איך קיין איירָאפּע צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין בריוסעל, בעלגיע. מיין ווילן צו זיין אין רוסלאַנד ווערט דעמאָלט נאָך שטאַרקער און איך וועַנד אָן אַלע מיטלען כדי צו קענען אין רוסלאַנד אַריינקומען.

איך ווייס אַז דאָס איז פאַרבונדן מיט פערזענלעכע געפאַרן, דאָך שטעל איך זיך ניט אָפּ. איך דערגרייך מיין ציל. און אָט בין איך שוין אין רוסלאַנד, אין דער אַלטער מוטער-היים.

איך שלינג, איך אָטעם איין אַלץ וואָס איך קען, איך בין פול מיט נייע איינדרוקן. איך בין גליקלעך וואָס איך זע מיט מיינע אייגענע אויגן דאָס נייע לעבן. איך זע די מעלות און די חסרונות. מיר ווערט אַלץ קלאָרער און פאַרשטענדלעכער וואָס אין רוסלאַנד קומט פאָר. מיין רייזע איבער רוסלאַנד גיט מיר אַ סך מער ווי די הונדערטער זשורנאַלן, ציטונגען און ביכער וואָס איך האָב וועגן רוסלאַנד געלייענט. איך קום צוריק קיין אַמעריקע, איך שרייב פאַרן „פאָרווערטס" מיינע איינדרוקן, איך וויל זיך מיט אַלעמען

טיילן מיט מיין דערפאַרונג. איך שרייב אַן אַ בוך, „סאָוועט רוס-לאַנד" (וואָס איך האָב געזען). דאָס בוך איז ניט קיין שטודיע איבער רוסלאַנד, עס איז ניט קיין ענטפער אויף די שווערע פּראָבלעמען, וואָס די נייע אָרדענונג אין רוסלאַנד האָט געשאַפן פאַרן רוסישן פאָלק און פאַר דער גאַנצער וועלט. ניט מער ווי באַשרייבונגען פון אַלץ וואָס מיין אויג האָט נאָר געקענט זען.

און אָט האָב איך אַ געלעגנהייט אין 1941 צו באַזוכן סאַנטאָ-דאָמינגאָ, בראַזיליע, אַרגענטינע און אורוגוואַי. לענדער אין וועל-כע עס געפינען זיך אַלטע און נייע יידישע ישובים. שוין לאַנג אַז אין מיר האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ טיפער פאַרלאַנג די לענדער צו זען, זען ווי אַזוי עס לעבן די מענטשן און ספּעציעל ווי עס לעבן יידן אין די אַלע אַמעריקאַנער לענדער.

די „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע" שיקט מיך קיין דרום-אַמעריקע ווי איר שליח. אין סאַנטאָ-דאָמינגאָ פאָר איך אויף מיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אַכצן טויזנט מייל בין איך הין און צוריק דורכגעפאָרן, געזען פעלקער און לענדער, וועלכע זיינען מיט זייער אויסזען און מיט זייער לעבן גאַנץ אַנדערש, ווי אַלע אַנדערע לענדער און אַלע אַנ-דערע פעלקער וואָס איך האָב געזען ביז איצט. די יידישע ישובים, אויף מיין רייזע איבער די אַמעריקעס, רופן ביי מיר אַרויס גרויס אינטערעס, איך זע דאָרטן די טעגלעכע ליידן און פריידן, איך זע דאָרטן אַ שטענדיקן קאַמף פאַר אַ בעסער און מער מענטשלעך לעבן. איך ווער אַרומגעכאַפּט מיט דער בענקשאַפט פון די דאָר-טיקע מענטשן נאָך עפּעס בעסערס. מיט געפילן פון נייגיר בין איך אַהין געפאָרן, מיט געפילן פון טיפער וואַרעמקייט האָב איך זיך מיט אַלעמען געזעגנט, ווען איך האָב זיך געדאַרפט אומקערן אַהיים.

ווען איך בין געקומען צוריק אין ניו-יאָרק האָב איך אַ טייל פון מיינע איינדרוקן געדרוקט אין „פאָרווערטס". אָבער איך האָב גע-פילט, אַז די טעגלעכע ציימונג קען ניט אַריינגעבן אַלע מיינע איינ-דרוקן. האָב איך באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ בוך און ברענגען צו די יידישע לייענער אַלץ וואָס איך האָב געזען און וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַן איינדרוק.

דאָס בוך פּרעטענדירט ניט צו זיין אַ פאָרשונג וועגן דעם יידישן און ניט־יידישן לעבן אין צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע. דאָס זיינען אייגענע באַאָבאַכטונגען, וועלכע באַצוועקן אין אַ בילדלעכער פאָרם צו באַקאַנען דעם יידישן לייענער מיט דעם וואָס איך האָב געזען, און געזען האָב איך אַ לעבן אַ נייעם און זייער און זייער אַן אינטערעסאַנטן, אינטערעסאַנט מיט זיינע מעלות און חסרונות, אינטערעסאַנט מיט זיין אָריגינאַליטעט און אַנדערש־קייט. מיין וואונטש און מיין האָפענונג איז, אַז די וואָס וועלן דאָס בוך לייענען, וועלן פון אים אַזוי הנאה האָבן, ווי איך האָב הנאה געהאַט פון דער רייזע, וועלכע איז פאַר מיר געווען רייך מיט נייע איינדרוקן, רייך מיט נייע איבערלעבונגען.

איך וויל דאָ אויסדריקן אַ דאַנק דעם בילדונגס־קאָמיטעט און דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון אַרבעטער־רינג פאַר דער מאָראַלער דערמוטיקונג, וואָס זיי האָבן מיר געגעבן דאָס בוך אָנצושרייבן און אַרויסצוגעבן.

אויך באַדאַנק איך האַרציק מרס׳ רעבעקאַ הורוויטש־רייער (די עקזעקוטיוו סעקרעטאַרין פון דעם יידישן סעטלמענט אין סאַסואַ), וואָס זי איז געווען אַזוי פריינדלעך צו באַזאָרגן פאַר דעם בוך די פאָטאָגראַפיעס פון סאַנטאָ־דאָמינגאָ און אויך די דאָקומענטן וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין סאַסואַ.

גלייכצייטיק וויל איך באַדאַנקען ז. יעפּרויקין וואָס ער איז געווען אַזוי גוט דורכצוקוקן די קאָרעקטור פון דעם בוך, און י. קאַמינסקין, וואָס ער איז געווען אַזוי פריינדלעך צו באַזאָרגן די טעכנישע זייט פון בוך.

ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1941

ג. כאַנין

סאַנטאָ-דאָמינגאָ



סאַנטאָ־דאָמינגאָ

אין יאָר 1938 האָט פּרעזידענט רוזוועלט צוזאַמענגערופֿן אַ קאָנפֿערענץ פֿון פֿאַרטרעטערס פֿון עטלעכע און דרייסיק לענדער צו באַטראַכטן די פֿראַגע ווי אַזוי צו שאַפֿן אַ נייע היים פֿאַר די הונדערטער און טויזנטער אַנטלאָפֿענע פֿון היטלער־דייטשלאַנד און פֿון דער פֿאַשיסטישער שפּאַניע. די קאָנפֿערענץ איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין עוויאַן, פֿראַנקרייך. די קאָנפֿערענץ האָט דערוויילט אַן אינטער־מלוכהשע (אינטער־גאָווערנעמענט) קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפֿט שטודירן די באַדינגונגען פֿון אַ גאַנצער ריי לענדער אין דרום־אַמעריקע און אין אַפֿריקע כּדי צו געפֿינען אַ פּלאַץ אָדער פּלעצער פֿאַר די הונדערטער טויזנטער, וואָס זיינען געבליבן היימלאָז און וואַלגערן זיך אין אַלע לענדער פֿון אייראָפּע.

נאָך לאַנגע מאָנאַטן פֿון פֿאַרהאַנדלונגען מיט פֿאַרשיידענע רעגירונגען, האָט קיינער ניט צוגעשטימט, אַז זיין לאַנד זאָל אַריינגעמען אַ גרעסערע צאָל היימלאָזע. די איינציקע רעגירונג, וואָס האָט זיך אָפּגערופֿן און אָנגעבאָטן אַריינצונעמען אין איר לאַנד אַ גרויסע צאָל פּליטים, איז געווען די קליינע דאָמיניקאַנער רעפּובליק פֿון צענטראַל־אַמעריקע, וואָס געפֿינט זיך אויף אַן אינדזל אויפֿן אַטלאַנטישן ים. איר פֿאַרטרעטער האָט אויף איינער פֿון די קאָנפֿערענצן דערקלערט אין נאָמען פֿון זיין רעגירונג, אַז זיין לאַנד איז גרייט אַריינצונעמען אין פֿאַרלויף פֿון אַ קורצער צייט הונדערט טויזנט אימיגראַנטן, אויב עס וועלן זיין פֿינאַנציעלע מיטלען, ווי געהעריק זיי איינצואָרדענען.

די אינטער־מלוכהשע קאָמיסיע האָט דעם אָנבאָט פֿון דער דאָמיניקאַנער רעגירונג זייער וואַרעם אויפֿגענומען און איז צוגעטראָטן אויסצופֿאָרשן דאָס לאַנד אויף וויפֿל זי איז פּאַסיק פֿאַר אַזאַ

גרויסער קאָלאָניזאַציע פון אימיגראַנטן. קאָמיסיעס פון פאַכמענטשן, ספּעציעל פון די פאַראייניקטע שטאַטן, זיינען אַהין געפאָרן, האָבן געשטודירט דעם קלימאַט, דעם באָדן, די סאַניטאַר־היגיענישע תּנאים און געקומען צום באַשלוס, אַז דער אָנבאָט פון דער דאָמיניקאַנער רעגירונג איז אַ גוטער און דורכפירבאַרער.

די אינטער־מלוכהשע קאָמיסיע האָט געזוכט צוציען צו איר אַרבעט געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס אינטערעסירן זיך מיט דעם גורל פון די הונדערטער טויזנטער פאַרטריבענע פון די פאַשיסטישע לענדער און באַמיען זיך צו געפינען פאַר זיי אַ מקום־מקלט. אַזוי איז צו דער אַרבעט צוגעצויגן געוואָרן דער „אַגראָ־דזשאָינט" מיט ד"ר יוסף ראָזען אָן דער שפּיץ.

דער „אַגראָ־דזשאָינט" איז אַ זעלבשטענדיקע קערפּערשאַפט, וואָס האָט אָנגעפירט מיט יידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועט־רוס־לאַנד אין משך פון צען יאָר און האָט דאָרטן אַ סך אויפגעטאָן אויף דעם געביט. איבער 150,000 יידן זיינען צוגענומען געוואָרן פון די קליינע שטעטלעך אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו זיי זיינען געוואָרן דע־קלאַסירט און מען האָט זיי באַזעצט אין קאָלאָניעס, וואו זיי האָבן געבויט אַ פּויערים־לעבן.

אין יאָר 1928 איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין רוסלאַנד און באַזוכן אַ טייל פון די נייע יידישע דערפער און איך האָב זיך גע־וואונדערט און געפרייט צו זען ווי אַזוי אויף אַ שטילן, באַשיידענעם אופן ס'האָט זיך איינגעגעבן דעם „אַגראָ־דזשאָינט" אַזוי פיל מענטשן צו ראַטעווען און מיגלעך צו מאַכן, אַז זיי זאָלן אָנהייבן אַ ניי לעבן.

ווען מ'האָט זיך דערוואוסט, אַז דער „אַגראָ־דזשאָינט" פאַנגט אָן אַ יידישע קאָלאָניזאַציע אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, איז דער אינטערעס צו דער אונטערנעמונג געווען זייער גרויס. יעדער איינער האָט געטראַכט, אַז ענדלעך האָבן מיר אין אונדזער איצטיקן גרויסן אומגליק געקראָגן אַ לאַנד, וואָס איז גרייט צו עפענען די טירן פאַר כאָטש אַ טייל פון די פאַרפאָלגטע און פאַרטריבענע יידן פון דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע און עסטרייך. דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען פּוילן, פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד און אַנ־דערע לענדער זיינען נאָך געווען פריי. דאָס איז געווען פאַר דער איצטיקער וועלט־מלחמה.

די דאָמיניקאַנער רעפּובליק, אָדער ווי מ׳רופט זי אויך סאַנטאָ־דאָמינגאָ, איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ לאַנד וועגן וועלכן מען האָט צווישן יידן זייער אַ סך גענומען רעדן. אין אַלע יידישע קרייזן, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם שיקזאַל פון די הונדערטער טויזנטער פּליטים, האָט סאַנטאָ־דאָמינגאָ אַרויסגערופן אַ באַזונדערן נייגיר. מ׳האָט געוואָלט וויסן וואָס דאָס לאַנד שטעלט מיט זיך פאָר און אויך וואָס זיינען די אמתע מאָטיוון, וואָס גראָד די דאָמיניקאַנער רעפּובליק איז געווען די איינציקע וואָס האָט אַזוי גרויס־מוטיק געעפנט די טירן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע דאָ, ווען אַלע צענטראַל־ און דרום־אַמעריקאַנער רעגירונגען האָבן נאָך שטאַרקער פאַרשלאָסן די טירן פאַר יעדער איינוואַנדערונג און ספּעציעל פאַר יידישער.

ווען איך בין אין ווינטער פון 1941 געווען אויף אַ רייזע איבערן לאַנד פאַר דעם אַרבעטער־רינג, האָב איך געלייענט אין די צייטונגען, אַז פאָרשטעהער פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג און פון דעם „אַגראָ־דזשאָינט" פאָרן קיין סאַנטאָ־דאָמינגאָ צו פייערן דאָס ערשטע יאָר יידישע קאָלאָניזאַציע אין סאָסוּאַ (דאָס איז די געגנט אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, וואו עס ווערט דורכגעפירט דער עקספּערימענט צו קאָלאָניזירן יידישע פּליטים). ווען איך האָב דאָס געלייענט, האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ פאַרלאַנג צו זיין אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ און צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי אַזוי עס זעט אויס דער נייער יידישער קאָלאָניזאַטאָרישער עקספּערימענט.

איך בין אין שיקאַגאָ אַריינגעגאַנגען צו עטלעכע טוריסטן־געזעלשאַפטן, גענומען זיך נאָכפרעגן ווי אַזוי מען פאָרט קיין סאַנטאָ־דאָמינגאָ און וואָס די רייזע דאַרף קאָסטן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אָנגעשטעלטע אין די טוריסטן־געזעלשאַפטן האָבן, צו מיין איבערראַשונג, ניט געוואוסט ווי אַזוי מען פאָרט אַהין. צוזאַמען מיט מיר האָבן זיי געדאַרפט קוקן אויף דער לאַנד־קאַרטע פון אַמעריקע און זוכן דעם אינדזל. ווען איך האָב פון זיי גאָרניט געקענט אַרויסקריגן, בין איך אַוועק צום קאָנסול פון סאַנטאָ־דאָמינגאָ אין שיקאַגאָ און ביי אים געפרעגט. זיין ענטפער איז געווען, אַז עס איז נאָר דאָ איין וועג ווי אַזוי צו פאָרן קיין סאַנטאָ־דאָמינגאָ און דאָס איז, פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק און פון דאָרטן מיט אַ שיף וואָס גייט איין מאָל אַ וואָך קיין פּאָרטאָ־ריקאָ און שטעלט זיך אויך אָפּ

אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ. פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק איז מיר געווען אוממיגלעך, האָב איך מיין פּלאַן כמעט שוין אין גאַנצן געהאַט אויפ־געגעבן. איך האָב געגומען זוכן אינפאָרמאַציע ביי די פאַרטרעטערס פון „דזשאָינט" און ד"ר יוסף ראָזען האָט מיך אינפאָרמירט, אַז פון מיאַמי, פלאָרידע, גייט יעדן טאָג אַוועק אַ „קליפּער" קיין סאַנטאָ־דאָמינגאָ.

אין מיאַמי האָט זיך געענדיקט מיין רייזע פאַרן אַרבעטער־רינג. פאַר מיר איז דאָס געווען ווי געוואַקיישאַן, און איך האָב געמאַכט אַלע פאַרברייטונגען צו פאָרן קיין סאַנטאָ־דאָמינגאָ.

מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ, מיט גרויס נייגיר און טיפן אינטע־רעס בין איך אַריין אין קליפּער.

דער קליפּער טראָגט זיך איבערן אַטלאַנטישן ים, פליט דורך קיובע, צענטראַל־אַמעריקע, האַאיטי. איך קוק דורך די פענצטער פון קליפּער און עס שפרייטן זיך אויס פאַר די אויגן וואונדערבאַרע בערג און שיינע לאַנדשאַפטן. מיר דוכט זיך, אַז איך זע אַ שיינעם חלום. איך האָב נאָך קיין מאָל אין מיין לעבן אַזאַ נאַטור־שיינקייט ניט געזען. איך האָב געטראַכט, אַז די וועלט פון דער ווייטנס, פון דער הויכער הייך, איז אַ סך שענער ווי ווען איר זעט זי פון דער נאָענטסטער נאָענטקייט. ס'האָט גענומען אין גאַנצן אַכט שעה און דער קליפּער האָט זיך אַרונטערגעלאָזן אויפן ברעג פון ים לעבן דער שטאָט סאַן־פעדראָ, די איינציקע פאָרט־שטאָט פאַר קליפּערס קיין סאַנטאָ־דאָמינגאָ.

אין אַ רגע האָבן די באַאַמטע דורכגעקוקט מיינע פאַפּירן און איך בין אַוועק אין שטאָט.

איצט, טראַכט איך, דאַרף מען זיך אָנגאַרטלען, אַז אין די צען־צוועלף טעג, וואָס איך וועל דאָ זיין, זאָל איך קענען זיך באַקענען ווי גענעריק. מיט דעם לאַנד, מיט די מענטשן און, הויפּטזעכלעך, מיט דעם נייעם יידישן ישוב.

דאָס לאַנד

דער קלימאַט אַ טראָפּישער. אַ גאַנץ יאָר זומער. אין אונדזערע ווינטער־חדשים איז דאָרטן גאַנץ וואַרעם, און זומער איז זייער הייס. אין דער הינזיכט איז סאַנטאָ־דאָמינגאָ קרוביש צו מעקסיקע אָדער קיובע. אָבער סאַנטאָ־דאָמינגאָ געפינט זיך אויף אַן אינדזל. דער אינדזל איז איינער פון די קאַריבייען אינ־דזלען, וועלכע ליגן אויפן גרויסן אויסגוס, וואָס איז אַ טייל פונעם אַט־לאַנטישן אָקעאַן און הייסט די קאַריבייען וואַסערן. אין דער פרי און ביי נאַכט בלאָזט אַלע מאָל פון ים אַ לופטיק ווינטל. דאָס שוואַכט אָפּ די היצן און מאַכט אין דעם פּרט דאָס לעבן אַנגענעמער און גרינגער פאַר די איינוואוינערס.

די דאָמיניקאַנער רעפּובליק איז אין שטח גרעסער ווי בעלגיע און האָלאַנד צוזאַמענגענומען. דאַן וווּן אויף דער ערד פון בעלגיע און האָלאַנד לעבן אַ פופצן מיליאָן מענטשן, באַשטייט די באַפעל־קערונג פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק ניט מער ווי פון אַ מיליאָן מיט אַכט הונדערט טויזנט.

די באַפעלקערונג איז אַ געמישטע: איין טייל אַן אַלטע שפּאַ־נישע, איז אויפן אינדזל געקומען נאָך דעם ווי קאָלאָמבוס האָט אַנטדעקט די נייע וועלט, אַמעריקע. פריער איז דער אינדזל געווען באַזעצט פון אינדיאַנער, וואָס זיינען פון די אַריבערגעקומענע שפּאַ־ניער פאַרניכט געוואָרן און די „סעטלערס” האָבן געגומען אַריינ־ברענגען אין לאַנד נעגערס פון אַפריקע אַלס זייערע שקלאַפן. היינט איז דאָרטן קיין שקלאַפעריי ניטאָ. די שוואַרצע זיינען איצט די מערהייט פון דער באַפעלקערונג. מע זאָגט, אַז זיי מאַכן אויס 80 פּראָצענט פון די דאָרפישע איינוואוינערס. אָבער די שוואַרצע דאָרטן זיינען פון אַן אַנדער טיפּ ווי די, וואָס מיר זיינען געוויינט צו זען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פון די שפּאַניער און די שוואַרצע, צוליב זייערע געמישטע הייראַטן, האָט זיך אין פאַרלויף

פון דורות געשאפן א נייער מענטשן־טיפּ, וואָס פאַרמאָגט אין זיך א סך געמישטע שטריכן פון א ווייסן און א שוואַרצן.

אָפיציעל האָט דאָס לאַנד א דעמאָקראַטישע מלוכה־פאָרם, א פּאַרלאַמענט, א סענאַט, א סופרים־קאָורט און א פּרעזידענט, אָבער דער אומאָפיציעלער באַלעבאָס איז דער גענעראַליסימאָ טרוכילאָ. זיין איינפלוס איז אומגעהייער, זיין וואָרט איז — געזעץ.

ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די רעפּובליקאַנישע רעגירונג־פאָרם עקסיסטירט שוין אין דעם לאַנד אין משך פון א סך יאָרן, איז אָבער די דאָמיניקאַנער רעפּובליק פאַררעכנט פאַר איינער פון די רעפּוב־ליקן אין וועלכע עס קומען פאַר רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. צוליב דער שטענדיקער אומרואיקייט אין לאַנד האָט די באַפעלקערונג שטאַרק געליטן.

אין יאָר 1930 איז דאָרטן פאָרגעקומען די לעצטע רעוואָלוציע, וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם איצטיקן גענעראַליסימאָ טרוכילאָ. ער איז צו יענער צייט געווען א קאַפּיטאַן אין דער אַרמיי. ווען ער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט ער איינגעשטעלט אָרדענונג אין לאַנד, און אין פאַרלויף פון די צען יאָר, וואָס ער שטייט אין דער שפּיץ פון דער רעגירונג, האָט זיך דער וואוילשטאַנד פון לאַנד, ווי דאָס גיבן אַלע צו, באַדייטנד פאַרבעסערט.

מיר איז אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך סיי מיט אַמעריקאַנער, וואָס וואוינען אין לאַנד א לאַנגע צייט, און סיי מיט אָרטיקע ביר־גער, וואָס זיינען געווען אין אַמעריקע און קענען גוט ענגליש און קענען זייער גוט לאַנד און אויך דעם גענעראַליסימאָ. זיי רעדן וועגן אים און וועגן זיינע אויפטואונגען מיט באַוואונדערונג. ער פירט די אינערלעכע און אויסערלעכע פּאָליטיק פון לאַנד מיט אינ־טעליגענץ און וויסן. ער האָט איבערגעבויט די גרעסטע שטעט פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק. ער האָט די הויפּטשטאָט סאַנטאָ־דאָמינגאָ פאַרוואַנדלט אין א שיינער, מאָדערנער שטאָט. די ריינ־קייט פון די שטעט איז א וואונדערבאַרע. די שטאָט סאַנטאָ־דאָמינגאָ, וואָס האָט געביטן מיט פיר יאָר צוריק דעם נאָמען אויף „טרוכילאָ", איז ריינער ווי וועלכע ניט איז אַמעריקאַנער שטאָט. אין פאַרלויף פון די צען יאָר זיינען אויפגעבויט געוואָרן וואונדער־

בארע פּאַרקן, שפּיל-גערטנער פאַר קינדער, וועלכע קענען זיך פאַרגלייכן מיט די בעסטע קינדער-פּאַרקן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט אויך די ערד-ווירטשאַפט אין די דערפער באַ־דייטנד פאַרבעסערט. מיט די פאַראייניקטע שטאַטן האָט ער איינ־געשטעלט די בעסטע באַציאונגען.

ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט די רעגירונג פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן געהאַט די גאַנצע דעה איבער דער רעפּובליק. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט זיך שוין אָבער אין גאַנצן פון דעם אינדזל צוריקגעצויגן. די דאָמיניקאַנער רעפּובליק האַלט אָן די בעסטע און פריינדלעכסטע באַציאונגען מיט די פאַראייניקטע שטאַטן. רוזוועלטס נאָמען ווערט דאָרטן פאַרהערלעכט ניט ווייניקער ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן. רוזוועלט האָט מיט זיין ליבעראַ־לער פּאָליטיק פאַרוואַנדלט די דאָמיניקאַנער רעפּובליק אין אַן אומאָפּהענגיקער מלוכה און האָט איר אויך געגעבן אַ סך הילף צו אַנטוויקלען זיך. דאָס אַלץ ווערט צוגעשריבן צום גענעראַליסימאָ טרוכילאָ, און דערפאַר ווערט ער אַזוי געאַכט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. אָבער גלייכצייטיק איז ער איינער פון די רייכסטע מענטשן אין לאַנד. אין יעדער וויכטיקער אינדוסטריע, שטאָטישער אָדער דאָרפישער, האָט ער די גרעסטע צאָל אַקציעס. אייניקע פון די אינדוסטריעס זיינען אויסשליסלעך זיינע. כאָטש ער ווערט באַ־טראַכט פאַר אַ דיקטאַטאָר, פילט זיך דאָך ניט קיין דיקטאַטור אין לאַנד. די פּרעסע איז אַ פרייע, פאַרזאַמלונגען — פריי, און עס הערשט אויך רעליגיעזע פרייהייט.

די הויפּט-רעליגיע אין לאַנד איז די רוימיש-קאַטוילישע, דאָך האָט די קירך אַ זייער קנאַפּן איינפלוס אויף דער פּאָליטיק. די קירך איז אָפּגעטיילט פון דער רעגירונג.

אין פאַרלויף פון די לעצטע צען יאָר איז דאָרטן איינגעפירט געוואָרן אַן אָבליגאַטאָרישע שול-סיסטעם. אמת זי איז נאָך ניט דורכגעפירט געוואָרן אויף הונדערט פּראָצענט, אָבער דאָך פילט זי זיך אין לאַנד גאַנץ שטאַרק.

דער עקאָנאָמישער און גייסטיקער צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג

ווי אין יעדן לאַנד מיט אַ וואַרעמען קלימאַט, איז אויך אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק די באַפעלקערונג ניט איבעריק ענערגיש און אַרבעטזאַם. אין אַ וואַרעמען קלימאַט איז מען געצוואונגען צו טאָן אַלץ פּאַמעלעך. חוץ דעם קריגן די איינוואוינערם אַרוים פון דער נאַטור זייער גרינג אַלע נייטיקע זאַכן, וואָס זיי דאַרפן פאַר זייער באַשיידענעם טעגלעכן געברויך. די וואוינונגען אין די דערפער זיינען אויפגעבויט פון ספּעציעלע גרויסע טראָפּישע בלעטער, וואָס וואַקסן דאָרטן אָן אַ שיעור און זיי באַשיצן פון רעגן און פון היץ. קיין פלייש און ברויט דאַרף מען דאָרטן ניט. אַזעלכע מאַכלים זיינען צו שווער פאַר אַ טראָפּישער געגנט. די שפּייז פון דער באַפעלקערונג איז גרינס, באַנאַנעס, מאַראַנצן, רייז, אַ ספּעציעלער אַנאַנאַס, אַ ספּעציעלע טראָפּישע טאָמאַטאָ וואָס וואַקסט דאָרטן ניט פאַרפלאַנצטערהייט פון זיך אַליין. דאָס איז גענוג די מענטשן זאַט צו מאַכן. קיין קליידער דאַרף מען כמעט ניט. ערשטנס, קאָן מען אַרומגיין האַלב־נאַקעט, עס איז לייכטער און בעסער, צווייטנס, האָבן די איינוואוינערס קיין אַמביציעס ניט צו פּוצן זיך אין קליידער, ווי עס איז דער שטייגער אין מער אַנטוויקלטע לענדער. עס איז דאָרטן זייער פּאָפּולער דאָס שפּאַנישע וואָרט „מאַניאַנאַ" (מאָרגן). וואָס מע זאָל ניט בעטן צו טאָן היינט, וועט מען דאָס אָפּליגן אויף מאָרגן. קיינער איילט זיך דאָרטן ניט, און ביי קיינעם ברענט ניט. די באַפעלקערונג איז זייער אַ רואיקע און גוטמוטיקע.

די שטאָטישע אינדוסטריעס זיינען אין לאַנד ווייניק אַנטוויקלט. עס איז אַן אַגריקולטור־לאַנד, וואָס לעבט פון עקספּאָרט. די הויפּט־פּראָדוקטן וואָס ווערן עקספּאָרטירט, זיינען צוקער, טאַבאַק, קאָפע, קאָקאָ און באַנאַנעס. די מערסטע פּלאַנטאַציעס געפינען זיך אין די הענט פון אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן. זיי האָט זיך אַ ביסל איינגעגעבן אָפּצוגעווינען דעם

דאָמיניקאַנער פון אָפּצולייגן זאַכן אויף מאָרגן: זייערע פעלדער ווערן פאַרזייט און בליען אין צייט, זייערע פאַבריקן, וואָס פּראָ־דוצירן די טאַבאַק, קאָפע און קאַקאָ, זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ מאָדערנעם אופן און זיי אַרבעטן נאָרמאַל. די אַרבעטער זיינען אַלע דאָמיניקאַנער. די וואָס פאַרוואַלטן מיט די אינדוסטריעס — זיינען מערסטנס אַמעריקאַנער, אָבער עס איז דאָ צווישן זיי אויך אַ געוויסע צאָל געבוירענע דאָמיניקאַנער. דאָס לאַנד פאַרמאָגט אַ סך נאַטור־רייכטימער, וואָס קענען נאָך אַנטוויקלט ווערן.

מיט הונדערטער יאָרן צוריק זיינען אין לאַנד געווען גאָלד־גרובן, וואָס האָבן אייראָפּע געגעבן אַ גרויסן טייל פון איר גאָלד. די ערד אַנטהאַלט אוצרות פון אייזן, אוילן, אָבער זיי זיינען ניט אַנטוויקלט. די רייכקייטן פון לאַנד זיינען נאָך דערוווייל זייער און זייער ווייניק עקספּלואַטירט געוואָרן.

די פּאָליטישע פירערס פון סאַנטאָ־דאָמינגאָ האָבן איצט אַן אַמביציע זייער לאַנד צו אַנטוויקלען און פאַרוואַנדלען אין אַ וויכטיקער קראַפט אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. זיי גלייבן אָבער ניט, אַז מיט זייער קליינער באַפעלקערונג וועלן זיי דאָס קענען דערגרייכן. טאַקע דערפאַר זיינען זיי געווען די ערשטע וואָס האָבן געמאַכט דעם אָנבאָט אַריינצולאָזן אין דער דאָמיניקאַ־נער רעפּובליק „הונדערט טויזנט אייראָפּעער". ניט נאָר האָפן זיי, נאָר זיי זיינען זיכער, אַז מיט דער ענערגיע פון די נײַ־אַריינ־געקומענע וועלן זיי זייער לאַנד קענען אַנטוויקלען און עס אַוועק־שטעלן עקאָנאָמיש און קולטורעל אויף דער נייטיקער הייך.

אין אַ סך לענדער, ספּעציעל אין רוסלאַנד, איז די לעצטע יאָרן געווען דער רוף: „אָניאָגן און איבעריאָגן אַמעריקע". אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ איז אַזאַ אילוזיע ניטאָ, אָבער מע וויל פון אַמעריקע זיך לערנען.

די ליבע צום לאַנד

דער איינוואוינער פון דער דאָמיני־קאַנער רעפּובליק רעדט שטענדיק מיט שטאָלץ וועגן דעם, אַז דאָס ערשטע שטיקל יבשה, וואָס קאָלאָמבוס האָט דערזען אויף זיין לאַנגער רייזע איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן צו אַנטדעקן אַ נייע וועלט, איז געווען דאָס אָרט וואו עס געפינט זיך די איצטיקע דאָמיניקאַנער הויפּטשטאָט, וועלכע האָט אַ לאַנגע צייט געטראָגן דעם נאָמען סאַנטאָ־דאָמינגאָ און היינט הייסט זי טרוכילאָ.

דער דאָמיניקאַנער רעדט אויך וועגן דער שיינקייט פון זיין לאַנד מיט באַגייסטערונג. די בערג און טאָלן פון דעם אינדזל, דער הימל און אַפילו די וואַסערן פון ים און די טייכן, וואָס רינגלען דעם אינדזל אַרום, זיינען אַנדערש ווי אומעטום. באמת, איך האָב נאָך אין ערגעץ ניט געזען אַזוי פיל קאָלירן אויפן פלאַך פון ים ווי ביי סאַנטאָ־דאָמינגאָ. די דאָמיניקאַנער רעדן אויך מיט באַגייסטערונג וועגן זייער לאַנד, וואָס איז געבענטשט מיט אַלץ, וואָס זיי דאַרפן, און צווינגט זיי ניט שווער צו אַרבעטן. און דעריבער זיינען זיי אַ מערקווירדיק זאָרגלאָז פאָלק.

איך האָב נאָך אין קיין לאַנד ניט געהערט דאָס פאָלק אַזוי פיל זינגען ווי אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק. עס זינגט דער אַרבעטער אין שטאָט און דער פויער אין דאָרף. עס מורמלט שטילערהייט אַ ניגון דער אָנגעשטעלטער אין געשעפט און די קעכין אין קיך. מע שפּילט אויף דער גיטאַרע און אויף פאַרשיידענע פּייקלעך. אין די פאַר־נאַכטן, ווען מע גייט אַרויס אין גאַס, זעט מען מענטשן שפּאַצירן און מען הערט געזאַנג אויף דער ראַדיאָ. פאַר אַ גאַסט אין לאַנד ווערט די ראַדיאָ דאַרטן אַן אָנשיקעניש. צוליב דעם הייסן קלימאַט זיינען כמעט אַלע הייזער אין שטאָט אָן פענצטער, ווייל דאָס הויז איז דער איינציקער פּלאַץ וואו מע באַהאַלט זיך פון דער הייסער זון. אָבער טירן פאַרמאָגט דאָס הויז, אַ טיר ביים אַריינ־גאַנג און אַ טיר ביי די זייטן. זיי עפענען זיך אויף נאָר ביי נאַכט. די מענטשן פון הויז זיצן לעבן די אָפענע טירן, ווייל די לופט אויף

דער גאַס איז דעמאָלט זייער אַן אָנגענעמע און אַ גוטע, און די ראַדיאָ שפּילט אויפֿן באַלקאָן אָדער לעבן דער טיר. איז דערפֿאַר, ווען איר גייט אַרום אין גאַס, הערט איר ווי עס מישן זיך אוים פֿאַרשיי־דענע געזאַנגען צוזאַמען און אייך דוכט זיך, אַז אַלע ראַדיאָס שפּילן אויף דער גאַס. די דאָמיניקאַנער האָבן דאָס ליב. די ראַדיאָ שפּילט און פּאָרלעך טאַנצן אונטער אויפֿן טראָטואַר.

יידן און ניט־יידן, מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגנט און בײַ וועלכע איך האָב געוואָלט אויסגעפֿינען צי עס איז דאָ אַנטי־סעמיטיזם אין לאַנד, האָבן מיר אַלע געגעבן איין ענטפֿער: דאָס

אַ לאַנדשאַפֿט אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ

לאַנד איז פריי פון אַנטיסעמיטיזם. דער דאָמיניקאַנער ווייס ניט פון דעם סם. אין אַלגעמיין געפינען זיך דאָרט גאָר ווייניק היינטיקע אייראָפּעאישע יידן. שפּאַנישע און האָלענדישע יידן זיינען דאָרטן שוין געוועזן פון לאַנג. זיי זיינען געקומען מיט די ערשטע אייראָפּעאישע באַזעצערס, זיי זיינען דאָרטן רייך געוואָרן און פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אין אַלע צווייגן פון אָרטיקן לעבן. אמת, אַז זיי אַליין, די אַמאָליקע אַריבערגעקומענע יידן, זיינען אין גאַנצן אַסימילירט.

די לעצטע פאַר יאָר האָט די דייטשישע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אויך דאָרטן דערגרייכט. עס באַווייזן זיך פון צייט צו צייט אַנטיסעמיטישע פּאַמפלעטן. אָבער צו דער באַפעלקערונג קלעפּן זיך די העצעס אויף יידן אַבסאָלוט ניט צו. דאָס דערקלערט זיך מיט דעם וואָס דער גייסטיקער איינפלוס פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג איז זייער גרויס און אַלץ וואָס רוזוועלט באַקעמפט, אונטערדריקט אויך די דאָמיניקאַנער רעגירונג, און אויך ווייל די באַפעלקערונג איז קליין איז פאַראַן אַ גוטע מיגלעכקייט צו קאָנטראָלירן און ווירקן, אַז דאָס לאַנד זאָל פון אַנטיסעמיטיזם ריין זיין.

מיר איז אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַן אָוונט מיט אַ געוועזענעם גאָווערנער פון דעם סטייט אין וועלכן עס געפינט זיך דער נייער יידישער ישוב. ער איז אַ פאַרמער, אָבער אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געגאַנגען אין אַן אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט, געהאַט אויך נייגונגען צו מוזיק און זיינע עלטערן האָבן אים געשיקט קיין דייטשלאַנד אין אַ קאָנסערוואַטאָריע. ווען איך האָב מיט אים גערעדט וועגן פאַשיזם און דיקטאַטור, האָט ער אין זיין געשפּרעך אַרויסגעוויזן אַ סך באַקאַנטשאַפט מיט דעם אומגליק וואָס עס האָט אויף דער וועלט געבראַכט סיי דער פאַשיזם, סיי דער קאָמוניזם, און מערקווירדיק, מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט ער האָט גערעדט, אַז זיין לאַנד און זיין פאָלק זיינען ווייט פון אַזוינע ווילדע זאַכן און אידייען.

ער איז איינער פון די מענטשן אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, וואָס זיינען זייער גוט באַקאַנט מיט די נייע יידישע קאָלאָניסטן. ער זעט וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן און זאָגט מיר: „ווען נאָך און נאָך אַזוינע מענשן ווי די, וואָס געפינען זיך אין יידישן ישוב, וועלן קומען צו אונדז אין לאַנד, וועלן זיי דאָס לאַנד אַנטוויקלען און וועלן פאַר זיך קענען שאַפן אַ גליקלעכע היים".

סאַסואַ — דער נייער יידישער ישוב

איך האָב מיט אומגעדולד און מיט גרויס אינטערעס געוואַרט אויף דעם טאָג ווען איך וועל קענען פאָרן זען די קאָלאָניעס.

אין טרוכילאָ, אין דער הויפּטשטאָט פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, האָב איך געמוזט פאַרברענגען דריי טעג, איידער איך האָב געקענט אַרויספאָרן קיין סאַסואַ.

סאַסואַ געפינט זיך אַרום אַ הונדערט מייל פון דער הויפּטשטאָט. אַהין פאָרן קען מען נאָר מיט אַן אויטאָמאָביל, ווייל דער אייזנבאַן־פאַרקער אין לאַנד איז זייער אַ שוואַכער, אַן אומבאַדייטנדיקער. די אייזנבאַן־סיסטעם, וועלכע עקסיסטירט דאָרטן, איז געבויט געוואָרן צו באַדינען די צוקער, טאַבאַק און אַנדערע אַגראַראינדוסטריעס פון לאַנד. די מענטשן באַנוצן זיך מיט דער אייזנבאַן זייער ווייניק און דערפאַר איז זי פאַר זיי ניט צוגעפּאַסט. פאַרשטייט איר דאָך, אַז ווען דער אויטאָמאָביל איז צוגעפאָרן צו מיין האָטעל און מען האָט מיר געזאָגט, אַז מען נעמט מיך קיין סאַסואַ, האָב איך זיך דערפרייט.

דער וועג, אויף וועלכן איך בין געפאָרן מיטן אויטאָמאָביל, איז ניט קיין שלעכטער: ער קען ניט פאַרגליכן ווערן צו אַן אַמעריקאַנער „האַי־וועי״, אָבער אַ סך אַ בעסערער ווי מיר איז אויסגעקומען, אין 1928, צו פאָרן אין רוסלאַנד צו זען די „אַגראָ־דזשאָינט״־ און „אָרט״־קאָלאָניעס. אויך אויפן וועג האָב איך געזען אַ שטיק לעבן פונעם דאָמיניקאַנער פאָלק. די ערשטע דריי טעג האָב איך געזען דאָס לעבן אין שטאָט און איצט, אויפן וועג — דאָס דאָרפישע לעבן. עס איז אויך אָריגינעל און אַנדערש ווי דאָס דאָרפישע לעבן אין אַנדערע לענדער.

דער פויער האָט זיין וואוינונג געבויט אויף די וועגן פון די גרעסערע שליאַכן. די פויערשע הייזלעך זיינען ווייט איינס פון דעם צווייטן. אָט זעט איר אַ הייזקע אויפן שפּיץ פון באַרג און איר וואונדערט זיך ווי מענטשן קענען אַהין אַרויפקומען, און אָט ליגן פאַר אייך אויסגעשפּרייט קליינע פויערשע הייזער אין טיפן טאָל און איר טראַכט, ווי קען מען אויך אַהין אַרונטערקומען? אָבער סיי אויפן שפּיץ פון באַרג און סיי אין טיפן טאָל ליגט אויסגעשפּרייט אַ פלאַך שטיק לאַנד, וואו יעדער פויער האָט זיין גאָרטן, זיינע בהמות, זיינע הינער און אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס מע דאַרף צו פירן אַן איינפאַכע ווירטשאַפט. אויפן וועג זעט איר אַ ים מיט קינדער. עס גייט אַ מאַמע און טראָגט עפּעס אויפן קאָפּ, מאַ־ראַנצן אָדער באַנאַנעס, וואַרשיינלעך טראָגט זי דאָס ערגעץ צו פאַרקויפן. עפּעס מאָדנע קעפּ איז ביי זיי: אַלץ וואָס זיי שטעלן אויפן קאָפּ אַרויף, האַלט זיך. נאָך דער מאַמען גייען קינדערלעך. אין אַ סך פאַלן האָב איך אָנגעציילט צוועלף קינדער, און אַ פאַ־מיליע פון צוועלף קינדער איז דאָרטן אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. איך האָב באַגעגנט אַ טאַטן אַ שניידער, אַ דאָמיניקאַנער, וועלכער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט 36 קינדער, אמת פון פינף פרויען וואָס ער האָט געהאַט.

דאָס פאַמיליע־לעבן איז דאָרטן ווייט פון צו זיין שטרענג, און צו האָבן מער ווי איין ווייב איז דאָרטן ניט קיין פאַרברעכן. די קינדער אויף די „האַי־וועיס" לויפן אַרום האַלב־נאַקעט. זייער הויט איז אַזוי שוואַרץ, אַז וויפל אַן אַמעריקאַנער זאָל זיך ניט ברענען אויף דער זון, קאָן ער אַזוי שוואַרץ ניט ווערן.

דערציילט מיר אַן אַמעריקאַנער עלעקטרישער אינזשיניר, אַז ער האָט זיך איין מאָל באַטייליקט אין אַ קאָמיסיע פון דער סאַנטאָ־דאָמינגאָ רעגירונג דורכצופירן אַ פאָלקס־ציילונג אין לאַנד. איז ער אַריין אין אַ שטוב און מען האָט אים אָנגעפאַנגען צו געבן די נעמען און די יאָרן פון די קינדער. צען קינדער איז אין יענער פאַמיליע געווען. האָט מען אָנגעפאַנגען צו רעכענען; איז אויס־געקומען, אַז יעדעס יאָר נאָך דער חתונה איז געבאָרן געוואָרן אַ קינד, אָבער פאַר דעם זעקסטן יאָר האָט אַ קינד געפעלט. האָט דער אינ־זשינער אין אַ שפּאַס אַ פרעג געטאָן, ווי אַזוי קומט עס וואָס פאַר

דעם זעקסטן יאָר פעלט אַ קינד? האָט מען זיך פאַרלאָרן, גע־קוועטשט מיט די פּלייצעס און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ווען ער איז פון הויז אַרויס, האָט מען אים באַלד נאָכגעיאָגט און געזאָגט, אַז מען האָט זיך דערמאָנט: עס איז אויך געווען אַ קינד דאָס זעקסטע יאָר, אָבער דאָס קינד איז געשטאָרבן.

און אָט בין איך צוגעפאָרן צו דער יידישער קאָלאָניע.

איך האָב מיט אַ יאָר פריער געלייענט אין די צייטונגען, אַז אַ קאָמיסיע פון פאַכלייט, אָנגעפירט פון אונדזער אַלעמענס באַ־קאַנטן ד״ר ראָזען, פון דעם „אַגראָ־דזשאָינט״, איז דורכגעפאָרן די גאַנצע דאָמיניקאַנער רעפּובליק, אויסגעפאָרשט אַלע געגנטן און האָט אויסגעקליבן סאָסואַ פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע. די קאָמיסיע האָט אין יענער געגנט באַקומען פאַר אָן אָנהייב 26 טויזנט אַקער לאַנד צו בויען דעם נייעם ישוב. איך האָב אויך געלייענט, אַז מיט יאָרן צוריק איז דאָס שטיקל לאַנד טיילווייז באַאַרבעט געוואָרן פון אַן אַמעריקאַנער קאָמפּאַניע, וועלכע רופט זיך „די יוניטעד פרוט קאָמפּעני״ וואָס פאַרמאָגט סיי אין צענטראַל, סיי אין דרום־אַמע־ריקע אַ גאַנצע ריי פּלאַנטאַציעס פון טראָפּישע געוויקסן. זי האָט אויף דעם לאַנד געפּלאַנצט באַנאַנעס. קיין גרויסן דערפאָלג האָט זי ניט געהאַט. האָט זי דאָס אויפגעגעבן. האָב איך געטראַכט, אַז מען האָט אויסגעקליבן דאָס שטיקל לאַנד נאָר צוליב דעם, ווייל עס איז שוין געווען טיילווייז באַאַרבעט פון פריער און מען האָט לייכט געקענט פון דאָס ניי אָנפאַנגען די אַרבעט. קען זיין, אַז דאָס איז געווען איינע פון די סיבות. אָבער עס איז מיר געווען גענוג צו זיין אַ קורצע צייט, אַ טאָג אָדער צוויי, אין סאָסואַ צו איבערצייגן זיך, אַז דאָס איז ניט די הויפּט־סיבה. דער הויפּט־מאָטיוו פון אָפּ־שטעלן זיך אין סאָסואַ איז ביי דער פאָרשונגס־קאָמיסיע און ספּע־ציעל ביי ד״ר י. ראָזען געווען דאָס, וואָס דער קלימאַט אין סאָסואַ איז אַ מילדערער, די זון באַקט דאָ ניט אַזוי שטאַרק, דערפאַר איז דאָס לאַנד אַ גינסטיקערע און דער אָנפאַנג אַ גרינגערער.

סאָסואַ ליגט ביים ברעג פון אַטלאַנטישן אָקעאַן. די שטענדיקע צאַרטע ים־ווינטן מאַכן דאָרטן דאָס לעבן גרינגער און די נאַטור־שיינקייט איז דאָרטן אַן אויסערגעוויינלעכע. מיר דוכט זיך, אַז דווקא פאַר יידן, וועלכע זיינען פון דער נאַטור אין פאַרלויף פון

טויזנטער יאָרן געווען אָפּגעריסן — ווייל מיר זיינען אַ שטאָטיש פאָלק — איז גראָד נייטיק, אַז די שווערע אַרבעט אויפן פעלד זאָל פאַרגרינגערט ווערן דורך דער וואונדער-שיינקייט פון דער נאַטור. איך האָב ניט איין מאָל פון יידישע קאָלאָניסטן געהערט, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, ווי זיי האָבן באַוואונדערט די נאַטור-שיינקייט און איך האָב אַלע מאָל געפילט, אַז דאָס העלפט זיי ניט נאָר פאַרגעסן דאָס וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין דייטשלאַנד, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין עסטרייך און אויף זייערע שווערע וואַנדערוועגן, נאָר אויך זייער איצטיקע שווערע אַרבעט אַ גאַנצן טאָג.



די יידישע קאָלאָניע אין סאָסואַ

די יידישע קאָלאָניע — אַ לאַבאָראַטאָריע

די דאָמיניקאַנער רעפּובליק האָט דערוויל געגעבן דעם „אַגראָ־דזשאָינט" 26 טויזנט אַקער לאַנד. די רעגירונג איז געווען גרייט צו געבן אַ סך מער, אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיך די פירערס פון דעם „אַגראָ־דזשאָינט" ניט געוואָלט צו פיל איילן און זיי האָבן דעריבער מער ווי די 26 טויזנט אַקער לאַנד ניט גענומען. דער מאָטיוו איז געווען פאָלגנדער: עס איז אמת, אַז קאָמפּעטענטע פאַכלייט האָבן אונטערזוכט דעם קלימאַט און די באַדינגונגען פון לאַנד און זיי זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז דער באָדן איז פּאַסיק פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע. דאָך, האָבן די פירערס פון דעם „אַגראָ־דזשאָינט" געוואָלט זיין אַבסאָלוט זיכער, צי איראָפּעאישע מענטשן וועלן קענען ווי געהעריק איז צופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען. זיי האָבן דערפאַר באַשלאָסן די 26 טויזנט אַקער צו פאַרוואַנדלען אין אַ מין לאַבאָראַטאָריע, ברענגען אַ קליינע גרופּע מענטשן, אָנפאַנגען מיט זיי צו אַרבעטן און זען די רעזולטאַטן.

אין פאַרלויף פונעם ערשטן יאָר זיינען אַהין אַריבערגעבראַכט געוואָרן 500 מענטשן, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו באַאַרבעטן דאָס לאַנד. מען האָט זיך זייער גיך איבערצייגט, אַז דער אָנהייב איז אַ גוטער און מען קען אויסברייטערן די אַרבעט. די פאָרטרעטערס פון דעם „דזשאָינט" אין איראָפּע האָבן דערוויל רעגיסטרירט נאָענט פון טויזנט נייע מענטשן. די רעגירונג פון סאַנטאָ־דאָמינגאָ האָט זיי גלייך געגעבן וויזעס אויף אַריבערצוקומען. דערוויל האָט אָבער פּאַסירט אַן אומגליק. עס האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה, עס איז געוואָרן אַ מאַנגל אין שיפן, וועלכע האָבן געקענט פירן פון איראָפּע מענטשן אין די פאַראייניקטע שטאַטן בכלל און אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ בפרט, און די ווייטערדיקע אַרבעט אַריבער־

צוברענגען נייע פליטים האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשטעלט. אַ שיף ברענגט פון צייט צו צייט צען אָדער צוואַנציק נייע קאָלאָניסטן און ווייטער גייט דאָס ניט. ס׳ווערן פון די אַגראָ־דזשאָינט־מענטשן אָנגעווענדט אַלע מיטלען צו ברענגען פליטים פון אייראָפּע, אָבער קיין גרויסע רעזולטאַטן האָט מען ביז איצט ניט דערגרייכט. די 500*) מענטשן, וועלכע געפינען זיך דאָרטן, האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר נייע קאָלאָניסטן, אָבער די נייע קומען דערוויל ניט.

*) איצט, אין 1942, געפינען זיך דאָרטן איבער 500 דערוואַקסענע.



אין קאָאָפּעראַטיוון עסצימער פון דער קאָלאָניע

ווי האָבן זיך דערוויילט איינגעאָרדנט די, וואָס געפינען זיך שוין אין סאָסוּאַ?

אויף דער פראַגע איז זייער שווער צו ענטפערן. עס זיינען דאָ זייער אַ סך פּראָבלעמען, איך וואָלט געזאָגט שטערונגען, אין וועלכע ניט דער „אַגראָ־דזשאָינט" און ניט די דאָמיניקאַנער רעגירונג זיינען שולדיק. עס איז שולדיק די ביטערקייט פון דער היינטיקער צייט.

די פאַרטרעטערס פון „אַגראָ־דזשאָינט" אין אייראָפּע, וואָס האָבן געדאַרפט אויסקלייבן די מענטשן פאַר סאַנטאָ־דאָמינגאָ, האָבן געהאַט אין זינען צו ברענגען אַהין אַ יונגן עלעמענט אין די יאָרן פון 25 ביז מאַקסימום 35. דער חשבון איז געווען, אַז מענטשן פון די יאָרן וועלן זיך קענען גיכער צופּאַסן און גרינגער אַריבערטראָגן די נייע באַדינגונגען. און דאָס איז טאַקע אמת, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַזאַ אויסוואַל רופט אַרויס אַ סך שוועריקייטן.

די גרעסטע צאָל יידישע קאָלאָניסטן זיינען ניט פאַרהייראַט: אין די לענדער, פון וועלכע זיי זיינען אַנטלאָפן, האָבן זיי איבערגעלאָזט זייערע ברידער, שוועסטער, טאַטעס און מאַמעס, און זיי זיינען זייער באַאומרואיקט וועגן זייער שיקזאַל. ווען זיי זיינען געווען אין אייראָפּע און די גרויזאַמע האַנט פון פאַשיזם האָט זיי געטריבן און זיי האָבן געדאַרפט לויפן פון איין שטאָט אין דער צווייטער, פון איין לאַנד אין דעם צווייטן, האָבן זיי קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן וועגן די נאָענטע איבערגעבליבענע פון זייער משפחה. ווען זיי זיינען אָבער געקומען אין סאָסואַ און האָבן זיך אַ ביסל איינגעאָרדנט, האָבן זיי זיך באַרואיקט פון דעם פּאָגראָם, וואָס מען האָט אויף זיי געמאַכט, און ניט נאָר אָנגעפאַנגען צו טראַכטן וועגן זייערע משפחות, נאָר האָבן אויך אָנגעפאַנגען נאָך זיי שטאַרק צו בענקען. אַריבערנעמען די אייגענע איז זיי שווער, ערשטנס צוליב דעם וואָס פון אייראָפּע איז בכלל שווער אַריבערצוברענגען מענטשן; צווייטנס, איז דער „אַגראָ־דזשאָינט" ניט זיכער, אַז די פאַמיליעס, וואָס וועלן קומען, וועלן זיין צוגעפּאַסט צו דעם נייעם ישוב. דאָס שטערט אין אַ געוויסער מאָס דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניע.

עס פעלן אויס מיידלעך

צווישן די 500 אַריבערגעבראַכטע קאָלאָניסטן געפינען זיך איבער 100 בחורים און 10 מיידלעך. איז פאַר דער קאָלאָניע איצט אַ גרויסע פראָבלעם: ערשטנס, דאַרפן די בחורים חתונה האָבן, דאָס אַליין איז אַן ענין זייער אַ וויכטיקער, און ווייטער איז אַ בחור שווער צו פירן אַן אייגענעווירטשאַפט, אַ זעלבשטענדיקע, ספּעציעל אַ פאַרמער־ווירטשאַפט. פאַר דעם איז אַ סך מער צוגעפאַסט אַ פאַרהייראַטע פאָר.

ווען עס איז געפייערט געוואָרן דאָס ערשטע יאָר יידישע קאָלאָניזאַציע אין דער דאָמיניקאַנער רעפובליק, זיינען צו דער פייערונג געקומען אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענטן און איינער פון זיי האָט אויסגעפונען, אַז עס פעלן אויס מיידלעך אין סאַסואַ, האָט ער וועגן דעם געמאַכט אַ סענסאַציע אין אַן אַמעריקאַנער צייטונג. זיינען אָנגעקומען הונדערטער בריוו פון אַמעריקאַנער יידישע מיידלעך, אַז זיי זיינען גרייט צו קומען קיין סאַסואַ חתונה צו האָבן מיט די יידישע קאָלאָניסטן. איז דאָך גוט. טויג דאָס ערשט ניט. ברענגען אַהין די אַמעריקאַנער מיידלעך, מיינט געבן מיט דער צייט די קאָלאָניסטן די מיגלעכקייט אַריינצופאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווי עס איז זאָל זיך אין דער קאָלאָניע גוט ניט לעבן, איז דאָס פאָרט אַ שווערע פּיאָנערן־אַרבעט, און ווען איינער וועט האָבן די מיגלעכקייט אַריינצוקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז אַפילו ווען עס וועט אים דאָ ערגער זיין, וועט ער וועגן דעם ניט טראַכטן און וועט פאָרן. אָבער מיט דעם וואָס מען האָט די מיידלעך ניט געענטפערט אויף די בריוו, איז די פראַגע ניט דערליידיקט געוואָרן. ווען עס זאָלן זיין גענוג שיפן אויף צו ברענגען מענטשן איז אַפילו אַחוץ דער חתונה־פראָבלעם, נייטיק מער פרויען פאַר דער אַרבעט אין דער קאָלאָניע. אָבער ווי אַזוי צו ברענגען זיי פון אייראָפּע איז אַ האַרבער ענין.

אָט באַגעגן איך אויפן פעלד אונטער דער ברענענדיקער זון איינעם, וואָס שטייט מיט אַ גראָבאייזן און לייגט אוים וועגן צווישן די בייטן וואו עס וואַקסן אוגערקעס, ציבעלעס און אַנדערע גרינסן.



איינער פון די נייע קאָלאָניסטן

איך פאַרפיר מיט אים אַ געשפּרעך. ער דערציילט מיר, ווי אַזוי די נאַציס האָבן אים געמאַטערט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווי אַזוי ער האָט זיך באַפרייט, ווי אַזוי ער האָט פאַרלאָזן זיין ליבע היימ־לאַנד, טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועסטער; ווי ער האָט געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד און געקומען קיין „סאַסואַ".

— איך האָב געמיינט, — זאָגט ער מיר, — אַז נאָך דעם ווי איך וועל זיך דאָ באַזעצן, וועל איך קאָנען אַריבערנעמען מיינע אייגענע, מיינע נאָענטע, אָבער פון אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזן אַ בי־טערע אַנטוישונג. איך שרייב בריוו קיין דייטשלאַנד צו מיינע נאָענטע און קריג ניט קיין ענטפער. ווער ווייס צי זיי זיינען גע־בליבן צווישן די לעבעדיקע, אָדער צי זיי ווערן ניט געטריבן פון לאַנד צו לאַנד, צי זיי וואַלגערן זיך ניט אויף די וועגן פון דער געפייניקטער וועלט? זיי ווייסן ניט פון מיר און איך ווייס ניט פון זיי. אין די שעהן וואָס איך אַרבעט אין פעלד פאַרגעס איך זיך, אָבער אין די נעכט, ווען איך בלייב אַליין... ווי שווער עס זיינען פאַר מיר די שטילע נעכט פון סאַסואַ!

און ער רעדט ווייטער:

— ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך שוין ניט קיין יונגער בחור, באַלד ווער איך דרייסיק יאָר אַלט. אין דער היים האָב איך אַ כלה געהאַט, געזאָלט חתונה האָבן, מיר האָבן זיך ליב געהאַט, געחלומט וועגן אַ גליקלעכער צוקונפט, און איצט וואָס?

— איך האָב שוין אויפגעגעבן מיין האָפענונג, דער אומעט נאָגט, די בענקשאַפט מאַטערט, שטיקט, אַז מען קאָן פון זינען אַראָפּ.

— ביי נאַכט גיי איך אַרום ביים ברעג פון ים און מיינע אויגן שניידן דורך די טיפע ווייטקייט. מיר דוכט זיך, אַז אָט־אָט וועל איך זיי זען, אָט וועט אפשר צופאָרן אַ שיף... איך ווייס, אַז קיין ניסים טרעפן ניט, אָבער דער מוח רוט ניט, איך וואַרט אויף אַ נס. ניין, איך וועל פון זינען אַראָפּ.

— אַ מאָל טראַכט איך, — זאָגט ער צו מיר, — דאָ חתונה האָבן, אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי, אָבער מיט וועמען? מיט די נעגערטעס, וועלכע דרייען זיך דאָ אַרום? מיר זיינען דאָך אָן אָפּגעריסענע, פון דער וועלט ווייטע יידישע קאָלאָניע פון גאָלע בחורים!

דער ערשטער אויפטו פון דער יידישער קאָלאָניע

די יידישע קאָלאָניע פון דעם „אַגראָ-דזשאָינט" אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, וואָס האָט דערווייל אַ באַפעלקערונג פון 500 מענטשן, איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן, איינער איז אַ קאָאָפּעראַטיוו, און דער אַנדערער באַשטייט פון פּריוואַטע ווירטשאַפטן.

ווען אַ גרופּע קאָלאָניסטן קומט קיין סאָסואַ, אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, דאַרפן זיי אַפּאַרבעטן אַן ערך זעקס חדשים אויף די קאָאָפּעראַטיווע פעלדער, דאַרטן לערנען זיי זיך די אַרבעט. אין פאַרלויף פון די זעקס חדשים צייט דאַרף דער „אַגראָ-דזשאָינט", דורך אַ ספּעציאַליסט אין לאַנדווירטשאַפט אויסגעפינען צו וואָס יעדער פון זיי איז צום בעסטן צוגעפּאַסט אויפן געביט פון ערד-אַרבעט. מ'רעכנט זיך דערביי אויך מיט דעם וואונטש פון דעם איינצעלנעם מענטשן. נאָך די זעקס חדשים ווערט דער קאָלאָניסט אויסגעטיילט פונעם קאָאָפּעראַטיוו, מען גיט אים אַן אייגן שטיקל לאַנד, ניט קיין גרויסע סומע געלט און ער ווערט זעלבשטענדיק.

די פּראָדוקטן וואָס עס ווערן אויסגעאַרבעט פון דעם קאָאָפּעראַטיוו נעמט צו דער קאָמיטעט פון דעם „אַגראָ-דזשאָינט" פאַר דעם געברויך פון די אַלע אָנגעשטעלטע ווי אויך פון די קאָלאָניסטן אין קאָאָפּעראַטיוו. יעדער קאָלאָניסט אין קאָאָפּעראַטיוו באַקומט דריי דאָלער אַ וואָך אויף זיינע פּריוואַטע אויסגאַבן. אויף די פעלדער פונעם קאָאָפּעראַטיוו ווערן געזייט באַנאַנעס, טאָמאַטן, טאַבאַק, קאַרטאָפל, אַנאַנאַס (פיינעפּל). מען עקספּערימענטירט איצט אויך מיט אַ מין אויל-בעבלעך וועגן וואָס מיר וועט אויסקומען צו דערציילן שפּעטער.

די קאָלאָניסטן וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט דעם זעקס-חדשים-דיקן קורס ווערן איינגעאָרדנט אויפן פאָלגנדן אופן:

איין גרופּע, צום ביישפּיל, האָט זיך אויסגעצייכנט אין האָדע־ווען קי. פאַר איר איז אָפּגעטיילט געוואָרן אַ באַזונדער שטיק לאַנד, וואָס איז צוגעפּאַסט אויף צו פיטערן בהמות. די גרופּע האָט איבער 250 בהמות. יעדער פאַרמער פון דער גרופּע פּאַסט אויף אויף זיינע אייגענע בהמות, מעלקט זיי אַליין און די מילך געהערט אים; די מליך ווערט אָבער פאַרקויפט צום קאָאָפּעראַטיוו, דאָס מיינט צו דעם „אַגראָ־דזשאָינט”. אַ גרויסער טייל פון דער מילך פאַרברויכט דער קאָאָפּעראַטיוו און פון די איבערגעבליבענע מאַכט מען סמעטענע, פּוטער און הויפּטזעכלעך אַ מין שווייצער־קעז, וועלכער



אין דייטשלאַנד אַן אינטעליגענט — אין דער קאָלאָניע מעלקט ער קי

קען, לויט זיין קוואַליטעט, קאָנקורירן אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ מיט די אימפּאָרטירטע קעזן פון אויסלאַנד, און לויט ווי ספּעציאַליסטן זאָגן, קען ער אויך קאָנקורירן מיט די אַמעריקאַנער קעזן.

אַ צווייטע גרופּע ספּעציאַליזירט זיך אויף הינער־צוכט, אויף פּלאַדיען און האָדעווען עופות. די גרופּע האָט אויך באַקומען אַ שטיק לאַנד, וואָס איז פאַר דעם צוועק צום בעסטן צוגעפּאַסט.

אַ דריטער גרופּע האָט מען אויסגעטיילט אַ באַזונדער שטיק לאַנד צו פּלאַנצן אויל־בעבלעך. און אַזוי זיינען די יידישע קאָ־לאָניסטן איינגעטיילט אין נאָך גרופּעס ביי פאַרשיידענע צווייגן פון פאַרמעריי.

אויסער דעם אַלגעמיינעם שטח לאַנד, וואָס יעדע גרופּע קריגט פאַר איר ספּעציעלערווירטשאַפט, באַקומט יעדער איינצעלנער קאָ־לאָניסט אַ גרויס שטיק קולטיווירט לאַנד, וואו ער שטעלט אַוועק זיין הויז און פּלאַנצט זיין אייגענעם גאָרטן מיט אַלע נייטיקע גרינסן, וואָס ער דאַרף האָבן פאַר זיין אייגענעם געברויך. זיי פּלאַנצן דאָרטן אוגערקעס, ציבעלעס, קאַרטאָפל, טאָמאַטן, מערן, באַנאַנעס או״ו.

סיי די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע, סיי די אינדיווידועלע פאַר־מערס האָבן די געגנט באַאַרבעט אַזוי, אַז די דאָמיניקאַנער פון יענער שכנהשאַפט זיינען פאַרוואונדערט, וואָס אין פאַרלויף פון אַ יאָר צייט האָט מען אַ ווילדערניש פאַרוואַנדלט אין אַ בליענדיקן גאָרטן, וואו עס וואַקסן אַזוינע פּראָדוקטן, וואָס זיי האָבן זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אויף דער סאַנטאָ־דאָמינגער ערד זאָלן זיי בכלל קאָנען וואַקסן.

די ערד־אַרבעט אין ביידע קאָלאָניעס, סיי אין דער קאָאָפּעראַ־טיווער, סיי אין דער אינדיווידועלער, ווערט געפירט פון די בעס־טע פאַכמענער־אַגראָנאָמען: זיי עקספּערימענטירן אויף פאַרשיי־דענע נייע פאַרפּלאַנצונגען; זיי מאַכן פאַרשיידענע פאַרמערישע קאָמבינאַציעס און — מיט דערפאָלג. יעדער נייער דערפאָלג ווערט באַגעגנט מיט אַ שמחה ניט נאָר פון די יידישע קאָלאָניסטן, נאָר אויך פון די שכנים אַרום.

אַ יום־טוב לכבוד קאַרטאָפל

אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק וואַקסן זייער אַ סך זיסע קאַרטאָפל, עטוואָס פון אַן אַנדער מין ווי די, וואָס וואַקסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די דאָזיקע קאַרטאָפל זיינען אַ וויכטיקער אַרטיקל פאַרן לעבנס־געברויך פון דער באַפעל־קערונג. אָבער קיין היימישע, טאַקע אונדזערע ליטווישע אָדער פּוילישע קאַרטאָפל, זיינען דאָרטן ניט געוואַקסן. די געוויינטלעכע קאַרטאָפל האָט מען געבראַכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אָדער קאַנאַדע און געגעסן האָבן זיי נאָר די פאַרמעגלעכע, די רייכע. מען האָט ניט געגלייבט, אַז אַזאַ מין קאַרטאָפל קען בכלל וואַקסן אין דער ערד פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק. די יידישע קאָלאָניע האָט זיך מיט דעם גענומען באַשעפטיקן. מען האָט געמאַכט אַ פּרואוו אויף אַ גרעסערן פאַרנעם. פאַכמענטשן האָבן אויפגעפּאַסט. מען האָט געהיט די אין דער ערד אַריינגעלייגטע קאַרטאָפל ווי די אויג אין קאָפּ. אין די פאַרנאַכטן, ווען די פעלד־אַרבעטער פלעגן זיך צוזאַמענקלייבן ביי די קאָאָפּעראַטיווע געשעפטן, פלעגט מען האַלטן אין איין רעדן וועגן די פאַרזייטע קאַרטאָפל. די קאָלאָניע האָט אַלץ געוואַרט אויף די קאַרטאָפל ווי אַ יונג פּאָרפאָלק וואַרט אויף דעם ערשטן קינד, וואָס ליגט נאָך ביי דער מאַמען אין בויך. מע פלעגט ביי דער ערשטער באַגעגעניש איינע די אַנדערע פרעגן: נו, ווי גייט עס, ס'וועט זיין קאַרטאָפל? איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זיין אין דער קאָלאָניע דאַן, ווען מען האָט דאָס ערשטע מאָל אויסגעגראָבן די קאַרטאָפל. ווען מען האָט די קאַרטאָפל פון דער ערד אַרויסגעגראָבן האָט יעדער איינער עס געהאַלטן אין האַנט, געטאַפּט, אַלץ איינס ווי קיינער וואָלט ניט געגלייבט אַז דאָס איז טאַקע אַן אמתער קאַרטאָפל!

עס איז ממש געווען אַ פאַרפלייצונג פון קאַרטאָפל. ווען מען האָט אין קאָאָפּעראַטיוון טאָפּ אַריינגעלייגט קאָכן די נאָר וואָס פון

פעלד אַראָפּגענומענע קאַרטאָפל, איז מען ווי קליינע קינדער געשטאַנעןביים הייסן, קאָכיקן טאָפּ און מען האָט זיך געוואונדערט אויף דעם נס. אין דער קאָלאָניע האָט דעמאָלט געהערשט אַ קאַרטאָפל יום־טוב. די אַרומיקע באַפעלקערונג האָט באַוואונדערט וואָס עס האָט זיך איינגעגעבן די נייע קאָלאָניסטן, אַז אַ קאַרטאָפל, וואָס איז דאָרט קיין מאָל ביז איצט ניט געוואַקסן, האָט איצט אָנגעפאַנגען צו וואַקסן, און עס וועט שוין גיין אַ גאַנג.



אַ קאָלאָניסט אַרבעט אויפן פעלד

אויל-בעבלעך

עס איז פאַראַן אַזאַ באַב, וואָס וואַקסט אין די טראָפּישע לענדער פון וועלכן די וועלט פּראָדוצירט ריצנאויל. די בעבלעך וואַקסן אין בראַזיליע. פאַר דער איצטיקער מלחמה האָט בראַזיליע געשיקט אָט די אויל-בעבלעך אין אַלע טיילן פון דער וועלט און ספּעציעל אין די פאַראייניקטע שטאַטן. בראַזיליע ליגט אַ סך ווייטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווי די דאָמיניקאַנער רעפּובליק. האָט דער „אַגראָ-דזשאָינט" גענומען מאַכן עקספּערימענטן און האָט פאַרזייט די אויל-בעבלעך. אויך דער עקספּערימענט האָט זיך איינגעגעבן. די, וואָס באַשעפטיקן זיך דאָרטן אין דער „אַגראָ-דזשאָינט" קאָלאָניע מיט אַנטוויקלען די ספּעציעלע בעבלעך, זיינען זייער צופרידן מיט די רעזולטאַטן, און זיי האָבן שוין פון אַן אַמעריקאַנער געזעלשאַפט געקראָגן אַ באַשטעלונג אויף פינף טויזנט טאָן בעבלעך. עס איז אמת, אַז ביי דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער קאָלאָניע קען די ערד אַזוי פיל בעבלעך ניט אַרויסגעבן. דאָס העכסטע, וואָס מען וועט קאָנען האָבן אין דער נאָענטער צוקונפט, איז אַ טויזנט טאָן בעבלעך. אָבער אַ גאַנצע ריי אַנדערע פאַרמער-פלאַנטאַציעס ווילן דאָס בעבל פלאַנצן כדי מיגלעך צו מאַכן, אַז דער „אַגראָ-דזשאָינט" זאָל קאָנען די פינף טויזנט טאָן צושטעלן. דער „אַגראָ-דזשאָינט" לייגט זייער פיל האָפענונגען אויף דעם פּראָדוקט, וויל די דאָמיניקאַנער רעפּובליק איז אַ סך נעענטער צו אייראָפּע און ספּעציעל צו אַמעריקע ווי בראַזיליע און מען איז זיכער, אַז מע וועט קאָנען דעם ספּעציעלן אַרטיקל אָפּזעצן אַ סך גרינגער, ווי דאָס טוט בראַזיליע. אויך דאָס איז אַ באַדייטנדער אויפטו.

עס וואַקסן דאָרטן אויך מאַראַנצן. זיי וואַקסן פון זיך אַליין. איך האָב געזען די מאַראַנצן-פּלאַנטאַציעס אין קאַליפאָרניע און אין פלאָרידע. יעדע פּלאַנטאַציע איז אַ בליענדיקער גאָרטן. עס ווערט

אויף דעם אויפגעפּאַסט און דערפאַר איז דער מאַראַנץ אַ געשמאַק־ קערער און אַ בעסערער. אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק וואַקסט דער מאַראַנץ פון זיך אַליין, ווי ווילדע עפּל. עס איז אַ פאַרפּלייצונג פון מאַראַנצן. מע פאַרקויפט 100 מאַראַנצן פאַר 15 סענט. אויך די מאַראַנצן דאַרפן קולטיווירט ווערן. עס זיינען דאָ פּלענער אויפ־ צושטעלן מאַראַנצן־פּלאַנטאַציעס, וואו עס זאָלן קאָנען וואַקסן די בעס־ טע מאַראַנצן אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט. מע צווייפלט, צי אָט די מאַראַנצן וועט מען קאָנען שיקן אין אַנדערע לענדער, ווייל די דאָמיניקאַנער רעפּובליק איז אַ ביסל צו ווייט פון די אַנדערע לענדער, אָבער פאַר דעם לאַנד־געברויך קאָן דאָס זייער גרוים אַנט־ וויקלט ווערן. דאָס גליק פון דעם אייראָפּעאישן אימיגראַנט וואָס קומט קיין סאַנטאַ־דאָמינגאָ באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס לאַנד איז רייך אין נאַטירלעכע אוצרות, וואָס זיינען נאָך ניט אַנטוויקלט געוואָרן. אָט די אוצרות זיינען נאָך פון קיינעם ניט עקספּלואַטירט געוואָרן, און אין די ווירטשאַפטן, סיי אין די פאַרמערשע, סיי אין די שטאָטישע, קאָן מען אַריינטראָגן אַ ניי לעבן. מע קאָן זיי אַנט־ וויקלען, אַז זיי זאָלן פּראָדוצירן סיי פאַר דעם געברויך פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג, סיי פאַר דעם אויסלענדישן עקספּאָרט.



מע בויט הייזער אין דער קאָלאָניע

די בהמות, פערד און הינער זיינען אויך אַנדערע

צוליב דעם טראָפּישן קלימאַט זיינען דאָרטן ניט נאָר די מענטשן אַנדערע, נאָר אויך אַנדערש זיינען דאָרטן די פירפיסיקע חיות. מאָדנע זעען דאָרטן אויס די הינער. יעדער הויף, וואו עס שפּאַצירן אַרום הינער, איז אַן אמתער „זו". הינער מיט הויכע פיס און לאַנגע העלדזער, הינער מיט סאַמעט־שוואַרצע פעדערן אויפן קאָפּ און ווייסע פעדערן אויפן רוקן, הינער קליין און גרויס אין וואוקס. אַזאַ גרויסער אויסוואַל אין קאָלירן און אויסזען, אַז עס דוכט זיך, אַז מען איז אויף אַן אויסשטעלונג פון הינער און פייגל. דאָס פלייש פון די הינער און בהמות איז מאָגער, ווייל זיי דערנערן זיך נאָר פון גראָזן אין פעלד. קיין אַנדער זאַך קומט אין זייער מויל ניט אַריין. זייען ספּעציעלע פּראָדוקטן, מיט וועלכע מע זאָל קאָנען שפּעטער קאָרמענען הינער און בהמות איז אַ צו קאָמפּלי־צירטער ענין פאַר דעם דאָמיניקאַנער. ער טראַכט: וואָס דאַרף ער פאַרזייען, ווען אין לאַנד איז אייביק זומער, און די פעלדער זיינען שטענדיק גרין און פאַר די בהמות איז דאָ אַ סך וואָס צו עסן.

איז געקומען דער „אַגראָ־דזשאָינט" און געבראַכט נייע אידייען פאַר דער פי־ווירטשאַפט. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געפּרוּווט איינפירן איז „געמישטע הייראַטן" צווישן די פירפיסיקע חיות.



די קאָאָפּעראַטיווע מילכפאַרם

דאָס אַמעריקאַנער פערד, די בהמה און הון זיינען שטאַרקערע און געזינטערע. האָט מען געבראַכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן אָקסן, הענער און מאַנסבילשע פערד און פון דעם וויל מען שאַפן אַ נייעם דור, אַ שטאַרקערן, פון בהמות, פערד און הינער. דורך דעם ווערט געשאַפן אין לאַנד ניט נאָר בעסערע פלייש, בעסערע אייער, נאָר אויך פעטערע און בעסערע מילך.

די אַלע עקספּערימענטן, וואָס ווערן היינט צו טאָג געמאַכט פון דעם „אַגראָ-דזשאָינט", זיינען נאָך ריין-לאַבאָראַטאָרישע, אָבער דער קליינער ישוב אַרבעט פיבעריש כדי מיגלעך צו מאַכן פאַר ניי-אַריבערגעקומענע צו אַרבעטן און ווי געהעריק זיך איינצואָרדענען.

דער פּאַרנעם פון דער דאָמיניקאַנער רעגירונג איז אַריינצונעמען אין לאַנד הונדערט טויזנט אימיגראַנטן — יידישע און ניט-יידישע. דאָס איז אָבער אַ ווייטער, ווייטער חלום. צי ער וועט ווען עס איז פאַרווירקלעכט ווערן, ווייס איך ניט, אָבער אַז אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק קאָנען אין פאַרלויף פון אַ פּאָר יאָר איינגעאָרדנט ווערן פון צען ביז פופצן טויזנט יידן — אין דעם צווייפלט קיינער ניט, אויב עס וועט נאָר זיין אַ מיגלעכקייט די יידן אַריבערצופירן פון די אייראָפּעאישע לענדער. זיי, די ניי-אַריבערגעקומענע, קאָנען און וועלן מיט זייער פרישער ענערגיע רעוואָלוציאָניזירן די שטאָטישע און דאָרפישע אינדוסטריעס. זיי קאָנען אַלץ איבערפלאַנצן, אַלץ איבערבויען און זיין אַ גליק און גאָטס בענטשונג פאַרן לאַנד.



אויף אַ הינער-פאַרם

ווער זיינען די איצטיקע קאָלאָניסטן

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז די איצטיקע קאָלאָניסטן און אַרום טויזנט, וואָס דאַרפן נאָך קומען, זיינען דייטשישע יידן, אָבער צווישן זיי זיינען אויך דאָ פּוילישע יידן, וואָס זיינען אין פּוילן געבאָרן געוואָרן, אָבער האָבן די לעצטע צען אָדער צוועלף יאָר געלעבט אין דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, אָדער עסטרייך. אַזוי ווי די קאָלאָניזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן נאָך פאַר דער איצטיקער וועלט־מלחמה, זיינען די איינציקע פאַרפאָלגטע יידן אין יענער צייט געווען די יידן פון די דריי אייבנדערמאָנטע לענדער און וועגן די פּוילישע יידן האָט דעמאָלט קיין רייד ניט געקאָנט זיין, ווייל, ווי שלעכט די פּוילישע יידן האָט זיך ניט געלעבט, האָבן זיי דאָך געלעבט אין דעם פרייען פּוילן, און פאַר דעם „דזשאָינט" זיינען זיי דעמאָלט קיין פּראָבלעם ניט געווען. היינט טראַכט מען אויך וועגן דעם, ווי אַזוי אַריבערצוברענגען אַהין יידן פון פּוילן. איז ווייטער די זעלבע געשיכטע: ערשטנס, ווי אַזוי נעמט מען זיי אַרויס פון נאַציישן פּוילן צו אַ פרייען פּאָרט און, צווייטנס, ווי אַזוי ברענגט מען זיי פון דעם פרייען פּאָרט קיין סאַנטאָ־דאָמינגאָ.

די גרעסטע צאָל קאָלאָניסטן (געווים אַכציק פּראָצענט פון זיי) האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט, צו דעם קלימאַט, און זיי זיינען צופרידן מיט זייער איצטיקן לעבן, כאָטש דאָס לעבן איז פאַר זיי גאָר ניט גרינג. די גרעסטע צאָל איינוואוינער פון דער קאָלאָניע זיינען געווען פריער אין דייטשלאַנד, עסטרייך אָדער טשעכאָסלאָוואַקיע איינגעאָרדנט ביי לייכטע פּראָפעסיעס. עס האָט זיך זיי געלעבט אין אָט די לענדער ניט שלעכט. צווישן די קאָ־לאָניסטן איז דאָ אַ גרויסע צאָל אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אין דער אַלטער היים באַשעפטיקט מיט אינטעליגענטע פּראָפעסיעס. און דער איבערגאַנג צו ערד־אַרבעט איז פאַר זיי אַ שווערער. נאָר דאָס, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין פאַרלויף פון די זיבן־אַכט יאָר היטלעריזם, איז שווער צו באַשרייבן, און זיי זיינען היינט גליקלעך, וואָס זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די פאַשיסטישע נעגל און לעבן אין אַ לאַנד וואו עס איז רואיק, אין אַ לאַנד אָן אַנטי־סעמיטיזם, און וואו זיי זיינען פאַררעכנט ווי גלייכע.

אַרום צוואַנציק פּראָצענט זיינען אומצופרידן און טראַכטן ניט צו פאַרבלייבן ביי ערד־אַרבעט. אַזאַ פּראָצענט איז אַ נאָרמאַלער. אין אַלע אַנדערע יידישע קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונגען איז דער פּראָצענט אומצופרידענע אַ סך אַ גרעסערער.

די שפּראַך פון דער יידישער קאָלאָניע אין סאָסואַ איז ניט יידיש. פינף שפּראַכן ווערן דאָרטן גערעדט: רוסיש, ווייל דאָרטן זיינען דאָ אַ פּאָר רוסישע פּאַרלייט; שפּאַניש איז די שפּראַך פון לאַנד; דייטש — די שפּראַך פון די קאָלאָניסטן; ענגליש — ווייל די קאָלאָניע ווערט אָנגעפירט פון דעם אַמעריקאַנער „אַגראָ־דזשאָינט"; פראַנצייזיש — ווייל אַ סך פון די קאָלאָניסטן קענען ניט קיין שפּאַניש, אָבער זיי האָבן געלעבט אין פראַנקרייך און האָבן זיך אַ ביסל אויסגעלערנט פראַנצייזיש. די שפּראַך פון לאַנד — שפּאַניש — וועט מיט דער צייט געוויס אַרויסשטופּן די אַנדערע שפּראַכן.

פּליטים־קינדער אין שול ביים לערנען

צופרידענע און אומצופרידענע קאָלאָניסטן

ניט קוקנדיק אויף דער שווערער פיזישער אַרבעט וואָס מע טוט אַ גאַנצן טאָג אויפן פעלד, ווערן אויך אין די אָוונטן אָנגעפירט קלאַסן אין שפּאַניש, און די דייטשישע יידן לערנען די שפּראַך פון לאַנד אויף אַ גרינטלעכן אופן. מע לערנט זיך מיט אינטערעס, מיט פליים. אין דעם לערנען אַליין האָב איך באַמערקט דעם ווילן צו פאַרבלייבן אין לאַנד.

פון צייט צו צייט ווערן אויך דורכגעפירט לעקציעס פאַר די קאָלאָניסטן. און ווער עס זאָל האַלטן דאָרטן לעקציעס — איז דאָ געניג, ווייל כמעט יעדער קאָלאָניסט האָט געקראָגן אַ בילדונג, און עס זיינען דאָרטן אויך דאָ אַזוינע וואָס האָבן פאַרענדיקט אַן אוניווערסיטעט און האָבן אויך געהאַלטן לעקציעס אין זייער אַלטער היים.

די ערשטע לעקציע, וואָס איך האָב געהערט, איז געווען וועגן קינדער־דערציאונג. די גאַנצע שעה, וואָס דער לעקטאָר האָט גערעדט, האָט ער געפּרואווט באַווייזן, אַז נאָר דאַן וועט די וועלט קאָנען ווערן אַנדערש, בעסער, מענטשלעכער, ווען מיר וועלן דערציען אונדזערע קינדער אין גייסט פון סאָציאַלן יושר און סאָציאַלער גערעכטיקייט. און דער לעקטאָר האָט ניט נאָר געפּרואווט געבן אַ וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונג איבער דעם קעגנשטאַנד, נאָר ער האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג און איבערצייגונג, אַז אַ נייע וועלט, אַ בעסערע, וועט אַרויסקומען פון דעם נייעם דור וואָס וועט אַזוי דערצויגן ווערן.

איך בין געזעסן, זיך צוגעהערט צו דער לעקציע און געטראַכט וואָס פאַר אַ מערקווירדיק פאָלק יידן זיינען. אַ וועלט ראַנגלט זיך צווישן טויט און לעבן, עס בושעוועט אַ מלחמה וואָס דראָט צו פאַרניכטן די גאַנצע מענטשלעכע ציוויליזאַציע; גרויסע דערפינדונגען ווערן אויסגענוצט כדי מענטשן און די מענטשלעכע ציוויליזאַציע צו פאַרניכטן, און זיי, די קאָלאָניסטן, די גרעסטע קרבנות

פון דער שווידערלעכער צייט, זיצן אין סאָסואַ אַ גאַנצן אָוונט, הערן אוים מיט אינטערעס אַ לעקציע און באַטייליקן זיך אין דער דיס־קוסיע וועגן דער דערציאונג פון אַ נייעם דור, וואָס זאָל ברענגען דער וועלט סאָציאַלן יושר און סאָציאַלע גערעכטיקייט.

ווען איך בין געזעסן אויף דער לעקציע, געהערט ווי מע רעדט, האָט מיך אַרומגענומען אַ פרייד. די מענטשן זיינען אַכט יאָר געפּיי־ניקט געוואָרן, מען האָט זיי געיאָגט פון איין לאַנד אין אַנדערן, און דאָך זיינען זיי נאָר פיזיש ניט געבראָכן געוואָרן, נאָר אויך גייסטיק זיינען זיי פאַרבליבן גאַנץ. אין זייער שווערן, ביטערן היינט שאַפן זיי חלומות פון אַ בעסערן און גליקלעכערן מאָרגן.

צווישן די קאָלאָניסטן זיינען דאָ רעליגיעזע יידן. איך בין פרייטיק צו נאַכט געווען אין שול, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען 40 יידן, יונגע מענטשן. מען האָט געזונגען לכו נרננה, מען האָט גע־דאַוונט מנחה און מעריב כמעט מיט די זעלבע ניגונים מיט וועלכע מע פלעגט דאַוונען אין מיין ליטווישן קליינעם שטעטעלע. עס איז דאָ אַ ספר־תורה. נאַטירלעך איז אויך דאָ אַ חזן, אָבער דער חזן, אַזוי ווי אַלע קאָלאָניסטן, אַרבעט אויפן פעלד, פאַרפלאַנצט אוגערקעס און קאַרטאָפל. ער איז ניט קיין חזן לויט דער פּראָפעסיע. ווען איך האָב אַריינגעקוקט אין סידורל, פון וועלכן זיי האָבן גע־דאַוונט, האָב איך זיך דערמאָנט אָן מיין אַלטן היימישן סידורל, און איך האָב געטראַכט: דייטשישע יידן, פּוילישע יידן אָדער ליטווישע יידן לעבן זעלטן ווען צוזאַמען, אָבער ווען עס קומט צום דאַוונען, דאַוונען אַלע פון דעם זעלבן סידור, זינגען אַלע כמעט דעם זעלבן ניגון, דעם ניגון פון אומעט און בענקשאַפט.

קיין צו פיל פאַרוויילונגען זיינען דאָרטן ניטאָ. אַפילו מואווים זיינען נאָך ניטאָ אין דער קאָלאָניע. די איינציקע פאַרוויילונגען זיינען דערווייל משפחה־שמחות.

ניט געקוקט אויף דעם וואָס עס זיינען דאָ ווייניק מיידלעך, קומען דאָך פאָר חתונות צווישן די יידישע בחורים און מיידלעך, וואָס געפינען זיך אין סאָסואַ. דערווייל קומען די פריילעכע אונ־טערהאַלטונגען פאָר אַרום חתונות און אַרום בריתן אין האָספּיטאַל.

און ווען מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם האָספּיטאַל, איז אויך כדאַי וועגן דעם צו שרייבן אַ פּאָר ווערטער. אין דער גאַנצער

קאָלאָניע געפינט זיך איין דאָקטער און אַ נוירס. דער דאָקטער און די נוירס זיינען מאַן און ווייב. זי איז שטענדיק אין האָספּיטאַל. דער מאַן איז טיילווייז אין האָספּיטאַל און טיילווייז ביי אַנדערע אַרבעטן אין דער קאָלאָניע. זיי זיינען אין דער קאָלאָניע פון די ערשטע קאָלאָניסטן און זיי דערציילן, אַז אין פאַרלויף פון דעם יאָר צייט, וואָס זיי באַהאַנדלען מעדיציניש די קאָלאָניסטן, איז נאָך ניט געווען קיין איין קראַנקייט, וואָס זאָל קומען אַלס רעזולטאַט פון דעם, וואָס דער מענטש קאָן זיך ניט צופּאַסן צום קלימאַט. די קראַנקייטן וואָס זיי האָבן באַגעגנט און קורירט קאָנען זיך טרעפן אין אַלע קלימאַטן און אונטער אַלע באַדינגונגען. דאָס ווייזט נאָך אַ מאָל, אַז דער קלימאַט איז צוגעפּאַסט פאַר אייראָפּעער.



קאָאָפּעראַטיווע וואוינונגען

געשפּרעכן מיט קאָלאָניסטן

אַט בין איך צוגעגאַנגען צו אַ פעלד, וואו עס אַרבעטן קאָלאָניסטן. זיי גיבן אַכטונג אויף אַ גאָרטן פון טאָמאַטן. איך פאַרפיר מיט איינעם פון זיי אַ געשפּרעך.

אויף דער פראַגע: פון וואַנען זייט איר געקומען? זאָגט ער מיר, פון ווין, און הייבט מיר אָן צו דערציילן וואָס ער האָט איבער־געלעבט. פריער אָן אַ פאַר־וואָס און אָן אַ פאַר־ווען אין אַ קאָנצענ־טראַציע־לאַגער אין עסטרייך, ווען היטלער האָט פאַרכאַפּט דאָס לאַנד. געכאַפּט האָט מען אים אין גאַס, און אַוועקגעפירט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. פון דעם עסטרייכישן קאָנצענטראַציע־לאַ־גער האָט מען אים אַוועקגעשיקט אין אַ דייטשישן קאָנצענטראַציע־לאַגער. יעדן טאָג האָט ער דורכגעמאַכט פייניקונגען. דעם טאָג וואָס מען האָט אים ניט געפייניקט האָט ער געזען ווי מען פייניקט אַנדערע. ניט אַלע מאָל איז געווען אַזוי גרויס דער פיזישער ווייטיק ווי די טיפע מענטשלעכע באַליידיקונג. דורך אַ גליק איז ער נאָך 18 חדשים באַפרייט געוואָרן, אַנטלאָפן קיין בעלגיע, פון בעלגיע קיין פראַנקרייך, און איצט אין דער יידישער קאָלאָניע סאָסוּאַ. ער זאָגט מיר: „מיין אַרבעט אַלס בעקער איז קיין מאָל ניט געווען קיין גרינגע, צו שווערער אַרבעט בין איך געוווינט. די אַרבעט וואָס איך טו איצט איז פאַר מיר אַ נייע און דערפאַר אויך אַ שווערערע, נאָר דאָך בין איך גליקלעך וואָס איך בין דאָ. זיבן יאָר נאָך אַנאַנד האָב איך טאָג און נאַכט געטראַכט, ווער ווייס וואו איך וועל זיין מאָרגן, ווער ווייס וואָס מאָרגן וועט מיט מיר פאַסירן? היינט בין איך זיכער מיט אַ רואיקן מאָרגן. איך לעב דאָ שוין אַ יאָר און פיל, אַז דאָס גאַנצע יאָר טראַכטן מענטשן ווי אַזוי מיין לעבן צו פאַרגרינגערן. איך בין געוואָרן אַ מענטש מיט אַלע מענטשן צוגלייך און דערפאַר האָב איך סאָסוּאַ אַזוי ליב״.

און אָט באַגעגן איך זיך מיט אַ יונגנמאַן פון טשעכאָסלאָוואַקיע. ער זאָגט מיר: „איך האָב ליב סאָסוא, און איר ווייסט פאַר וואָס? איך דאַרף זיך ניט אַרומקוקן, וואו עס גייט און וואו עס שטייט אַ פאַשיסטישער שטורעם־טרופּער. איך לייג זיך שלאָפן און בין זיכער, אַז איבער מיין קאָפּ וועלן קיין באָמבעס ניט פאַלן. וואָס אין אייראָפּע זאָל ניט פאָרקומען, זאָל אייראָפּע מאָרגן ווערן פריי, זאָגט ער, וועל איך שוין צוריק אַהין ניט פאָרן. אויף דעם אינדזל, ווייט פון דער אַלטער וועלט, וועל איך קאָנען ווייטער רואיק לעבן און דערפאַר וועל איך דאָ בלייבן".

זיין הויפּט־באַגער איז איצט צו ברענגען אַהער זיין שוועסטער, טאַטן און מאַמע.

אָט רעד איך מיט אַ יונגן בחור, וועלכער אַרבעט ניט אויפן פעלד. ער איז אַ שאָפער אין דער קאָלאָניע. ער קומט פון בערלין, דאָרטן געבוירן געוואָרן, דאָרטן דורכגעגאַנגען אַ מיטלשול. מיט וואָס פאַר אַ ביטערקייט און פאַראַכטונג ער רעדט וועגן די דייטשן: „איך לייען אַ מאָל אין די ציימונגען, אָדער אין זשורנאַלן, אַרטיקלען, — זאָגט ער, — אין וועלכע מע פאַרטיידיקט דאָס דייטשישע פאָלק; מע זאָגט, אַז דאָס פאָלק איז גאָרניט אַזוי שלעכט, שלעכט זיינען זיינע פירערס. אָבער, נאָר אַזאַ פאָלק ווי דאָס דייטשישע קאָן האָבן אַזעלכע פירערס. און זאָל די מלחמה אָפּגעשטעלט ווערן, און זאָל היטלער די מלחמה פאַרלירן, וועל איך שוין צוריק קיין דייטשלאַנד ניט פאָרן. אָט דאָ וועל איך בלייבן, לאַנגזאַם און רואיק בויען מיין אייגן לעבן!"

אָט איז אַן אַנדער טיפּ קאָלאָניסט, אַן אומצופרידענער. ער פרעגט וועגן זיך אַליין: „וואָס טו איך דאָ? ווי קום איך צו ערד־אַרבעט? אין דער היים, אין ווין, בין איך געווען אַ קינסטלער".

ער ווייזט מיר בילדער, וואָס ער האָט געמאָלן. ער ווייזט מיר זיינע אַרבעטן וואָס זיינען געווען אָפּגעדרוקט אין פאַרשיידענע דייטשישע ציימונגען און זאָגט: „איך, דער קינסטלער, דאַרף פלאַנצן קאַרטאָפל. ווי רייסט מען זיך פון דאַנען אַרויס?"

לעבן אים שטייט זיין יונגע פרוי, וועלכע איז געווען אַ פּיאַניסטין. זי הערט זיך צו צו דעם געשפּרעך פון דעם מאַן און שאָקלט

צו מיטן קאָפּ אויף אַלץ וואָס ער זאָגט. אויףביידנס פּנימער איז אַזוי פיל אומעט. פון זייערע הערצער רייסט זיך אַרויס דער געפיל פון ווייטיק און פאַרדרוס צו וואָס דאָס לעבן האָט זיי דערפירט און דער געשפּרעך ענדיקט זיך מיט אַ יידישן מאַך מיט דער האַנט — ווי איינער רעדט: „וואָס קען מען טאָן? ניטאָ קיין אויסוועג!״

אַ קאָלאָניסט האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט בויען זיין הויז

קולטורלאָזיקייט

אויף מיין באַזוך אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ האָבן זיך צום שטאַרקסטן פאַר מיר אַנטפּלעקט די מעלות און חסרונות פון דער „דזשאָינט"־אַרבעט. אמת, אַז דער „אַגראָ־דזשאָינט" איז אַ גאַנץ באַזונדערער טייל פון דער „דזשאָינט־דיסטריביושאָן־קאָמיטע", נאָר ניט קוקנדיק וואָס ער איז אַ באַזונדערע קאָרפּאָראַציע, ווערן דאָך ביידע קערפּערשאַפטן געפירט כמעט פון די זעלבע מענטשן, און דער גייסט פון דער אַרבעט סיי פון דעם „דזשאָינט", סיי פון דעם „אַגראָ־דזשאָינט" איז דער זעלבער. איך ווייס ניט קיין צווייטע אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע במשך פון די לעצטע 25 יאָר אין דער הילפאַרבעט פאַר די אומגליקלעכע יידן ווי דער „דזשאָינט" און דער „אַגראָ־דזשאָינט". ווען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה וואָלטן די יידן אין אַמעריקע ניט געשאַפן די צוויי אָרגאַניזאַציעס כדי צו געבן הילף די מלחמה־געליטענע אויף יענער זייט ים, וואָלט זייער אַ גרויסע צאָל יידן פיזיש אונטערגעגאַנגען.

דער „דזשאָינט" און דער „אַגראָ־דזשאָינט", אין זייער טאָגטעגלעכער הילף האָבן געהאַט אין זינען איין זאַך: צו פאַרגרינגערן די פיזישע ליידן פון די געפייניקטע און געמאַטערטע יידישע מאַסן. דער אַרבעט האָבן זיי אָפּגעגעבן זייער האַרץ און נשמה. פאַר מיינע אויגן שטייען איצט די יידישע קאָלאָניעס, וואָס דער „דזשאָינט" האָט געבויט אין סאָוועט־רוסלאַנד אין פאַרשיידענע

געגנטן פון אוקראַינע און קרים. די קאָלאָניעס אין אוקראַינע האָב איך באַזוכט. איך האָב געזען מיט וויפל צערטלעכקייט, מיט וויפל קענטעניש און אויפמערקזאַמקייט די באַלעבאַטישקייט איז דאָרטן געפירט געוואָרן, און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון דעם „אַגראָ־דזשאָינט”. דאָס זעלבע קאָן גע־זאָגט ווערן וועגן דער אַרבעט פון „דזשאָינט” אויפן געביט פון הילף, פון ליי־ און שפּאָר־קאַסעס, פון אויפהאַלטן קיכן, קינדערהיימען און ענלעכע אינסטיטוציעס.

ווען דער יידישער היסטאָריקער וועט אין דער צוקונפט שרייבן די געשיכטע פון יידישער הילף צווישן דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער היינטיקער, וועט די אַרבעט פון „דזשאָינט”, און אויך פון „אַגראָ־דזשאָינט” באַצייכנט ווערן ווי אַן אַרבעט אַ וויכטיקע, אַ הייליקע. איך ווייס, אַז עס זיינען דאָ יחידים און געזעלשאַפטלעכע גרופּעס, וואָס קריטיקירן אַפילו די מאַטעריעלע הילף פון „דזשאָינט”. און אַפילו דאָרט, וואו די קריטיק איז אַ באַרעכטיקטע, איז זי אומ־געהייער איבערגעטריבן. אויב עס זיינען דאָ פעלערן, זיינען זיי נאַטירלעכע, וויל אַזאַ גרויסע, ריזיקע אַרבעט קאָן ניט געפירט ווערן הונדערט־פּראָצענט פּערפעקט.

אין איין פּרט באַגייען דער „דזשאָינט” און דער „אַגראָ דזשאָינט” אַ גרויסן טעות: זיי גיבן זיך ניט אָפּ און טראַכטן ניט וועגן דעם גייסטיקן לעבן פון די מענטשן וואָס זיי ראַטעווען. איך ווייס, אַז דער „דזשאָינט” האָט אויך אונטערגעשטיצט מיט גרע־סערע סומעס יידישע קולטור־ און דערציאונגס־אינסטיטוציעס. דאָס אַלץ איז אָבער געטאָן געוואָרן פאַרבייגייענדיק.

ווען איך בין געווען אין דעם נייעם יידישן ישוב אין סאָסוא האָב איך די מעלות און חסרונות צום שטאַרקסטן געזען. וואָס טוען ניט די פירערס פון דעם „אַגראָ־דזשאָינט” אין סאָסוא, אַז דאָס פיזישע לעבן פון די יידישע קאָלאָניסטן זאָל בעסער און גרינ־גער זיין? וואָס טוען זיי ניט, כדי עס זאָלן וואַקסן בעבלעך אָדער

קאַרטאָפל און אַז יידן זאָלן האָבן ברויט און פרנסה? זיי שפּאָרן אויף דעם קיין געלט ניט, קיין ענערגיע און אַרבעט. אָבער ווי גלייכ־גילטיק מען איז צו דעם גייסטיקן צושטאַנד, צום קולטור־לעבן פון די קאָלאָניסטן אין סאָסוּאַ!

יאָ, מע פירט דאָרטן איין קלאַסן אין שפּאַניש, אָבער אויך דאָס טוט מען נאָר צוליב דעם, ווייל די „דזשאָינט"־מענטשן זיינען איבערצייגט, אַז אין דעם לאַנד, וואו מע לעבט, דאַרף מען קענען די לאַנדשפּראַך. און נאָר וועגן קענען שפּאַניש טראַכט מען, ניט וועגן אַנדערע זאַכן. איבער 500 יידן זיינען געבראַכט געוואָרן אין סאָסוּאַ פון אייראָפּע. אַפילו די דייטשישע יידן זיינען אויף זייער אופן געווען צוגעבונדן צום יידישן לעבן פון גאָר דער וועלט. זיינען דאָך אין דייטשלאַנד אַרוים דייטשיש־יידישע צייטונגען, וואָס האָבן די דייטשישע יידן אינפאָרמירט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין דער יידישער וועלט. זיינען דאָך אין דייטשלאַנד געווען ספּעציעלע פאַרוויילונג־פּלעצער פאַר יידן, ספּעציעלע קאָנצערטן יידישע אין אינהאַלט און אין גייסט. האָט די 500 יידן דער שיקזאַל געבראַכט קיין סאַנטאָ־דאָמינגאָ. אין דער גאַנצער קאָלאָניע איז ניטאָ קיין איין יידישער זשורנאַל, קיין איין יידישע צייטונג. עס איז אַ קולטורלאָזער יידישער ישוב. אמת, ער איז איצט אַ קליינער, אָבער דער פּאַרנעם פון די בוידעם איז דאָך געווען צו ברענגען אַהין טויזנטער יידן, און אין זייער גאַנצער פּראָגראַם איז ניטאָ קיין איין פּונקט ווי אַזוי אָנצופירן דאָרטן אַ יידיש־גייסטיק לעבן. אויב מע זאָל באַטראַכטן די קאָלאָניע נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון אַ פּלאַץ וואו צו ראַטעווען אַ פּאָר טויזנט יידן, ראַטעווען זיי נאָר פון פי־זישן אונטערגאַנג און גייסטיק זאָלן זיי זיך אַסימילירן, איז אַ גרויסע פראַגע צי אַזוינע יידישע קאָלאָניזיר־אַקציעס האָבן אַ ווערט פאַר יידן און פאַר דעם יידישן פאָלק. זיכער טוט מען אויף אַ גרויסע זאַך ווען מע ראַטעוועט מענטשן פון פיזישן אונטערגאַנג, אָבער דאָס איז ניט גענוג. ווערט דער „אַגראָ־דזשאָינט" אין זיינע ווייטערדיקע פּלענער, אויב ער האָט אַזעלכע, פון יידישער קאָלאָ־

ניזאַציע ניט אַריינגעמען די זאָרג פאַר דעם גייסטיקן לעבן פון די, וועמען ער קאָלאָניזירט, וועט אין דער גאַנצער אַרבעט פעלן די נשמה, און דאָס וועט אַרויסרופן אומצופרידנקייט ניט נאָר ביי דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, נאָר אויך ביי די יידן וואָס געפינען זיך אין די קאָלאָניעס. ברויט ביי יידן איז אַ וויכטיקע זאַך, אָבער יידן האָבן זיך פאַר ברויט ניט מקריב געווען. יידן האָבן זיך מקריב געווען פאַר גייסט, פאַר דערהייבונג, און אָט דער גייסט, דער יידישער, דער גייסט פון דערהייבונג, פאַר וועלכן קאָלאָניסטן זאָלן זיך קענען מקריב זיין, זיין פיאָנערן אין אַ פרעמד לאַנד — דער גייסט פעלט אין דער יידישער קאָלאָניע אין סאַנטאַ־דאָמינגאָ. און דאָס איז ניט קיין צופאַל, נאָר אַ רעזולטאַט פון אַן איינשטעלונג ביי די מענטשן, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט דער גרויסער און זייער וויכטיקער אַרבעט.

די יידן אין די גרעסערע שטעט פון סאַנטאָ־דאָמינגאָ

אויסער די יידישע קאָלאָניסטן, וואָס דער „אַגראָ־דזשאָינט", אָדער ווי די ספּעציעלע געזעלשאַפט הייסט „דאָמיניקען רעפּאָבליק סעטלמענט אַסאָסיאיישאָן", האָט זיי באַזעצט, געפינען זיך אין לאַנד אַרום 600 יידן, וואָס האָבן מיט דער גרעסטער מסירת־נפש פון וואַנדערער אַליין דערשלאָגן זיך צום אינדזל און לעבן אין די גרעסערע שטעט פון סאַנטאָ־דאָמינגאָ.

קיין סך גרויסע שטעט זיינען אין דער רעפּובליק ניטאָ. די יידן געפינען זיך הויפּטזעכלעך אין צוויי שטעט: די גרעסטע צאָל אין דער הויפּטשטאָט טרוכילאָ, און אַ קלענערע גרופּע אין דער שטאָט סאַן־דיעגאָ. די גרעסטע צאָל פון די דאָזיקע יידן זיינען אַנטלאָפענע פון דייטשלאַנד.

צווישן זיי זיינען דאָ אַ סך אַזעלכע, וואָס וואַרטן אויף אַמעריקאַנער וויזעס, אָבער די גרעסטע צאָל האָבן קיין אויסזיכטן ניט אַריינצוקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און זיי וועלן מוזן פאַרבלייבן אין לאַנד. אַ פּאָר פון זיי האָבן געעפנט אייגענע געשעפטן. די איבעריקע פּעדלען, קלאַפּן פון טיר צו טיר, גייען פון דאָרף צו דאָרף און באָטן אָן צו פאַרקויפן זאַכן, אין וועלכע עס נייטיקט זיך די אָרטיקע באַפעלקערונג.

די פּרנסות גיבן די ניי־אַריבערגעקומענע יידן קיין כבוד ניט צו. נאָך ערגער איז פאַר דעם נייעם יידישן ישוב דאָס וואָס אַ געוויסע צאָל רייכערע יידן, ניט לאַנג־אַריבערגעקומענע, האָבן געעפנט פּאָון־שעפּער. זיי באָרגן אויס געלט און נעמען גרויסע פּראָצענטן. די אָרטיקע באַפעלקערונג האָט ווייניק סימפּאַטיע פאַר אָט די יידן, כאָטש אין נויט גייט מען אַריין און מע פאַרמשכנט דאָס, וואָס עס לאָזט זיך; און מע צאָלט מיט כעס און ביטערקייט

די פּראָצענטן וואָס מע פּאַרלאַנגט. אַזוינע געשעפטן טוען ניט קיין גוטס דער יידישער באַפעלקערונג פון שטאָט און שעדיקן שטאַרק דעם נאָמען פון די אַנדערע יידישע אַריבערגעקומענע.

נו, ווען עס זיינען שוין דאָ אַ פּאָר הונדערט יידן אין שטאָט, איז שוין אויך דאָ אַ יידישער בית־המדרש און אַ בית־עלמין. האָבן שוין יידן אַ מיגלעכקייט זיך צו קריגן און שפּאַלטן.

איך בין געווען אין טרוכילאָ אין דער צייט, ווען דער אינער־לעכער יידישער קאַמף איז געפירט געוואָרן מיטן פולן ברען איבער דער פראַגע ווער עס זאָל זיין דער רב פון דער קהילה: איינער אַ דייטשישער ייד, וועלכער איז אין דייטשלאַנד קיין מאָל קיין רב ניט געווען און וויל דאָ אַ רב ווערן, און דער צווייטער אַן אונגאַ־רישער ייד, וועלכער זאָגט אַז ער איז אין פוילן אַ רב געווען און וויל אויך דאָ אַ רב פאַרבלייבן. די פוילישע יידן ווילן דעם אונגאַ־רישן רב און די דייטשישע ווילן דעם דייטשישן רב, און צוליב דעם פלאַקערט אין דער יידישער טרוכילאָ אַ מלחמה, און די מלחמה גייט שוין אַריבער די גרענעצן פון דער יידישער געמיינדע. אפילו ד שוואַרצע ווייסן שוין, אַז יידן שלאָגן זיך און קריגן זיך וועגן זייער „ראַבאַי". ענדיקן וועט זיך וואַרשיינלעך מיט דעם, וואָס עס וועלן ווערן צוויי בתי־מדרשים מיט צוויי רבנים.

צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ זיינען אויך דאָ אַ געוויסע צאָל יידן, וואָס האָבן ניט קיין רעכט אויף אַר־בעט און קענען אין לאַנד גאָרנישט טאָן. וואוהין צו פאָרן האָבן זיי אויך ניט. ווערן זיי אויסגעהאַלטן פון דעם „דזשאָינט". אמת, אַז די הילף איז אַ מאָגערע, אַ קליינע, אָבער, ווי זאָגט מען, בעסער ווי גאָרנישט.

דער „דזשאָינט" אָדער אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס, אַזעלכע ווי דער „אָרט", האָבן געדאַרפט זיך ערנסט פאַרטראַכטן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן און רעגולירן דאָס יידישע לעבן אין שטאָט. אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק וועלן יידן קענען פאָרן. עס זיינען דאָ אַלע מיגלעכקייטן פאַר אָפענער אימיגראַציע אין לאַנד; און פון אָנפאַנג דאַרף דאָרטן דאָס יידישע לעבן איינגעשטעלט ווערן אַזוי, אַז מיר זאָלן זיין אַ ניצלעכער און פּראָדוקטיווער עלעמענט. פון אַ גרויסער אינדוסטריע איז אין לאַנד כמעט ווי קיין סימן ניטאָ,

אָבער אויך קלענערע אינדוסטריעס זיינען ניט שטאַרק אַנטוויקלט. יידן וואָלטן געקענט אָט די אינדוסטריעס אַנטוויקלען, און די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, וועלכע באַשעפטיקט זיך מיט פּראָבלעמען פון יידישן וואַנדערער, דאַרף וועגן דעם זייער שטאַרק זיך פאַרטראַכטן.

דער „אַגראָ־דזשאָינט", וואָס האָט דעם פולן צוטרוי פון דער רעגירונג און פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד, וועט באַגיין אַ פעלער אויב ער וועט זיך באַשעפטיקן נאָר מיט קאָלאָניזירן יידן ביי ערדאַרבעט. אָרגאַניזירן קלענערע אינדוסטריעס, לערנען יידן מלאכות, איז פונקט אַזוי וויכטיק און נייטיק ווי די יידישע קאָלאָניזאַציע.

דער „אָרט", וואָס באַשעפטיקט זיך מיט איבערבויען דאָס יידישע לעבן אַזוי, אַז יידן זאָלן אויפהערן צו לעבן פון „לופט", נאָר זאָלן אָנהייבן לעבן פון אַרבעט, האָט זיך אויך זייער ערנסט געדאַרפט פאַרטראַכטן וועגן אַזוינע נייע יידישע צענטערס ווי סאַנטאָ־דאָמינגאָ. דער „אָרט" האָט געדאַרפט מאַכן אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג און זען וואָס עס קען געטאָן ווערן אויף דעם אינדוסטריעלן געביט אין די שטעט פון דער דאָמיניקאַנער רעפובליק.

לאָדז אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ

וואָס פאַר אַ ווייטער מהלך עס איז צווישן די צוויי לענדער — פוילן, וואו עס געפינט זיך די שטאָט לאָדז, און סאַנטאָ־דאָמינגאָ, וואו עס געפינט זיך די שטאָט טרוכילאָ? ימים טיילן זיי פונאַנדער, און דאָך איז דאָ עפּעס וואָס פאַרבינדט זיי.

פון דעם וואָס איך האָב פריער דערציילט איז פאַר די לייענערס באַקאַנט, אַז מיין פאָרן קיין סאַנטאָ־דאָמינגאָ איז געווען פון פריער ניט אויסגערעכנט און ניט אויסגעפּלאַנירט. אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן איז דעמאָלט געווען אַ קאַלטער ווינטער, און ווען איך בין אַרויסגעפאָרן אויף דער רייזע פאַרן אַרבעטער־רינג, האָב איך מיט זיך גענומען וואַרעמע קליידער, כדי דער ווינ־טער זאָל מיר גרינג זיין. און דורך אַ צופאַל בין איך אין אַכט שעה געקומען אין אַ לאַנד פון אַ טראָפּישן, וואַרעמען קלימאַט.

ווען איך האָב זיך באַוויזן אויף דער גאַס פון דער טראָפּישער שטאָט האָט מען גענומען אויף מיר קוקן, ווי איינער זאָגט: פון וואַנען איז ער אַרונטערגעפאַלן צו אונדז אין לאַנד, אָנגעטאָן אַזוי וואַרעם? אָבער אויסער דער פאַרוואונדערונג פון די מענטשן אין גאַס אויף דעם אופן ווי איך גיי אָנגעטאָן, איז מיר אויך געווען זייער ניט באַקוועם. אין אַ ברענענדיק־זוניקן טאָג טראָג איך אַ וואַרעמען אָנצוג. עס איז שווער אַרומצוגיין, און מע דאַרף זיך אי־בערטאָן. און אין וואָס איבערצוטאָן זיך איז ניטאָ. בין איך גע־גאַנגען צום האָטעל־אייגנטימער נאָך אַן עצה ווי אַזוי צו דערליידיקן די פּראָבלעם. ער האָט רעאַגירט אויף דעם זייער איינפאַך. ער זאָגט מיר: „אַ ווייסע העמד האָט איר? גייט מען אין אַ געשעפט און מע קויפט פאַר אַ דאָלאַר אַ פּאָר ווייסע הויזן און נאָך פאַר אַ דאָלאַר אַ פּאָר ווייסע שיך, און מע טוט זיך אין דעם אָן וועט דאַן אויף אייך קיינער ניט קוקן און איר וועט אויסזען ווי אַן אמתער

„דאָמיניקאַנער". איך האָב זיין פּלאַן אָנגענומען, אָבער פון דעסט־וועגן האָט זיך מיר געוואָלט קויפן אַ לייטישערע פּאָר הויזן. מאַכט ער מיר אַ צווייטן פאָרשלאָג. גייט אַריין צום הויפּט־שניידער פון שטאָט, וועלכער אַרבעט פאַר אַלע מיניסטאָרן, און אפילו פאַרן פּרעזידענט אַליין, און ווען ער וועט אייך פאַר פינף דאָלאַר אויפנייען אַ פּאָר הויזן, וועט איר אין זיי אויסזען ווי אַ פּרינץ.

איך בין מיט אים אַוועק צום שניידער.

דאָס געשעפט פון דעם שניידער האָט זיך געפונען אויף איינער פון די הויפּטגאַסן פון שטאָט. די פענצטער פון געשעפט גרויסע, ליכטיקע, אויסגעפּוצט מיט מענער־הויזן און אָנצוגן. דער באַלעבאָס פון מיין האָטעל איז מיט מיר מיטגעגאַנגען, ווייל אַזוי ווי ער קען ענגליש, וועט ער זיין דער איבערזעצער צווישן מיר און דעם שניידער. ווען מיר זיינען אין געשעפט אַריין האָט אַ נס פּאַסירט. ווען דער שניידער האָט מיך דערזען, האָט ער כמעט היסטעריש אויסגעשריען: „כאַנין, פון וואַנען קומט איר אַהער?" ער איז צו מיר צוגעלאָפן, מיך אַרומגענומען און שיר מיך ניט אָנגעפאַנגען צו קושן. אויב מיר האָבן זיך ניט געקושט, איז דאָס נאָר געווען צוליב מיין פאַרלאָרנקייט. איך האָב דעם מענטשן ניט דערקענט. אויפן מאָמענט אַפילו ניט געקענט דערמאָנען זיך, וואו איך האָב אַזאַ פּנים געקענט ערגעץ זען. עס האָט אָבער געדויערט נאָר אַן אויגנבליק און מיין פאַרלאָרנקייט איז אַוועק. איך האָב אים אַ פרעג געטאָן פון וואַנען ער קען מיך. און ער האָט גענומען דערציילן אַלע פּרטים פון אונדזער באַקאַנטשאַפט.

אין 1928, ווען איך בין געווען אין אייראָפּע, האָב איך באַזוכט לאָדז, האָב אַדרעסירט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג. אויף יענער פאַרזאַמלונג איז אויך געווען דער שניידער פון טרוכילאָ. ער האָט דעמאָלט געוואוינט אין לאָדז, וואו ער איז געווען אַקטיוו אין „בונד", און ער איז געווען איינער פון די איינאָרדנער פון דער פאַרזאַמלונג אין לאָדז. נאָך דער פאַרזאַמלונג זיינען מיר אַוועק אין אַ הויז מיט אַ גרופּע בונדיסטן — ער אויך צווישן זיי — און מיר האָבן אַ גאַנצע נאַכט פאַרבראַכט. און דאָ האָט ער מיך דערקענט. מיט זעקס יאָר צוריק, דערציילט ער, האָט ער פאַרלאָזן פּוילן, געווען אין פראַנקרייך און האָט זיך געגרייט צו קריגן אַ וויזע אַריינצו־

קומען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. אָבער אַזאַ וויזע האָט ער ניט געקענט קריגן, איז אים געלונגען צו קריגן אַ דערלויבעניש אַריינ־צוקומען קיין סאַנטאָ־דאָמינגאָ. איז ער דערוויל אַהער געפאָרן צייטווייליק. אַ גוטער שניידער ביים פאַך, האָט ער געעפנט אַ קליין געשעפט, און היינט איז זיין געשעפט איינס פון די גרעסטע אין שטאָט.

נאָך אונדזער ערשטער באַגעגעניש בין איך שוין פון זיין גע־שעפט אַרויס ניט נאָר אין אַ זומערדיקער פאַר הויזן, נאָר אין אַ גאַנצן זומערדיקן שיינעם אָנצוג. און די גאַנצע צייט וואָס איך בין געווען אין שטאָט איז ער שוין מיין שטענדיקער חבר געווען. מיר האָבן שפּאַצירט איבער די גאַסן, צוזאַמען געגאַנגען אין די מואַזיים, אין קאַפעס. ער האָט מיך אַרומגעפירט ווייזן די שיינקייט פון דער שטאָט, און ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, האָבן מיר מיט זיכערקייט געקענט זאָגן איינער צום אַנדערן, אַז מיר וועלן זיך נאָך ערגעץ זען. ווייל אויב עס האָט געקענט פּאַסירן, אַז מיר זאָלן זיך אַזוי צופעליק באַגעגענען אין אַ לאַנד, וואָס איז אים און מיר געווען פרעמד, אַ לאַנד, וועגן וועלכן מיר האָבן קיין מאָל ניט געטראַכט און קיין מאָל ניט געחלומט, מעגן מיר זיכער גלייבן, אַז מיר וועלן זיך אַ מאָל טרעפן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווייל ער חלומט נאָך אַלץ צו קומען אַהער.

פאַר אַ רייזנדן איז דאָס איינע פון די אָנגענעמסטע איבער־לעבונגען, איינע פון די אָנגענעמסטע באַגעגענישן, און דערפאַר האָט זיך מיר געוואָלט די לייענערס וועגן דעם דערציילן.

די לאָיאַליסטן פון שפּאַניע

ווען די לאָיאַליסטן אין שפּאַניע האָבן פאַרלאָרן זייער קאַמף קעגן דעם פאַשיסט פראַנקאָ, האָבן צענדליגער טויזנטער, צו ראַטעווען זייער לעבן פון דער תליה, געדאַרפט פאַרלאָזן שפּאַניע און זוכן אַ נייע היים. אַלעמענס אויגן זיינען דעמאָלט געווען געווענדט צו די לאַטיין־אַמעריקאַנער רעפּובליקן. זיי האָט געצויגן אַהין דערפאַר, ווייל די שפּראַך און קולטור איז אַ שפּאַנישע, און זיי האָבן גערעכנט ,אַז דאָרטן וועלן זיי זיך קענען איינאָרדענען. זיינען זיי טאַקע געלאָפן קיין מעקסיקע, קיין קובע, אויך קיין סאַנטאַ־דאָמינגאָ. די רעגירונג פון סאַנטאַ־דאָמינגאָ האָט פאַר זיי ברייט געעפנט די טירן, און נאָענט פון דריי טויזנט זיינען מיט צוויי שיפן געקומען צו די ברעגן פון דעם קליינעם אינדזל. ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט איניקע פון די לאָיאַליסטן, וואָס געפינען זיך אין לאַנד, האָב איך זיך דורך זיי אויך באַקאַנט מיט אַ ביטערן קאַפּיטל פון דעם לעבן פון די לאָיאַליסטן וואָס זיינען פון שפּאַניע אַנטלאָפן.

זיי האָבן מיר דערציילט: ווען די ערשטע שיף מיט 1500 אַנטלאָפענע לאָיאַליסטן איז צוגעקומען צו איינעם פון די האַפנס פון סאַנטאַ־דאָמינגאָ, האָט זיי די באַפעלקערונג באַגעגנט מיט פרייד. אָרקעסטערס מוזיק האָבן געשפּילט בעת דער באַגעגעניש. סיי די געקומענע און סיי די איינוואוינערס האָבן געטאַנצט אין די גאַסן פון פרייד. די ערשטע וואָכן זיינען געווען די האָניקוואָכן פאַר די אריבערגעקומענע. אומעטום זיינען זיי באַגעגנט געוואָרן מיט ליבע, מיט פרייד. די דאָמיניקאַנער האָבן זיך געפילט שטאָלץ וואָס די פאַרטריבענע לאָיאַליסטן זיינען אַריינגעלאָזן געוואָרן אין זייער לאַנד און וואָס זייער לאַנד האָט זיי פריינדלעך אויפגענומען און האָט זיי פאַרשפּראָכן פרידן און גליק.

לאַנג האָט די פרייד ניט אָנגעהאַלטן. עס האָבן גענומען קומען טעג וואָכעדיקע, פּראָזאאישע. אַרבעטן אין לאַנד האָבן די לאָיאַליסטן

ניט געהאַט וואו. דאָס לאַנד איז אָרעם און קליין, און עס דאַרף נעמען צייט ביז וואַנען אַ מאַסע פון דריי טויזנט קען זיך איינאָרדענען און איינגעפלאַנצט ווערן אין לעבן. זיי, די לאָיאַליסטן, זיינען געקומען אָן וועלכער ניט איז פינאַנציעלער מיגלעכקייט. אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט האָבן זיי איבערגעלאָזן אין זייער אַלטער היים. אין דער נייער היים זיינען זיי געקומען נאַקעטע און באָרוועסע. די אַנטלאָפענע מיטגלידער פון דער לאָיאַליסטישער רעגירונג, וואָס איז באַשטאַנען פון קאָמוניסטן אָדער קאָמוניסטישע סימפּאַטיקער, האָבן זיך באַזעצט אין מעקסיקע אָדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי האָבן אַרויסגעפירט פון שפּאַניע מיליאָנען דאָלאַרן, אָבער דער מאַסן־עמיגראַציע האָבן זיי ניט געהאָלפן. עס זיינען געפאָרן קיין ניו־יאָרק און קיין מעקסיקע ספּעציעלע קאָמיסיעס פון עמיגראַנטן, צו זען פאַרהאַנדלען מיט די פירערס פון דער געוועזענער לאָיאַליסטישער שפּאַנישער רעגירונג, אַז מע זאָל זיי העלפן זיך איינאָרדענען, אָבער אומעטום איז פאַר זיי געווען פאַרמאַכט די טיר. אומעטום האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אָן דער ברוטאַלער קאָמוניסטישער מאָראַל, און דער ענטפער איז געווען, אַז מע קען זיי ניט העלפן. דער הויפּט־תירוץ איז געווען, אַז די קאַפּיטאַלן פון דער שפּאַנישער לאָיאַליסטישער רעגירונג דאַרפן געהיט ווערן, ווייל היינט אָדער מאָרגן וועט די פראַנקאָ־רעגירונג פאַלן און מען וועט דאַרפן צוריק פאָרן. דאָס איז נאָר געווען אַ תירוץ. אין דער אמתן האָבן די וואָס זיינען געשטאַנען ביים רודער פון דער אַנטלאָפענער רעגירונג געלעבט אין רייכקייט און האָבן פאַרשווענדט מיליאָנען דאָלאַר אויף זייער אייגן לעבן.

די לאָיאַליסטישע מאַסע אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ האָט געהונגערט. זעלבסטמאָרדן צווישן זיי איז געווען אַ נאַטירלעכע דערשיינונג. טויזנטער האָבן זיך מיט דער גרעסטער מסירת־נפש געלאָזן פאָרן אין אַנדערע רעפּובליקן, זוכן גליק אויף אַנדערע אינדזלען.

דער קאַפּיטל שפּאַנישע אימיגראַציע אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ איז דער פיינפלוסטער און טרויעריקסטער. און מערקווירדיק: אויב זיי האָבן אַ ביסל הילף געקראָגן, אויב פאַרזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן זייער לעבן דאָרטן איינצואָרדענען, איז דאָס געטאָן געוואָרן פון דעם יידישן „דזשאָינט“. לוידער האָט דער „דזשאָינט“ קיין סך ניט געקענט העלפן, ווייל דאָס איז אין גאַנצן אַרויס פון דער ספּערע פון זיין אַרבעט, פון זיין נאָרמאַלער, טאָגטעגלעכער טעטיקייט.

וויכטיקע דאָקומענטן

דאָ דרוק איך איבער אין יידיש און אין ענגליש דעם טעקסט פון דעם אָפּמאַך וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן דער דאָמיניקאַנער רופּובליק און דער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט מיט דער צושטימונג פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

איך דרוק איבער דריי בריוו פון וויכטיקע רעגירונגס־פּערזענלעכקייטן געשיקט צו דזשעימס נ. ראָזענבערג, דעם פּאָרזיצער פון דער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט.

איין בריוו פון דעם גענעראַליסימאָ פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק ראַפאַעל ל. טרוכילאָ, דער דיקטאַטאָר פון לאַנד, דער צווייטער בריוו איז פון דעם גרעסטן אַמעריקאַנער עקספּערט־אַגראָנאָם איבער טראָפּישע לענדער אטהערטאן לי. און דער דריטער בריוו איז פון אונדזער „סעקרעטערי אָוו סטייט" קאָרדעל האָל. סיי דער אָפּמאַך, סיי די בריוו זיינען פון גרויס וויכטיקייט און פאַר די לייענערס פון מיין בוך וועלן זיי זיין אַ וויכטיקער מאַטעריאַל כדי בעסער צו פאַרשטיין דעם נייעם יידישן עקספּערימענט אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ.

אָפּמאַך
צווישן דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק און דער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט.

דאַטירט דעם 30טן יאַנואַר, 1940. ראַטיפיצירט פון דעם דאָמיניקאַנער קאָנגרעס אויף אַ ספּעציעלער סעסיע אין סיאודאַרט טרוכילאָ, דעם 20טן און 21טן פעברואַר, 1940.

אָן אָפּמאַך, געשלאָסן דעם 13טן טאָג פון דעם חודש יאַנואַר, ניינצן הונדערט און פערציק, צווישן דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק (ווייטער אָנגערופן די „רעפּובליק") און דער קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפט פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, אַן אינקאָרפּאָרירטע געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך געהעריק אָרגאַניזירט לויט אַלע כללים און געזעצן פון דעם שטאַט ניו-יאָרק אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע (וואָס ווייטער ווערט זי אָנגערופן די „געזעלשאַפט").

אַזוי ווי אין יאָר 1938 האָט זיין עקסעלענץ פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט, דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, איינגעלאַדן קיין עוויאַן, פראַנקרייך, 32 מלוכות זיך צו באַראָטן מיט דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע ווי אַזוי צו העלפן די פּליטים; און

אַזוי ווי די אַלע מלוכות האָבן זיך קאָנסטיטואירט ווי דער צווישן-מלוכהשער קאָמיטעט; און

אַזוי ווי זיין עקסעלענץ ראַפאַעל לעאָנידאַס טרוכילאָ מאָלינאַ איז, ווי דער פּרעזידענט און אין דעם נאָמען פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, געווען אַזוי גרויסמוטיק צו לאָזן וויסן דעם צווישן-מלוכהשן קאָמיטעט, גלייך אויף דער ערשטער זיצונג זיינער, וועגן דער גרייטקייט פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק ביסלעכוויז צו באַזעצן אויף איר טעריטאָריע 100,000 קאָלאָניסטן; און

אַזוי ווי דער צווישן-מלוכהשער קאָמיטעט און די קאָאָרדינירנדיקע קערפּערשאַפט, וואָס איר עקזעקוטיוו-פּרעזידענט איז דער ערנווירדיקער פּאול וואַן זילאַנד, האָבן אַרויסגעוויזן די גרייטקייט אויסצוניצן די געלעגנהייט, וואָס עס האָט פאָרגעשלאָגן זיין עקסעלענץ ראַפאַעל לעאָנידאַס טרוכילאָ מאָלינאַ אין נאָמען פון זיין רעגירונג, און

אַזוי ווי די געזעלשאַפט איז גרייט זיך צו באַניצן מיט דעם שיינעם פאָרשלאָג פון דער רעפּובליק פאַר די צוועקן; און

אַזוי ווי דער דאָזיקער אָפּמאַך באַצוועקט צו רעאַליזירן די דערמאָנטע צילן; און

אַזוי ווי די רעפּובליק און די געזעלשאַפט זיינען ביידע גלייך וויליק צו העלפן און צו באַזאָרגן יידישע און ניט-יידישע קאָלאָניסטן זיך צו באַזעצן אויף דער טעריטאָריע פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק און צו ווערן אירע בירגער; און

אזוי ווי דער אָפמאַך איז געשלאָסן אין הסכם מיט דער קאָנסטיטוציע, מיט די געזעצן, דעקרעטן און אַנדערע לעגאַלע אַקטן פון דער רעפובליק און אין זייער דורכפירונג און פאַרמאָגט דעריבער יעדע לעגאַלע מאַכט וואָס איז נייטיק כדי ער זאָל זיין גילטיק און מע זאָל אים קענען אויספירן; איז

דעריבער האָט די רעפובליק, פאַרטראָטן דורך די הערן מאַיאָר-גענעראַל יאָזע גאַרסיע, דער מלוכה-סעקרעטאַר פון אינערלעכע און פאָליציי-אַנגעלעגנהייטן, און ראול קאַרבוציע, דער מלוכה-סעקרעטאַר פון אַגריקולטור, אינדוסטריע און אַרבעט, וועלכע זיינען געווען געהעריק אויטאָריזירט פון דעם פרעזידענט פון דער דאָמיניקאַנער רעפובליק דורכצופירן דעם אָפמאַך אין איינקלאַנג מיט די געזעצן פון דער רעפובליק; און די געזעלשאַפט, פאַרטראָטן דורך דזשעימס נ. ראָזענבערג, איר פרעזידענט, און דזשאָזעף א. ראָזען, איר וויצע-פרעזידענט, וועל-כע זיינען דורך אַ רעזאָלוציע פון דער געזעלשאַפט געהעריק אויטאָראַזירט געוואָרן דורכצופירן און איבערצוגעבן דעם אָפמאַך אין איר נאָמען; מיט דעם זיך אונטערגענומען און זיך געאייניקט אויף דאָס ווייטערדיקע.

אַרטיקל 1.

די רעכטן פון די קאָלאָניסטן.

די רעפובליק, אין איינקלאַנג מיט איר קאָנסטיטוציע און אירע געזעצן, גאַ-ראַנטירט די קאָלאָניסטן און זייערע ווייטערדיקע דורות די פולע מיגלעכקייט צו לעבן און זיך פאַרנעמען מיט זייערע באַשעפטיקונגען אין דער פולער זיכער-קייט, אַז זיי וועלן זיין פריי פון וועלכע ניט איז אָנגריפן, דיסקרימינאַציעס און פאַרפאָלגונגען; זי פאַרזיכערט זיי, אַז זיי וועלן האָבן די פולע פרייהייט זיך צו האַלטן ביי זייער רעליגיע און זייערע רעליגיעזע פירונגען, אַז זיי וועלן האָבן גלייכע מיגלעכקייטן מיט אַלעמען און גלייכע ציווילע, לעגאַלע און עקאָ-נאָמישע רעכט און אויך אַלע אַנדערע רעכט וואָס טאָרן ביי אַ מענטשן ניט אָנ-גערירט ווערן.

אַרטיקל 2.

דער אָפקלייב פון די קאָלאָניסטן און זייער אַריינקומען אין לאַנד.

(א) די רעפובליק וועט אויסניצן יעדע מיגלעכקייט און געבן יעדע מיגלעכע הילף די יידישע און ניט-יידישע קאָלאָניסטן כדי זיי זאָלן קענען פאַרלאָזן זייערע איצטיקע וואוין-ערטער און קענען אַריינקומען און זיך באַזעצן אין דער דאָמיני-קאַנער רעפובליק, זיי זאָלן דאָרטן קענען האָבן חיונה, אויפבויען זייער פער-מאַנענטע היים און זיך דערוואָרבן בירגערשאַפט פון דער דאָמיניקאַנער רע-פובליק אין הסכם מיט איר קאָנסטיטוציע און געזעצן. ישובים זאָלן אויפקומען ביסלעכווייז אין משך פון דער צאָל יאָרן וואָס עס וועט זיין געוואונטשן, אָדער מע וועט דאַרפן, כדי אַוועקצושטעלן די קאָלאָניסטן אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי זאָלן זיך קענען איינאָרדענען ווי בירגער פון דער רעפובליק און צוריק אויסצאָלן דער געזעלשאַפט די אויסגאַבן וואָס זי האָט געהאַט פון זייערטוועגן. עס ווערט פאַרשטאַנען, אַז די רעפובליק דאַרף ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך צו דער גע-זעלשאַפט, אָדער אַ וועלכער ניט איז אַנדער אינסטיטוציע, פאַר די פינאַנציעלע

פאַרפליכטונגען וואָס די קאָלאָניסטן ווילן צו איר האָבן אָדער זיי זאָלן מאַכן דער געזעלשאַפט וועלכע ניט איז אויסצאָלונגען פאַר אויסגאַבן וואָס זי קען האָבן.

(ב) די געזעלשאַפט זאָל האָבן דאָס רעכט צו באַשטימען ווער עס זאָלן זיין די קאָלאָניסטן, וואָס אויסקלייבן וועט מען זיי לויט זייער צוגעפּאַסטקייט און זייערע טעכנישע פעאיקייטן זיך צו פאַרנעמען מיט אַגריקולטור, אינדוסטריע, פאַבריקאַציע און מלאכות. פון צייט צו צייט וועט די געזעלשאַפט צושטעלן דער רעפּובליק דורך איר מלוכה-סעקרעטאַר פאַר אינערלעכע און פּאָליציי-אַנגע-לעגנהייטן די נעמען פון די קאָלאָניסטן וואָס מע וועט אויף אַזאַ אופן אויס-קלייבן, מיט אָנווייזונגען פון וועלכן אָרט זיי שטאַמען אָפּ, וואָס עס זיינען זייערע פעאיקייטן, דערפאַרונגען און אויך אַנדערע פאַקטן וואָס קענען העלפן פעסטצושטעלן ווער זיי זיינען און צו באַשטימען זייערע ספּעציעלע קוואַליפי-קאַציעס. פאַר דער פּינקטלעכקייט פון דער אינפאָרמאַציע איז די געזעלשאַפט פולשטענדיק פאַראַנטוואָרטלעך. די רעפּובליק וועט אין דער מיגלעך קירצסטער צייט דורכקאָנטראָלירן די אינפאָרמאַציע וואָס וועט איר אויף אַזאַ אופן איבער-געגעבן ווערן און וועט אָן אָפּלייג האַנדלען צי זיי קענען אין לאַנד אַריינ-קומען. באַלד דערויף וועט דער דעפּאַרטמענט פון אויסלענדישע אַנגעלעגנהייטן פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק אינסטרואירן די דאָמיניקאַנער קאָנסולאַרע באַאַמטע, אַז זיי זאָלן די קאָלאָניסטן באַזאָרגן מיט די נייטיקע דאָקומענטן פאַר זייער רייזע און פאַר זייער אַריינקומען אין דער רעפּובליק, אין דעם זיינען אַריינגערעכנט וויזעס און אַנדערע פאָרמאַליטעטן וואָס קענען זיי באַהילפיק זיין אויף זייער רייזע פון זייערע וואוין-ערטער ביז צו דער דאָמיניקאַנער רעפּוב-ליק, און די דערמאָנטע קאָנסולאַרע באַאַמטע זאָלן די דאָזיקע דאָקומענטן אַרויס-געבן די קאָלאָניסטן פריי פון וועלכע ניט איז קאָסטן, אײנטריט-געלט, שטייערן און וועלכע ניט איז אַנדערע אָפּצאָלן. אַלע קאָלאָניסטן וואָס זייער אַריינפאָר וועט אויף אַזאַ אופן באַשטעטיקט ווערן דאַרפן פריי אַריינגעלאָזן ווערן אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק נאָך דעם ווי זיי וועלן אָנקומען אין אַ דאָמיניקאַנער פּאָרט.

(ג) ביים אָנהייב זאָלן אַריינגעלאָזן ווערן אין דער רעפּובליק ווי אַ גאַנצע גרופּע אָדער אין באַזונדערע גרופּעס אַן ערך 500 פאַמיליעס יידישע, אָדער ניט-יידישע קאָלאָניסטן. מיט דער צייט זאָלן ביסלעכווייז אַריינגעלאָזן ווערן ביז 100,000 קאָלאָניסטן אין הסכם מיט די באַשלוסן וואָס וועלן אין דעם פּרט גע-מאַכט ווערן געמיינשאַפטלעך פון דער רעפּובליק און דער געזעלשאַפט. אַלע קאָ-לאָניסטן וואָס מען וועט אַריינלאָזן אין דער רעפּובליק לויט דעם אָפּמאַך, זאָלן באַזיצן אַלע רעכט וואָס דער אָפּמאַך גיט און גאַראַנטירט.

(ד) די געזעלשאַפט קען אויך רעקאָמענדירן דער רעפּובליק אַז מע זאָל אַריינלאָזן פריי אויף דעם אופן וואָס איז פריער אָנגעמערקט, אַזעלכע, וואָס זיינען ספּעציאַליסטן לויט זייערע פּראָפעסיעס, מלאכות אָדער באַשעפטיקונגען, עקספּערטן, בעל-מלאכות און בכלל פּערזאָנען, וואָס זיינען ווינטשנסווערט פאַר דער רעפּובליק.

(ה) עופעלעך פון קאָלאָניסטן וואָס ווערן געבאָרן אין צייט פון דער אי-בערוואַנדערונג, האָבן דאָס רעכט אַריינצוקומען אין לאַנד און פאַר זיי זיינען גילטיק אַלע פּריווילעגיעס וואָס דער אָפּמאַך גיט.

אַרטיקל 3.

עס ווערט קלאָר פאַרשטאַנען, אַז די עקזעקוטיווע מאַכט פון דער רעפּובליק דאַרף אַריינברענגען אַ געזעץ וואָס זאָל מאָדיפיצירן דעם ביז-איצטיקן אימיגראַציע-געזעץ אַזוי, אַז די קאָלאָניסטן וואָס פאַלן אַרונטער אונטער דעם איצטיקן אָפּמאַך, זאָלן באַפרייט ווערן פון אַלע אַריינפאָר-שטייערן, אָדער ענלעכע שטייערן, איצטיקע און קומעדיקע, און אַז זיי זאָלן אויך ניט אונטערוואָרפן ווערן אונטער די אָפּצאָלונגען וואָס אַ וועלכע ניט איז אַמטיילונג פון דער רעפּובליק האָט איינגעפירט. פונקט אַזוי זאָל די עקזעקוטיווע מאַכט דורכפירן אַ געזעץ, וואָס זאָל באַפרייען די וואָס קומען זיך באַזעצן אויף דער דאָמיניקאַנער טעריטאָריע, ווי קאָלאָניסטן, פון די איינצאָלונגען, וואָס מען פאָדערט איצט פון די נאַוויגאַציע געזעלשאַפטן פאַר דער טראַנספּאָרטאַציע פון אימיגראַנטן קיין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, אָדער פון וועלכע ניט איז אַנדערע איינצאָלונגען, וואָס זייער כאַראַקטער זאָל ניט זיין, אַזוי אַז די קאָלאָניסטן זאָלן, ווען זיי טרעטן אַרויף אויף דעם דאָמיניקאַנער באָדן, האָבן דאָס רעכט צו ברענגען מיט זיך פריי פון צאָל און ניט פאַרן פאַרקויף, נאָר פאַר זייער אייגענעם געברויך אין זייערע לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און אַנדערע נויטווענדיקייטן וואָס קענען אויפקומען, מעבל, פערזענלעכע מטלטלים, געציייג, מכשירים, מאַטעריאַלן און אַנדערע אינסטרומענטן, וועלכע זיי וועלן מסתמא דאַרפן כדי עקאָנאָמיש זיך זיכער איינצואָרדענען. עס ווערט פאַרשטאַנען, אַז דער איצטיקער אָפּמאַך גייט אַריין אין קראַפט ערשט נאָך דעם, ווי דער קאָנגרעס פון דער רעפּובליק וועט, אין הסכם מיט דער קאָנסטיטוציע, דורכפירן די געזעצן וואָס ווערן אין דעם איצטיקן אָפּמאַך פאָרגעשלאָגן און אויך אַנדערע געזעצן וואָס קענען זיך אַרויסווייזן פאַר נייטיק כדי דער אָפּמאַך זאָלן האָבן אַ פולשטענדיק לעגאַלן ווערט און כוח.

אַרטיקל 4.

די רעכט און פליכטן פון דער געזעלשאַפט.

(א) עס דאַרף זיין די פליכט פון דער געזעלשאַפט זיך צו זאָרגן פאַר די אימיגראַנטן, וועלכע באַזעצן זיך אויף דער טעריטאָריע פון דער רעפּובליק, כדי דאָרטן אויפצושטעלן זייערע אונטערנעמונגען און מיטהעלפן, אַז זיי זאָלן עקאָנאָמיש פראָגרעסירן.

(ב) די געזעלשאַפט דאַרף אויפהאַלטן אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק אַ ביוראָ, אָדער ביוראָס און אירע פאַרטרעטער, עקספּערטן און אַנדערע באַאַמטע און אָנגעשטעלטע דאַרפן האָבן אַלע רעכט כדי דורכצופירן זייער מיסיע אין דער טעריטאָריע פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק אין הסכם מיט דעם אָפּמאַך און דער קאָנסטיטוציע און די נאַציאָנאַלע געזעצן פון דער רעפּובליק. באַאַמטע און אָנגעשטעלטע פון דער געזעלשאַפט דאַרפן פון דער רעפּובליק באַזאָרגט ווערן מיט די געהעריקע דאָקומענטן, וואָס זאָלן זיי דערמעגלעכן פריי און מיט דערפאָלג נאָכצוקומען זייערע פליכטן, און אויך זיי געבן דאָס רעכט פריי אַרומצופאָרן איבער דער רעפּובליק, צו קומען און צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. זיי דאַרפן אויך קריגן די מיטהילף פון דער רעפּובליק און אירע אָפיציעלע באַאַמטע בעת זיי פירן דורך זייערע פליכטן;

(ג) די געזעלשאַפט איז פריי פון צו צאָלן וועלכע ניט איז שטייערן אויף אייגנטום און אויך פון אַנדערע אָפּצאָלונגען, אָדער קאָנטריבוציעס אויף טראַנסאַקציעס אָדער אויף אַנדערע צופעליקע אונטערנעמונגען וואָס האָבן אַ שייכות אויסשליסלעך מיט דער דורכפירונג פון איר גרונט-ציל צו טראַנספאָרטירן און איינאָרדענען אויף דער טעריטאָריע פון דער רעפובליק די קאָלאָניסטן, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין דעם איצטיקן אָפּמאַך, אָדער מיטן דורכפירן פּראָיעקטן פון אַלגעמיינעם אינטערעס בעתן באַזעצן און איינאָרדנען די דערמאָנטע קאָלאָ-ניסטן, בתנאי אַז די דאָזיקע אונטערנעמונגען קאָנקורירן ניט מיט אַנדערע ענלעכע אַקטיוויטעטן וואָס זיינען אָפן פאַר פּריוואַטער איניציאַטיוו.

(ד) די געזעלשאַפט דאַרף באַצאָלן און שאַפן אָדער זען אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן אַלע פאָנדן, וואָס זיינען נייטיק צו דעקן די טראַנספּאָרטאַציע-הוצאות פון די קאָלאָניסטן, די הוצאות בעת זייער לאַנדן און באַזאָרגן זייערע הצטרכותן ביז יענער צייט, ווען זיי וועלן זיך קענען אַליין אויסהאַלטן.

(ה) די געזעלשאַפט זאָל האָבן דאָס רעכט צו קויפן, דינגען, קריגן דורך אַ נדבה, קאָנצעסיע אָדער דורך אַן אויסבייט, טראַנסאַקציע און בכלל צו דער-ווערבן, פאַרמאָגן אָדער באַזיצן באַוועגלעך אָדער אומבאַוועגלעך אייגנטום. כדי עס איבערצוגעבן, פאַרמשכנען, פאַרדינגען, פאַרקויפן, אָפּגעבן אין אַרענדע אָדער אויף וועלכן ניט איז אַנדער אופן עס צו באַניצן און בכלל אָפּצוטרעטן וועלכע ניט איז פון די רעכט צו קאָלאָניסטן אָדער גרופּעס קאָלאָניסטן; באָרגן זיי געלט, פאַרקויפן זיי אייגנטום אָדער אויף וועלכן ניט איז אַנדער אופן צו האַנדלען מיט די קאָלאָניסטן אַזוי ווי די געזעלשאַפט וועט עס געפינען פאַר נייטיק און באַקוועם; איינשטעלן רעגולאַציעס וועגן די געביטן פון עקאָנאָמישע טעטיקייטן פון די קאָלאָניסטן און וועגן דעם אופן ווי זיי אַרויסצוגעבן הלוואות אַד"גל, אַד"גל; און בכלל זאָל די געזעלשאַפט האָבן דאָס פולע רעכט צו האַנדלען מיט די קאָלאָניסטן און מיט אַנדערע ווי זי וועט עס געפינען פאַר נייטיק, אָבער אין הסכם מיט די דאָמיניקאַנער געזעצן.

(ו) די געזעלשאַפט האָט דאָס רעכט אויפצושטעלן, אויסצוהאַלטן אָדער אויף אַן אַנדער אופן צו שאַפן פאַר די קאָלאָניסטן ערטער אויף אויפצונעמען זיי, זיי לערנען אַ מלאכה און זיי צו בילדן, אויפצובויען פאַר זיי פּאַסיקע שלאָף-ערטער, שול-בנינים, געבעט-הייזער, וואוינונגען, עקספּערימענטאַלע לאַנדווירטשאַפטלעכע פעלדער און בכלל צו האָבן די השגחה כדי אויסצובעסערן דעם פיזישן, סאָציאַלן, עקאָנאָמישן און גייסטיקן וואוילזיין פון די קאָלאָניסטן; אויך האָט זי דאָס רעכט צו דערמוטיקן, מיטהעלפן און אָרגאַניזירן פאַר די קאָלאָניסטן פאַרשיידענע מינים קאָאָפּעראַטיוון, פאַרן קויף און פאַרקויף, פאַר קרעדיט, פּראָדוקציע און פאַרן געברויך.

(ז) דער פּרעזידענט, אָדער וויצע-פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט, אָדער די, וועמען זיי וועלן אויף זייער אָרט באַשטימען, ווען זיי וועלן דורכפירן אַ וועלכן ניט איז פּראָיעקט פון דער געזעלשאַפט, וואָס לויט די געזעצן פון דער רעפובליק פאָדערט זיך די מיטווירקונג אָדער אינטערווענציע פון דער רעגירונג, דאַרפן זיי זיך פריער וועגן דעם פאַרבינדן מיט דעם דעפּאַרטמענט, אָדער דעם באַאַמטן וועלכער איז אָנפאַרטרויט געוואָרן מיט אַזעלכע אָנגעלעגנהייטן זיך צו פאַרנעמען.

(ח) קיין זאַך וואָס איז געזאָגט געוואָרן, אָדער באַשטימט געוואָרן אין דעם אָפּמאַך זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערן אויף אַזאַ אופן, אַז די אַקציע-באַזיצער, די באַאַמטע, דירעקטאָרן אָדער אָנגעשטעלטע פון דער געזעלשאַפט זיינען, אָדער וועלן זיין אונטערוואָרפן אונטער וועלכער ניט איז פּערזענלעכער, אָדער אינדיווידועלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אויפן גרונד פון דעם אָפּמאַך, אָדער פאַר די האַנדלונגען, מעשים אָדער טעותן פון דער געזעלשאַפט אָדער פון די קאָלאָניסטן.

(ט) עס ווערט פאַרשטאַנען, אַז אונטער די תנאים פון דעם אָפּמאַך קענען די קאָלאָניסטן ניט באַטראַכט ווערן אויף וואָס פאַר אַ אופן דאָס זאָל ניט זיין ווי אָנגעשטעלטע פון דער געזעלשאַפט. זיי זיינען נאָר די וואָס געניסן פון דער געזעלשאַפטס טעטיקייט.

(י) די געזעלשאַפט האָט דאָס רעכט אָנצונעמען אַזעלכע שריט און זיך צו ווענדן מיט פּעטיציעס צו דער עקזעקוטיווער מאַכט פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, וואָס וועלן נאָר זיין נייטיק אין די פּערזענלעכע, אָדער קאָלעקטיווע אינטערעסן פון די קאָלאָניסטן ביז צו יענער צייט ווען זיי וועלן זיך האָבן דערוואָרבן דאָמיניקאַנער בירגערשאַפט.

(יא) עס ווערט פאַרשטאַנען, אַז די רעכט וואָס די קאָלאָניסטן אָדער די געזעלשאַפט וועלן זיך דערווערבן אויפן סמך פון דעם אָפּמאַך, אָדער אויפן סמך פון וועלכע ניט איז אַנדערע שפּעטערדיקע אַקטן וואָס וועלן זיך אויף אים שטיצן, זאָלן דערנאָך ניט אָפּגעשאַפט ווערן דורך ווייטערדיקע געזעצגעבונגען ווייל דער פּרינציפּ אַז געזעצן ווירקן ניט אויף צוריק וואָס שטעלט פעסט דער אַרטיקל 42 פון דער קאָנסטיטוציע פון דער רעפּובליק דערלאָזט עס ניט.

(יב) די געזעלשאַפט האָט דאָס רעכט זיך צו פאַרנעמען מיט אַלע געזעצלעכע טעטיקייטן, וואָס זי וועט געפינען פאַר נייטיק, אָדער פאַר באַקוועם כדי אויסצופירן דעם דאָזיקן אָפּמאַך.

אַרטיקל 5.

די מיטווירקונג פון דער רעפּובליק.

(א) די רעפּובליק דאַרף מיט אַלע מיטלען, וואָס איז אין איר מאַכט, אַחוץ געלטלעכע, פאַרגרינגערן דער געזעלשאַפט אין אירע באַמיאונגען אויסצוקלייבן, אויפצובויען און אויפצוהאַלטן פּאַסיקע וואוין-ערטער און אַנדערע בנינים וואָס מע וועט זיי בויען אויף וויפל ס'איז נאָר מיגלעך מיט דעם מאַטעריאַל וואָס איז פאַראַן אויפן שטח פון דער דאָמיניקאַנער טעריטאָריע און זי דאַרף מיטאַרבעטן מיט דער געזעלשאַפט, אויף וויפל עס לאָזט זיך נאָר, כדי צו קריגן פאַר די קאָלאָניסטן די פּאַסיקע באַשעפטיקונגען אין לאַנדווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, ביים בויען שאָסייען און ביי אַנדערע ענלעכע אַרבעטן. די רעפּובליק זאָל פונקט אַזוי אָננעמען די געהעריקע מאָסמיטלען, דורך די פאַרשיידענע צווייגן פון דער אַדמיניסטראַציע, — מיטצוהעלפן ביים אויסוואַל פון פּאַסיקע שטחים פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע צוועקן און ווען די געזעלשאַפט וועט וועלן זיך דערווערבן די שטחים זאָל זי אויפן בעסטן אופן מיטהעלפן דער געזעלשאַפט כדי איר צו געבן אָדער העלפן קריגן די נייטיקע פּריוויליגיעס אויף לאַנדווירטשאַפטלעכן באָדן, וועלכער קען באַטראַכט ווערן אַלס צוגעפּאַסט און נייטיק פאַר צוקונפטיקע גרויסע באַזעצונגען.

(ב) די רעפּובליק, כדי דער אָפּמאַך זאָל זיין אַן ארבעטזאַמער און כדי צו פאַרזיכערן פאַר דער געזעלשאַפט, אָדער פאַר די קאָלאָניסטן, דאָס רעכט זיך איינצושאַפן פּאַסיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע שטחים, בנינים, דאָס רעכט אויף וואַסער אָדער אַנדערע וויכטיקע רעכט, דאַרף אויטאָריזירן און דירעקטירן אירע געהעריקע אַדמיניסטראַטיווע אָפּטיילונגען אָנצונעמען אַזעלכע אָפיציעלע מאָססמיטלען וואָס קענען פון צייט צו צייט זיין נייטיק אָדער ראַטזאַם כדי צו קריגן און זיך צו באַוואָרענען מיט זיכערע און גילטיקע באַזיץ-פּאַפּירן און אויך מיט דעם רעכט צו ניצן דאָס דערמאָנטע אייגנטום, און צו איבערגעבן דער געזעלשאַפט און די קאָלאָניסטן די דאָזיקע רעכט, באַזיץ-פּאַפּירן און פּריווילעגיעס.

(ג) די רעפּובליק פאַרזיכערט מיט דעם, אַז אַלע רעכט, וואָס וועלן פון היינט אָן פון דער רעפּובליק געגעבן ווערן צו אַנדערע געזעלשאַפטן, גרופּעס אָדער אַגענטורן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט ענלעכע טעטיקייטן, זאָלן אויטאָמאַטיש געגעבן ווערן און זיין גילטיק אויך פאַר דער געזעלשאַפט און די פּערזאָנען וואָס זי וועט באַזעצן.

אַרטיקל 6.

די גילטיקייט און דורכפירונג פון דעם אָפּמאַך.

דער איצטיקער אָפּמאַך זאָל ניט בינדן ביידע צדדים וואָס שליסן אים, ביז די פאָלגנדיקע תנאים וועלן ניט דורכגעפירט ווערן:

1. אַז דער אָפּמאַך איז ראַטיפיצירט געוואָרן דורך אַן אויסדריקלעכער רעזאָלוציע פון דעם דירעקטאָרן-ראַט פון דער געזעלשאַפט.

2. אַז דער קאָנגרעס פון דער רעפּובליק זאָל, אין די גרענעצן פון זיינע קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט, אַרויסגעבן אַ געזעץ, אַז פּערזאָנען וואָס קומען זיך איינאָרדענען אין לאַנד אונטער דער שוץ פון אַ קאָלאָניזאַציע-אָפּמאַך, זאָלן אויסגעשלאָסן ווערן פון וועלכע ניט איז דיסקרימינירנדיקע באַשטייערונגען, און פּונקט אַזוי זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַ געזעץ, אַז פּערזאָנען וואָס וועלן קומען אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק ווי קאָלאָניסטן, זאָלן באַפרייט ווערן פון די איינצאָלונגען, וואָס מע פאָדערט איצט פון די שיף-געזעלשאַפטן פאַר דאָס רעכט צו ברענגען אימיגראַנטן אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, און בכלל דאַרפן אַזעלכע פּערזאָנען באַפרייט ווערן פון וועלכע ניט איז אָפּצאָלונגען אַזוי, אַז די קאָלאָניסטן זאָלן קענען מיטברענגען מיט זיך בעת זיי קומען אָן אין לאַנד פריי פון צאָל, אויב זיי ברענגען עס נאָר ניט פאַרן פאַרקויף, נאָר פאַר זייער געברויך אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער אייגענער באַלעבאַטישקייט: מעבל, פּערזענלעכע מטלטלים, געצייג, מכשירים, מאַטעריאַלן און אַנדערע אינסטרומענטן, וואָס זיי וועלן דאַרפן האָבן כדי עקאָנאָמיש זיך גוט אַוועקצושטעלן; און נאָך מער, אויך אַ געזעץ, אַז געזעלשאַפטן, וואָס האָבן זיך געשאַפן צו גרינדן קאָלאָניעס אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, זיינען באַפרייט פון שטייערן אויף אייגנטום, אָדער אַנדערע צאָלונגען און באַשטייערונגען אויף די טראַנסאַקציעס, אָדער אַנדערע טעטיקייטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער דורכפירונג פון דעם הויפּטציל פון די דערמאָנטע געזעלשאַפטן און מיט זייער אויפגאַבע אַריינצוברענגען און באַזעצן קאָלאָניסטן אין דער רעפּובליק; און די אָנגעוויזענע געזעצן דאַרפן געהעריק אַרויסגעגעבן און פאַרעפנטלעכט ווערן.

3. אַז דער איצטיקער אָפּמאַך איז באַשטעטיקט געוואָרן פון דעם קאָנגרעס פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק.

דער איצטיקער אָפּמאַך וועט אַריין אין פולער קראַפט און ווירקונג באַלד נאָר ווי די דאָזיקע תנאים וועלן דורכגעפירט ווערן; די געזעלשאַפט וועט באַלד דערויף, אָן ווייטערדיקע פאָרמאַליטעטן מצד דער רעפּובליק צוטרעטן צו דער דורכפירונג פון די אַלע טעטיקייטן אירע, וואָס זיינען אָנגעגעבן אין דעם איצטיקן אָפּמאַך.

צונויפגעשטעלט און אונטערגעשריבן אין פיר אָריגינאַלן אין סיודאַט, טרוכילאָ באַצירק פון סאַנטאָ-דאָמינגאָ, דאָמיניקאַנער רעפּובליק, דעם דאָזיקן 13טן טאָג פון יאַנואַר ניינצן הונדערט און פערציק.

יאָזע גאַרסיע, מלוכה-סעקרעטאַר פון אינערלעכע און פּאָליציי-אָנגעלעגנהייטן.

ראַול קאַרבוציאַ, מלוכה-סעקרעטאַר פון אַגריקולטור, אינדוסטריע און אַרבעט.

דזשעימס נ. ראָזענבערג, פּרעזידענט פון דער אינקאָרפּאָרירטער קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפט פאַר דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק.

דזשאָזעף א. ראָזען, וויצע-פּרעזידענט פון דער אינקאָרפּאָרירטער קאָלאָניזאַציע-געזעלשאַפט פאַר דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק.

עדות:

פאַרן פאָררזיצער: ערן-ווירדיקער אוירל ווינטערטאָן
פאַרן דירעקטאָר: סער הערבערט עמערסאָן
פון סטעפאַנוס וו. ס. מאָררים, סעקרעטאַר פון אינטער-מלוכהשן קאָמיטעט.

פאַר דעם עקזעקוטיוו-קאָמיטעט פון דער קאָאָרדינירטער קער-פערשאַפט

האַראָלד פ. לינדדער, מיטגליד פון עקזעקוטיוו-קאָמיטעט.

איבערזעצונגס-סערטיפיקאַט.

הערמיט באַשטעטיק איך, אַז דאָס איז אַן אמתע און ריכטיקע איבערזעצונג פון דעם אָפיציעלן שפּאַנישן טעקסט פון דעם „אָפּמאַך", אין וועלכן עס זיינען הייגט אַריינגעטראָטן די דאָמיניקאַנער רעפּובליק און די אינקאָרפּאָרירטע קאָלאָ-ניזאַציע-געזעלשאַפט פאַר דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק, און אַז איך בין באַפול-מעכטיקט געוואָרן פון דעם ערן-ווירדיקן וויצע-פּרעזידענט פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק צו מאַכן די איבערזעצונג און צושטעלן דעם דאָזיקן סערטיפיקאַט.
פרעד קיו, ריטשאַרדס

געזען:

מ. ד. דזש. טראַנקאַסאָ דע לאַ סאַנטשאַ, וויצע פּרעזידענט פון דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק.

בריוו

דזשעימס נ. ראָזענבערג, עסקווייער, סיודאַר.

מיין טייערער מר. ראָזענבערג:

מיין לאַנד־באַזיץ וואָס געפינט זיך אין סאָסואַ, פּאָרטאָפּלאַטע פּראָווינץ, איז, ווי איר האָט מיר צו וויסן געגעבן, אויסגעקליבן געוואָרן פון דר. דזשאָזעף א. ראָזען ווי אַ פּאַסיקער פּלאַץ פאַר קאָלאָניזאַציע.

דער דאָזיקער באָדן פון אַן ערך 26,865 אַקער פאַרמאָגט 24 וואוין־ערטער, אַ רעזערוואואַר און אַנדערע איינריכטונגען פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון קאָלאָניסטן. דאָס אייגנטום האָט 4,950 אַקער קולטיווירטע פּאַשע־לאַנד, אַ גרויסן שטח פון אור־וואַלד מיט אַ שפע פון ווערטפולן געהילץ. דאָס אַלץ האָט פאַר מיר דעם ווערט פון אַ ווירקלעכער אינוועסטירונג פון ניט ווייניקער ווי $100,000.

איך בין שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטצוהעלפן אויף אַ פּראַקטישן אופן די הומאַניטאַרע פּלענער פון פּרעזידענט רוזוועלט. איך האָף, אַז די אימיגראַציע פון אייראָפּעאישע פּליטים אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק וועט אַ שטויס טאָן דעם פּראָגרעס פון אונדזער לאַנד און וועט פאַרשטאַרקן די אַנטוויקלונג פון אונדזערע נאַטירלעכע אוצרות, און אויך פון די אינדוסטריעס.

ווי איך האָב שוין אייך אָנגעוויזן אין אַ פּערזענלעכן געשפּרעך, איז עס אומבאַדינגט נייטיק צו שאַפן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע באַנק אין סאַנטאָ־דאָמינגאָ, כדי צו העלפן דער אַרבעט פון די דאָזיקע אימיגראַנטן, כדי צו אַנטוויקלען אַ מאַרק פאַר זייערע ערד־פּראָדוקטן. אַזאַ באַנק דאָ אין לאַנד וועט אויך זיין אין שטאַנד צו פאַרזיכערן גינסטיקע אָפּמאַכן וואָס וועלן ברענגען נוצן אונדזער גאַנצער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַפעלקערונג, מיט דעם וואָס זי וועט זיי פאָרשלאָגן קורץ־טערמיניקע הלוואות אויף זייערע פּראָדוקטן אויף מעסיקע פּראָצענטן.

איך חזר איבער, איך בין שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז די קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונג זאָל פאַרווירקלעכט ווערן, ווייל איך בין איבערצייגט, אַז מיר דאַרפן אַלע מיטהעלפן אין די ראַמען פון אונדזערע מעגלעכקייטן, אַז דער הומאַניטאַרער און נאָבעלער פאַרזוך זאָל האָבן אַ דערפאָלג. עס איז דעריבער, מיין טייערער מר. ראָזענבערג, פאַר מיר אַ פאַרגעניגן פאָרצושלאָגן דער פּליטים־געזעלשאַפט פון וועלכער איר זייט איר געשעצטער פּרעזידענט, מיין באַזיץ אין סאָסואַ, ווי מיין פּערזענלעכע ביישטייערונג אויף איינצואָרענען דאָרטן די ערשטע פּליטים־קאָלאָניע אין דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק.

גלייבט מיר, אין מיין אויפריכטיקייט צו אייך

אונטערגעשריבן: ראַפאַיעל ל. טרוכילאָ

וואַשינגטאָן, די. סי., פעברואַר דעם 2־טן, 1940.

„צו דער אַמעריקאַנער לעגאַציע", סיאודאַד, טרוכילאָ.

„זייט אַזוי גוט און גיט איבער די פאָלגנדע צושריפט צו מר. ראָזענבערגן".

„דער פּרעזידענט האָט דערהאַלטן אייער טעלעגראַמע און ער איז העכסט צופרידן צו דערפאַרן, אַז עס איז אויף אַ גליקלעכן אופן געשלאָסן געוואָרן אייער אָפּמאַך מיט דער דאָמיניקאַנער רעפּובליק אויף איינצואָרדנען דאָרטן פּליטים. דער דערפאָלג פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג זאָגט פאָראויס אַ שטופּענווייזע און פּראָגרעסיווע לייזונג פון אָט דער גרויסער הומאַניטאַרער פּראָבלעם".

קאָרדעל האָל

אַגריקולטורעלער דעפּאַרטמענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן

אָפּים פון עקספּערימענטאַלע סטאַנציעס.

מאיעגועז, פּאָרטאָ ריקא, סעפּטעמבער 19, 1941.

ד״ר דזשעיִמס נ. ראָזענבערג, פּרעזידענט דאָמיניקאַנער רעפּובליק, קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפט, אינק., צימער 1627, 165 בראָדוויי, ניו-יאָרק, נ. י.

טייערער מר. ראָזענבערג:

עס איז געווען פאַר מיר אַ גרויס פאַרגעניגן ווידער צו הערן פון אייך אין אייער בריוו פון דעם 17טן סעפּטעמבער.

וואָס שייך דער קאָלאָניזאַציע פון פּליטים אין סאָסואָ, קען גאָר קיין פראַגע ניט זיין, אַז זי וועט האָבן אַ גרויסן, טאַקע באמת, גאָר גרויסן דערפאָלג, במשך פון די קומענדיקע פינף, צען יאָר. ביים אָנהייב פון אַזאַ פּראָיעקט זיינען שטענדיק פאַראַן ניט קיין פאָרויסגעזעענע שוועריקייטן, וועלכע, ווי עס האָט געוויזן די דערפאָרונג, דוכטן זיך אויף דעם מאָמענט אויס צו זיין זייער גרויס, אָבער ווי תמיד איז גרינג די שטערונגען צו באַזייטיקן און אין רעטראָספּעקט פון ווייטערדיקע יאָרן זעען זיי מער ניט אויס צו האָבן געווען וויכטיק.

די קאָלאָניע פון סאָסואָ געפינט זיך אין אַן אידעאַלער געגנט, און דעריבער קען זי זיין אַן אָנגענעמער וואוין-אָרט. זי ליגט אויף דעם צפונדיקן ברעג פון סאַנטאָ-דאָמינגאָ, עס קומען צו איר צו די צפון-מזרחדיקע מילדע ווינטן און די קילע לופט פון דעם אַטלאַנטיק, וועלכער שניידט דורך די קאָלאָניע. דאָס אַלץ ווירקט אַז דער קלימאַט זאָל דאָרטן זיין מעסיקער. די ווייסע ים-ברעגעס און דער הינטערגרונד פון די בערג שאַפן אַן אידעאַלע אומגעבונג אויף צום לעבן. מע קען עס מער פאַרגלייכן צו מיאַמי ווי צו אַ טראָפּיש לאַנד, ווי דאָס ווערט געוויינלעך פאַרשטאַנען.

די קאָלאָניע איז אויך אין א גינסטיקער לאַגע וואָס שייך דער מיגלעכקייט פאַר די קאָלאָניסטן צו פאַרדינען. דער באָדן איז פאַרשיידנאַרטיק. אין געוויסע ערטער איז ער רייך, כאָטש אין אַנדערע ערטער איז ער אונטער דעם דורכשניט. דער רעגן איז ניט גענוג פאַר געוויסע תבואות אָבער דערפאַר איז ער זייער גינסטיק פאַר אַנדערע. די מיגלעכקייטן פאַר אונטערערדישע וואַסערן און פאַר איריגאַציע זיינען גוטע כאָטש אַ גרויסער טייל פון דעם איצטיקן באַזיץ איז בערגיק, איז אַזאַ משופּעדיקער באָדן גוט צוגעפּאַסט צו פאַרפלאַנצן ביימער.

עס איז מיין פּערזענלעכע פאָרשטעלונג, אַז די פּראָדוקטן פון דער קאָלאָניע קענען ווערן אַ וויכטיקער צוגאָב צו דער ווירטשאַפט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און אַ ברכה אָנשטאָט אַ קאָנקורענץ. איך האָב אין זינען דאָס פּראָדוצירן אַזעלכע עקספּאָרט-פּראָדוקטן, ווי געוויסע זייער וויכטיקע אוילן און געווירצן און אויך טראָפּישע האָלץ, ווי דער טעקבוים, דער ווענעזועלער

מאַהאַגאָני און דער באַמבוס, אין וועלכע מיר נייטיקן זיך דאָ אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. אין די טראָפּישע לענדער קען דער באַמבוס זיין גרייט אויף צו שניידן אין משך פון 6 יאָר און דער טעקבוים און מאַהאַגאָנע־בוים אין משך פון 15-20 יאָר.

אָן זיך אַריינצולאָזן אין איינצלהייטן קען מען זאָגן, אַז די מיגלעכקייטן צו האָבן חיונת פון די אַלע נאָר וואָס דערמאָנטע ערד־פּראָדוקטן זיינען גינס־טיקע; אָט די פּראָדוקטן זיינען צוגעפּאַסט פאַר דעם קלימאַט פון דער קאָלאָניע אין סאָסואָ און, טאַקע ווייל די פּליטים־קאָלאָניסטן פאַרמאָגן אַ הויכע אינטע־ליגענץ און בילדונג, וועלן זיי זיין פעאיק אָט דעם מין פּראָדוקטן צו אַנט־וויקלען. מיט אַנדערע ווערטער, עס איז וויכטיק דאָס וואָס ס'רוב פון די קאָ־לאָניסטן שטייען אויף אַ העכערע שטופע פון בילדונג ווי דער דורכשניטלעכער לאַטיין־אַמעריקאַנער. אַנשטאָט אַוועקשטעלן די קאָלאָניסטן אין דער לאַגע, אַז זיי זאָל אויסקומען צו קאָנקורירן מיט די שווערע לוין־אַרבעטער פון לאַטיין־אַמעריקע, איז עס פיל מער געוואונטשן אויסצוקלייבן פאַר זיי אַזעלכע ערד־פּראָדוקטן פאַר וועלכע עס פאָדערט זיך אַ העכערע מדרגה פון אינטעליגענץ און אַנשטאָט שווערער האָרעוואַניע, אַן אַרבעט פון אַ מער טעכנישן כאַראַקטער.

עס איז מיין איינדרוק, אַז דער אויסוואַל פון די קאָלאָניסטן איז געווען זייער אַ גוטער און ווען זיי זיינען אין אַ גרופּע מאַכן זיי אַ גוטן איינדרוק פון ערנסטע מענטשן און אויך פון פיזיש געזונטע מענטשן.

איך האַלט, אַז דער באַזיץ אין סאָסואָ דאַרף פאַרגרעסערט ווערן מיטן צוקויף פון נייע שטחים ערד און אַז איצט איז די ריכטיקע צייט דאָס צו טאָן.

מר. ראָזענבערג, מע קען פאַרשטייט זיך וועגן אַ סך זאַכן מאַכן פאָרשלאָגן, עס איז אויך דאָ אָרט פאַר מאָדיפיקאַציעס און אַפילו פאַר קריטיק, דאָך וויל איך פעסטשטעלן, ווי נאָר מיגלעך קלאָר, אַז דאָס איז אַלץ מינדערוויכטיק. אַז אין אַ וועלכע ניט איז 5, 8 אָדער 10 יאָר וועט די קאָלאָניע זיך דערפאָלג־רייך אַנטוויקלען און זי וועט זיין אַ מזל־ברכה פאַר דער מערהייט פון אירע מיט־גלידער.

איך שטעל מיר פאָר דעם גלענצענדן און אומגעוויינלעכן דערפאָלג פון דער קאָלאָניע אין משך פון די קומעדיקע 10 יאָר.

זייט אַזוי גוט, פאַרגעסט ניט צו גריסן די פריינד אין אייער ביוראָ.

מיט דער גרעסטער אויפריכטיקייט,

אַטהערטאָן לי.

סידואַר טרוכילאָ ד. ר., יאַנואַר 20, 1940.

AGREEMENT BETWEEN THE DOMINICAN REPUBLIC

AND

DOMINICAN REPUBLIC SETTLEMENT ASSOCIATION, Inc.

Dated January 30, 1940

Ratified by the Dominican Congress in Special Sessions at CIUDAD TRUJILLO, February 20 and 21, 1940.

AGREEMENT entered into this thirtieth day of January, nineteen hundred and forty, between the Dominican Republic (henceforth referred to as the "REPUBLIC") and the Dominican Republic Settlement Association, Inc., a corporation duly organized and existing under the laws of the State of New York, United States of America, (henceforth referred to as the "ASSOCIATION").

WHEREAS in 1938 His Excellency Franklin Delano Roosevelt, President of the United States of America, invited thirty-two governments to consult with the Government of the United States of America at Evian, France, regarding aid to refugees; and

WHEREAS these Governments constituted themselves as the Intergovernmental Committee; and

WHEREAS His Excellency Rafael Leonidas Trujillo Molina as President and in the name of the Dominican Republic generously informed the Intergovernmental Committee at its first meeting of the disposition of the Dominican Republic gradually to receive settlers up to 100,000 within its territory; and

WHEREAS the Intergovernmental Committee and the Coordinating Foundation of which the Hon. Paul van Zeeland is Executive President have shown a desire to avail themselves of the opportunity so offered by His Excellency Rafael Leonidas Trujillo Molina on behalf of his Government; and

WHEREAS the Republic and the Association are equally desirous to help and stimulate Jewish and non-Jewish settlers to establish themselves within the territory of the Dominican Republic and to make themselves citizens thereof; and

WHEREAS the Association is desirous to avail itself of the goodwill of the Republic for these purposes; and

WHEREAS this agreement has for its object the realization of said purposes; and

WHEREAS this agreement has been entered into in accordance with the Constitution, laws, decrees and other legal acts of the Republic and in their fulfillment, and consequently is invested with all legal power necessary or appropriate for its validity and compliance therewith;

THEREFORE the Republic, represented by Messrs. Mayor General José García, Secretary of State for the Interior and Police, and Raúl Carbuccia, Secretary of State for Agriculture, Industry and Labor, who have been duly authorized by the President of the Dominican Republic to execute this agreement in conformity with the laws of the Republic; and the Association, represented by James N. Rosenberg, President, and Joseph A. Rosen, Vice-President thereof, who have been duly authorized by a resolution of the Association to execute and deliver this agreement in its behalf; hereby COVENANT AND AGREE AS FOLLOWS:

ARTICLE I

RIGHTS OF SETTLERS

The Republic, in conformity with its Constitution and laws, hereby guarantees to the settlers and their descendants full opportunity to continue their lives and occupations free from molestation, discrimination or persecution, with full freedom of religion and religious ceremonials, with equality of opportunities and of civil, legal and economic rights, as well as all other rights inherent to human beings.

ARTICLE II

SELECTION AND ADMISSION OF SETTLERS

(a) The Republic shall receive and give every possible opportunity and help to the Jewish and non-Jewish settlers in order to leave their present residences, to enter and reside in the Dominican Republic and to make their livelihood, establish their permanent homes and acquire citizenship in the Dominican Republic in accordance with its Constitution and laws. Settlements shall progress gradually in the course of the number of years which may be desirable or necessary in order that the settlers may be placed in position to establish themselves as citizens of the Republic and to reimburse the Association for its expenditures on their behalf. It is understood that the Republic shall not be responsible either to the Association or any other institution whatsoever for any of the financial obligations of the settlers to the Association or for payment to the Association of any disbursements in which it may incur.

(b) The Association shall have the right to select the settlers who will be chosen in accordance with their fitness and technical ability for agriculture, industry, manufacture and trades. The Association will from time to time submit to the Republic through the Secretary of State for the Interior and Police the names of settlers thus chosen with statements as to their place of origin, abilities, experience and whatever other data may serve for their identification and evaluation of their special qualifications. The Association assumes full responsibility for the correctness of this information. The Republic will within the most reasonably brief time, examine the information thus submitted and will promptly decide on its admission. As soon as this shall take place, the Department of Foreign Relations of the Dominican Republic shall instruct Dominican consular officers to provide said settlers with the proper documentation for their trip and admission to the Republic, including visas and other formalities which may assist them to travel from their place of residence to the Dominican Republic, and said consular officers shall issue these documents to the settlers free of all costs, fees, taxes and any other charges. All settlers whose admission shall have thus been approved shall be freely admitted into the Dominican Republic upon their arrival at the Dominican port of entry.

(c) There shall be admitted to the Republic as the first contingent in one group or separate groups approximately 500 families of Jewish or non-Jewish settlers. There shall additionally and gradually later be admitted up to the number of 100,000 settlers in accordance with decision which in this respect shall be made jointly by the Republic and the Association. All settlers admitted to the Republic pursuant to this agreement shall have all rights granted and guaranteed by this agreement.

(d) The Association may furthermore recommend to the Republic the free admission in the manner previously stipulated of all those who may be specialized in their professions, trades or occupations, experts, artisans and other persons acceptable to the Republic.

(e) Infants of settlers born in transit shall have free right of entry and all benefits of this agreement.

ARTICLE III

Taxes

It is specifically agreed that the Executive Power of the Republic shall initiate a law to modify the Immigration Law now in force in order to exempt from all entry taxes, or similar taxes, present or future, the settlers covered by this agreement, who shall not be subject to any entry charges

established by any subdivision of the Republic. Likewise, the Executive Power shall initiate a law by means of which there shall not be required of the persons who may come as settlers to Dominican territory, the deposits now required of navigation companies for the transportation of immigrants to the Dominican Republic, nor any other deposit of whatever nature, and so that these settlers may be permitted to bring with them, upon entering Dominican territory, free of duty and not for sale but for their own personal use in their agricultural enterprises and others incidental thereto, such furniture, personal effects, tools, equipment, materials and other instruments which they may need in order to establish themselves with economic solvency. It is understood that the present agreement shall become effective only after the Congress of the Republic shall have enacted, in accordance with the Constitution, the laws proposed in the present agreement, and likewise any other laws which may be necessary to give this agreement full legal force and validity.

ARTICLE IV

Rights and Obligations of the Association

(a) It shall be the duty of the Association to take care of and promote the economic life of the immigrants who enter the territory of the Republic for their enterprises;

(b) The Association should maintain in the Dominican Republic an office or offices, and its representatives, experts, and other officials and employees shall enjoy full rights in order to carry out their mission within the territory of the Dominican Republic in accordance with this agreement and the Constitution and national laws of the Republic. Officers and employees of the Association shall receive from the Republic suitable documents enabling them freely and effectively to perform their duties, including travel within, to and from the Republic, and shall enjoy the cooperation of the Republic and its officials in the execution of their duties;

(c) The Association shall not be subject to the payment of any tax on property, or other duties or contributions on the transactions or any other acts incidental thereto which refer exclusively to the fulfillment of the essential purpose of transporting and establishing within the territory of the Republic the settlers referred to in this agreement, or to the carrying out of projects of general interest in the establishment of said settlers, provided they do not imply competition with other similar activities open to private initiative;

(d) The Association shall pay and supply or cause to be supplied all funds necessary to cover transportation expenses of settlers, their disembarkation and their needs in the Republic, until such time as they may become self-supporting;

(e) The Association shall have the right to buy, lease, receive by donation, concession or exchange, alienate, and in general to acquire, possess or enjoy real or personal property, to burden, mortgage, lease, sell, sublease, or otherwise dispose of, and in general to cede any of these rights to settlers or groups of settlers; to loan monies to them, sell them properties or in any form deal with the settlers as the Association may deem necessary or convenient; to make regulations as to the mode of economic activities and conditions of granting loans, etc. etc., to settlers; and in general, shall have full rights to deal with the settlers and with others, as it may see fit, in accordance with Dominican law;

(f) The Association shall have the right to equip and maintain or otherwise dispose of places for the reception, training and education of the settlers; to construct for them adequate dormitories, school buildings, houses of worship, dwellings, experimental agricultural fields and in general supervise and promote the physical, social, economic and spiritual well-being of the settlers, as well as to organize, foster and assist purchasing, selling, credit, production, and consumption cooperatives and other types of cooperatives among the settlers;

(g) The President or Vice-President of the Association or their designees, when carrying out any project of the Association in respect of which the laws of the Republic may require action or intervention by the Government, shall get in touch previously with the department or official entrusted with taking cognizance of such case;

(h) Nothing said or stipulated in this contract shall be construed as meaning that the shareholders, officers, directors or employees of the Association are or will be subject to any personal or individual responsibility by reason of this contract or for the acts, deeds or omissions of the Association or of the settlers;

(i) It is understood that under the terms of this agreement the settlers are not to be considered in any way as employees of the Association but merely as beneficiaries of its activities;

(j) The Association shall have the right to take such steps and to petition the Executive Power of the Dominican Republic as may be necessary in the personal or collective interest of the settlers until such time as they may have acquired Dominican citizenship;

(k) It is understood that the rights which settlers and the Association may acquire pursuant to this agreement or any acts thereunder shall not

be abrogated by subsequent legislation, as the principle of non-retroactivity of laws established by Article 42 of the Constitution of the Republic does not permit it;

(l) The Association shall have the right to engage in any lawful activities which it may deem necessary or convenient to carry out this agreement.

ARTICLE V

Cooperation of the Republic

(a) The Republic shall by all the means in its power, except when of a monetary nature, facilitate the efforts of the Association for the selection, construction and maintenance of adequate living quarters and other buildings which will so far as feasible be built with material existing within Dominican territory, and shall cooperate with the Association insofar as feasible for the proper employment of settlers in agricultural enterprises, construction of highways and other similar activities. The Republic, likewise, shall take appropriate measures through the departments of its administration to help in the selection of suitable lands for agricultural purposes and for the acquisition of said lands by the Association, and shall give its best assistance to the Association for the purpose of giving or obtaining desirable options to the Association for agricultural lands which may be deemed adequate and necessary for future large settlement;

(b) The Republic, in order to make this agreement effective and to insure the acquisition by the Association or settlers of suitable lands, buildings, water rights and other inherent rights, shall authorize and direct its appropriate departments to take such official measures as may from time to time be necessary or advisable in order to obtain and grant sound and valid titles, as well as the right to use said properties and to grant the Association and the settlers such rights, titles and benefits;

(c) The Republic hereby guarantees that all rights which may from this date be extended by the Republic to any other association, groups or agencies engaged in similar activities, will automatically thereupon accrue to and operate for the benefit of the Association and all settlers hereunder.

ARTICLE VI

Validity and Execution of this Agreement

The present Agreement shall not bind the contracting parties until the following conditions have been fulfilled:

1. That this Agreement has been ratified by express resolution of the Board of Directors of the Association;

2. That the Congress of the Republic, within the free exercise of its constitutional rights, shall have enacted a law whereby persons who may come for the purpose of establishing themselves in the country under the protection of a colonization agreement are exempt from discriminatory taxation; and likewise a law whereby persons who may come as settlers to Dominican territory shall not be obliged to make the deposits at present required of navigation companies for the transportation of immigrants to the Dominican Republic, nor any other deposit whatsoever, and so that these settlers may be permitted to bring with them, upon entering Dominican territory, free of duty and not for sale but for their own personal use in their agricultural enterprises and others incidental thereto, such furniture, personal effects, tools, equipment, materials and other instruments which they may need in order to establish themselves with economic solvency; and furthermore, a law whereby associations organized for the establishment of colonies in the Dominican Republic shall be exempt from taxes on property or other duties or contributions on the transactions or any other acts incidental thereto which refer exclusively to the fulfillment of the essential purpose of said associations of transporting and establishing settlers in the Republic; and that said laws shall have been duly promulgated and published;

3. That the present Agreement has been approved by the Congress of the Dominican Republic.

The present Agreement will come into full force and effect as soon as these conditions have been fulfilled, whereupon the Association, without further formalities on the part of the Republic, will proceed to engage in the activities mentioned in the present Agreement.

Done and signed in four originals, in Ciudad Trujillo, District of Santo Domingo, Dominican Republic, this thirtieth day of January, nineteen hundred and forty.

José Garcia,
Secretary of State for the Interior and Police

Raul Carbuccia,
Secretary of State for Agriculture, Industry and Labor

James N. Rosenberg,
President, the Dominican Republic Settlement Association, Inc.

Joseph A. Rosen,
Vice-President, the Dominican Republic Settlement Association, Inc.

WITNESSES:

For the Chairman
RT. HON. EARL WINTERTON
For the Director
SIR HERBERT EMERSON
By STEPHANUS V. C. MORRIS
Secretary Intergovernmental Committee
FOR THE EXECUTIVE COMMITTEE
COORDINATING FOUNDATION
By: HAROLD F. LINDER
Member of Executive Committee.

CERTIFICATE OF TRANSLATION

I hereby certify that this is a true and exact translation of the official Spanish text of the Agreement today entered into by the Dominican Republic and the Dominican Republic Settlement Association, Inc., and that I have been authorized by the Hon. Vice-President of the Dominican Government to make this translation and furnish this certificate.

FRED Q. RICKARDS.

Seen:
M. DE J. TRONCOSO DE LA CONCHA,
Vice-President of the Dominican Republic.
(SEAL)

Ciudad Trujillo, D. R.
January 20, 1940

LETTERS

JAMES N. ROSENBERG, ESQ.,

Ciudad

My dear Rosenberg:

My country property located in Sosua, province of Puerto Plata, has, as you have informed me, been selected by Dr. Joseph A. Rosen as an appropriate place for settlement.

This property of about 26,685 acres, contains twenty-four dwellings, reservoir and other installations for the accommodation of settlers. The property has 4,950 acres of cultivated pasture, and large extent of virgin forest, with an abundance of valuable timber, which represents for me an actual investment of not less than $100,000.

I am deeply interested to cooperate in a practical way with the humanitarian plans of President Roosevelt. I hope the immigration of European refugees to the Dominican Republic, will stimulate the progress of our country, and will intensify the development of our natural resources, as well as industries.

As I mentioned to you in personal conversation, it is indispensable to create an agricultural bank in Santo Domingo, to aid the work of these immigrants, by helping the marketing of their crops. Such a bank will also be in a position in this country to secure favorable agreements which will benefit our entire farming population by offering them short-term crop loans at moderate interest.

To repeat, I am deeply interested in the realization of this settlement enterprise, because I am convinced that we must all cooperate within our possibilities for the success of this humanitarian and noble effort. It is, therefore, my dear Mr. Rosenberg, my pleasure to offer to the Refugee Association, of which you are the esteemed President, my Sosua property, as my personal contribution for the establishment, there, of the first refugee settlement in the Dominican Republic.

Believe me,

Sincerely,

(Sgd.) RAFAEL L. TRUJILLO"

February 2, 1940.

WASHINGTON, D. C.

"To the American Legation, Ciudad Trujillo.

"Please deliver the following message to Mr. Rosenberg.

"The President has received your telegram and is highly gratified to learn of the happy conclusion of your arrangement with the Dominican Government looking toward the settlement of refugees. The success of this venture will augur well for the gradual and progressive solution of this great humanitarian problem.

CORDELL HULL"

UNITED STATES DEPARTMENT OF AGRICULTURE

OFFICE OF EXPERIMENT STATION

PUERTO RICO AGRICULTURAL
EXPERIMENT STATION

MAYAGUEZ, PUERTO RICO,
SEPTEMBER 19, 1941.

DR. JAMES N. ROSENBERG, *President,*
Dominican Republic Settlement Association, Inc.,
Suite 1627, 165 Broadway,
New York, New York.

Dear Mr. Rosenberg:

It was a great pleasure to hear from you again in your letter of September 17.

As regards the Refugee Settlement at Sosua, there is no question of its ultimate success and a tremendous success in the next five to ten years. At the beginning of such a project there are always unforeseen difficulties which sometimes loom largely at the moment but which, experience has shown, are usually easily surmounted and seem insignificant on retrospection in later years.

The colony at Sosua is ideally located as far as the pleasure of living is concerned. Situated on the north coast of Santa Domingo, it has the northeast breezes and the tempering effect of the cool air from the Atlantic crossing over the colony. The white beaches and background of mountains provide an ideal environment for living. It is much more comparable to Miami than to one's usual conception of the tropics.

The colony is also favorably situated as concerns profit possibilities for the settlers. The soils are varied; some of the soils are rich although others are below average; the rainfall is sparse for some crops but particularly well adapted for others. Possibilities of subsurface water and irrigation are good. Although a large proportion of the present property is hilly, such sloping lands are well adapted for tree crops.

It is my own conception that the products of this colony can be made supplementary to the economy of and beneficial to the United States, rather than competitive. I have in mind the production of such export crops as some of the essential oils and some of the spices, as well as some

of the tropical woods such as teak, Venezuela mahogany, and bamboo, which we need in the United States. In the tropics bamboo can be harvested in 6 years and teak and mahogany in 15 to 20.

Without going into detail, there are good profit possibilities in all the crops just mentioned; they are adapted to the environment at the Sosua colony and they are crops to which the superior education of the refugee settlers can be applied. In other words, most of the settlers have standards of education far above those of the average Latin American. Rather than to put these settlers into competition with the daily manual labor of Latin Americans, it is desirable to select crops for which their higher levels of education give them advantages, permitting them to minimize tasks of manual labor and perform work of a more technical nature.

My impression has been that the refugees have been well selected and, assembled in a group, they give one a fine impression of serious-minded individuals of good physical condition.

It is my belief that the property at Sosua should be expanded by the purchase of other properties and that now is an opportune time to undertake such expansion.

Mr. Rosenberg, there are plenty of things upon which suggestions, modifications or even criticism can be made. However, I wish to state very emphatically that such things are of a minor nature and that over the course of 5, 8, or 10 years, there is no question about the success of the colony as a group and the success of the majority of the settlers individually. I visualize the colony in 10 years as an outstanding, even brilliant success.

Please remember me to friends in your office.

Most sincerely,

ATHERTON LEE.

בראַזיליע



אויפן וועג קיין בראַזיליע

אין די איבער צוויי יאָר, וואָס היטלער פירט זיין בלוטיקע מלחמה קעגן דער גאַנצער וועלט און אין וועלכע אים איז געלונגען צו פאַרכאַפּן דעם גרעסטן טייל פון אייראָפּע — האָט זיין צעשטערנדיקער גייסט אויך דערגרייכט אַלע אַמעריקאַנער רעפּובליקן. און עס איז צום גליק פון אַלע אַמעריקעס, וואָס דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און דער גרעסטער טייל פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג האָבן צו דער צייט פאַרשטאַנען די געפאַר וואָס לויערט אויף אַמעריקע. יעדער בר־דעת האָט באַגריפן, אַז אויב היטלער וועט די מלחמה געווינען, זיינען אויך די אַמעריקעס פאַרלאָרן. דערפאַר טאַקע האָבן די פאַראייניקטע שטאַטן געשלאָסן אַ בונד מיט ענגלאַנד צו פאַרניכטן דעם פאַשיזם. די פאַראייניקטע שטאַטן מוזן אין קאַמף קעגן היטלערן, האָבן אויף זייער זייט דרום־אַמעריקע, ערשטנס קאָן דרום־אַמעריקע צושטעלן היטלערן ברויט, פלייש און אַ סך רוי־מאַטעריאַלן, אין וועלכע היטלער נייטיקט זיך, צווייטנס איז דרום־אַמעריקע אַ וויכטיקע מיליטערישע באַזע פאַר דעם איצטיקן קריג.

דרום־אַמעריקע איז זייער שטאַרק אָפּהענגיק פון אייראָפּע, ספּעציעל פון דייטשלאַנד און איטאַליע. די רעפּובליקן פון דרום־אַמעריקע זיינען אַגראַר־לענדער; זיי לעבן און עקסיסטירן פון די פּראָדוקטן וואָס וואַקסן אין זייערע לענדער און פאַר וועלכע אייראָפּע איז אַ גרויסער אָפּזאַצמאַרק. אמת, די אייראָפּעאישע מלוכות האָבן די רייכקייטן פון דרום־אַמעריקע און אויך די דאָרטיקע פעלקער געוואַלדיק עקספּלואַטירט. קיין אייגענע אינדוסטריע האָט דרום־אַמעריקע ניט געהאַט, און דאָס וואָס איז דאָרט ביז איצט אינדוסטריעל געבויט געוואָרן, איז געטאָן געוואָרן די הויפּטזאַך מיטן כוח פון ענגלישן און דייטשישן קאַפּיטאַל. און מערקווירדיק, זייער אַ קליינע ראָלע

האָט דאָרט אין דעם פּרט געשפּילט דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל. דערפֿאַר טאַקע איז דער איינפֿלוס אויף די דרום-אַמעריקאַנער רעפּובליקן געווען אַ סך אַ גרעסערער מצד ענגלאַנד, דייטשלאַנד און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער ווי פֿון אַמעריקע, כאָטש די אַלע לענדער געפֿינען זיך אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט און ביי דער באַפֿעלקערונג איז פֿאַראַן אַ וואַרעמע באַציאונג צו די פֿאַראייניקטע שטאַטן. די פֿאַראייניקטע שטאַטן ווערן פֿון די לאַטיין-אַמעריקאַנער פֿעלקער פּשוט פֿאַרגעטערט.

גרויס אינטערעס רופֿט דרום-אַמעריקע אַרויס ביי אַלע לענדער וואָס זיינען אין קריג. עס איז ניטאָ דער טאָג וואָס די טעגלעכע צייטונגען ווי אויך די וויכטיקע זשורנאַלן פֿון אַמעריקע זאָלן ניט אָפּגעבן אַ סך אָרט די פּאַסירונגען און פּראָבלעמען פֿון די דרום-אַמעריקאַנער רעפּובליקן. ביי מיר, אַזוי ווי ביי טויזנטער אַנדערע לייענערס וואָס אינטערעסירן זיך מיט דעם וואָס עס קומט פֿאָר אויף דער וועלט, האָט דרום-אַמעריקע אַרויסגערופֿן אַ גרויסן אינטערעס. און וואָס גרעסער עס ווערט דער אינטערעס אין אַ לאַנד, אַלץ מער ווילט זיך אין דעם לאַנד זיין. אָבער אויסער דער אַלגעמיין פּאָליטישער לאַגע פֿון דער וועלט, מיט וועלכער דרום-אַמעריקאַנער לענדער זיינען אַזוי געקניפּט און געבונדן, איז ביים יידישן לייענער דער אינטערעס נאָך אַ גרעסערער, ווייל אין אַ גאַנצער ריי דאָרטיקע לענדער געפֿינט זיך אַ גרויסע צאָל יידן — אַלטע יידישע ישובים. אַחוץ דעם האָט זיך די לעצטע 15 יאָר קיין דרום-אַמעריקע אויך געצויגן אַ נייע יידישע אימיגראַציע, ספּעציעל פֿון פּוילן און אין די לעצטע פּאָר יאָר פֿון דייטשלאַנד, בעלגיע, פֿראַנקרייך און אַנדערע לענדער.

פֿאַרשטענדלעך דעריבער, אַז ווען דער „דזשאָינט״ האָט מיר פֿאָרגעשלאָגן צו פֿאָרן קיין בראַזיליע האָט דער פֿאָרשלאָג מיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט און נאָך אַ קורצער איבערלייגונג, ווי אויך באַראַטונג מיט אַ ריי טוערס פֿון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, האָב איך דעם פֿאָרשלאָג אָנגענומען. מיין אויפֿגאַבע איז געווען אַ שווערע און אַ קאָמפּליצירטע.

צוליב דעם וואָס אַן ערך ביז מיט אַ יאָר צוריק זיינען די טויערן פֿון די דרום-אַמעריקאַנער לענדער געווען אָפֿן פֿאַר אימיגראַציע,

זיינען יידישע מלחמה־פּליטים אַהין געלאָפן אין די צענדליגער טויזנ־טער. דער „דזשאָינט" האָט זיי אין זייער אַ גרויסער מאָס געהאָלפן אַריבערוואַנדערן. אָבער די „דזשאָינט"־מיסיע האָט זיך ניט געקענט פאַרענדיקן מיטן אַריבערברענגען די אַנטלאָפענע, פון פאַשיזם־גע־טריבענע, יידישע עמיגראַנטן צו די ברעגן פון דרום־אַמעריקע.

דער „דזשאָינט" האָט געפילט אויף זיך די גרויסע פאַראַנט־וואָרטלעכקייט. ער איז געווען געצוואונגען צו העלפן די פּליטים זיך איינאָרדענען אויפן אָרט, העלפן זיי אויפשטעלן אַ ניי לעבן אין די נייע לענדער, כדי זיי זאָלן ניט ווערן קיין לאַסט אויף די רעגירונגען, אָדער אויף די לענדער, אין וועלכע זיי האָבן זיך באַ־זעצט.

דער „דזשאָינט" האָט ביז איצט אויסגעגעבן הונדערטער טויזנ־טער דאָלאַר צו העלפן די יידישע אימיגראַנטן אין דרום־אַמעריקע. ווען ניט די הילף פונעם „דזשאָינט" וואָלט אַ גרויסער טייל פון די ניי־אַריבערגעקומענע אימיגראַנטן פּשוט אויסגעגאַנגען פון הונגער. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס די גרעסטע צאָל אַריבערגעקומענע אימיגראַנטן האָט זיך עקאָנאָמיש איינגעאָרדנט, איז אָבער דאָך געבליבן אַ באַדייטנדער טייל וועלכער מוז האָבן די שטיצע פונעם „דזשאָינט".

אַ גרויסע אויפגאַבע האָב איך אויף זיך גענומען, ווען איך האָב צוגעשטימט אָנצונעמען דעם פאָרשלאַג פון „דזשאָינט". איך האָב געדאַרפט איבערצייגן די יידן פון דרום־אַמעריקע, דאָס מיינט דעם אַלטן יידישן ישוב, וועלכער איז עקאָנאָמיש גוט איינגעאָרדנט, אַז ער זאָל אויף זיך נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די יידישע פּליטים וואָס געפינען זיך אין דרום־אַמעריקע, כדי דער „דזשאָינט" זאָל די געלט וואָס ער שאַפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, קענען באַניצן פאַר די אומגליקלעכע יידן אין יענע לענדער, וואו קיין אַלטע יידישע ישובים זיינען אין גאַנצן ניטאָ, ווי יאַפּאַן, שאַנכאַי און אַ גאַנצע ריי לענדער אין אַפריקע, ווי אויך צו העלפן די יידן אין יענע לענדער וואָס זיינען אונטער דער ביטערער ממשלה פון היטלערן.

ליידער, האָב איך דעם „דזשאָינט" ניט געקענט געבן גענוג צייט, כדי די אויפגאַבע גרינטלעך צו דערליידיקן.

דאָס מאַקסימום צייט וואָס איך האָב געקענט אָפּרייסן פון מיין טאָגטעגלעכער אַרבעט אין אַרבעטער־רינג, זיינען געווען די זומער־

דיקע צען וואָכן, ווען אונדזערע שולן זיינען פֿאַרמאַכט צוליב די זומער־וואַקאַציעס און ווען די גרויסע פֿאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט פֿון אונדזער אָרגאַניזאַציע איז אויך צוליב די זומער־מאָנאַטן כמעט אָפּגעשטעלט.

צו פֿאָרן מיט דער שיף קיין דרום־אַמעריקע וואָלט גענומען אַ לאַנגע צייט, כאָטש אַזאַ רייזע איז זייער אינטערעסאַנט און פֿאַרבנרייך. וואָלט איך נאָר געהאַט מער צייט, וואָלט איך זיכער געפֿאָרן מיט אַ שיף. אַלע מיינע פֿריינד וואָס האָבן ביז איצט באַזוכט דרום־אַמעריקע האָבן מיר זייער שטאַרק געעצהט איך זאָל פֿאָרן מיט דער שיף, וועלכע גייט 14 טעג ביז דער שענסטער שטאָט פֿון דער וועלט ריאָ־די־זשענעראָ און אין פֿאַרלויף פֿון די 14 טעג שטעלט זי זיך אָפּ אין פֿאַרשיידענע דרום־אַמעריקאַנער האַפֿנס און מען קען זען די שיינע וואונדער וואָס רינגלען אַרום דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן ביי די ברעגעס פֿון דרום־אַמעריקע. אָבער די צייט האָט מיר ניט דערלויבט צו פֿאָרן מיט דער שיף, האָב איך געמוזט אויסקלייבן דעם צווייטן פֿאַרקער־מיטל וואָס איז היינט דער גיכסטער — דעם עראָפּלאַן. דעם „קליפּער" האָב איך געדאַרפֿט נעמען אין מיאַמי, פֿלאָרידע, און איך האָב געדאַרפֿט מיט אים דורכפֿאָרן זעקס טויזנט מייל ביז דעם פּונקט וואו איך האָב געדאַרפֿט זיך אָפּשטעלן. אַזאַ לופֿטרייזע האָב איך נאָך קיין מאָל ניט דורכגעמאַכט און זאָל דאָס בלייבן ביי די לייענערס אַ סוד, אַז דאָס האַרץ האָט מיר אַ ביסעלע געקלאַפּט, ווייל מיר האָט זיך געדוכט, אַז די געפֿאַר איז אַ גרויסע. אָבער קיין אַנדער ברירה האָב איך פֿאַר מיר ניט געזען. האָב איך צו זיך געזאָגט, אַז אויב „מען וויל זיין אַ סאָלדאַט, מוז מען אויך קענען שמעקן פּולווער".

דער קליפּער איז אַזוי רייך אין באַקוועמלעכקייטן, אַז ווען מען הייבט זיך נאָר אויף פֿון דער ערד ווערט פֿאַרשוואונדן יעדער געפֿיל פֿון פּחד. מיט אייך צוזאַמען פֿאָרן עטלעכע און דרייסיק מענטשן, פֿרויען, מענער און קינדער, און מע פֿילט זיך כמעט אַזוי באַקוועם ווי אין אַן אייזנבאַן. באַקוועמע ווייכע שטולן צו זיצן, באַקוועמע טישלעך צום עסן, וואונדערבאַרע וואַש־צימערן, די איידעלסטע און בעסטע באַדינונג. עס זיינען געזעסן גרופּעס וואָס האָבן געשפּילט אַ פּינאָקל און האָבן ניט געפֿונען פֿאַר נייטיק די גאַנצע צייט אַפֿילו דורכן פֿענצטער אַ קוק צו טאָן. אַנדערע

האָבן געליִיענט ביכער און געווען אין זיי שטאַרק פאַרטיפט. ווען איך האָב אויף אָט די אַלע מענטשן געקוקט האָב איך געפילט, אַז קיינער האָט ניט דעם מינדסטן געפיל פון שרעק און עס איז געווען נאַטירלעך, אַז אויך ביי מיר איז ביסלעכווייז פאַרשוואונדן די מורא.

אויפן צווייטן טאָג פון אונדזער רייזע האָבן מיר זיך אָפּגע־שטעלט איבערנעכטיקן אין בריטיש־קאָלאָמביע. אויף מאָרגן ווען מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אין קליפּער איז צוגעקומען אַ נייער פּאַסאַזשיר, אַ פרוי פון ענגלאַנד. באַלד ביי איר אַריינקומען אין עראָפּלאַן האָט זי געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע פּאַסאַזשירן. אויף איר פּנים און אין איר גאַנצן וועזן האָבן אַלע באַמערקט אַ ניט געוויינטלעכע נערוועזיטעט. זי האָט זיך גראַד אַוועקגעזעצט קעגן איבער מיר, אויף דעם איינציקן אָרט וואָס איז נאָך געווען ליידיק. מען האָט געקענט מערקן אַז זי שטרענגט זיך אָן צו באַהאַלטן איר נערוועזיטעט. עס האָט גענומען אַ פּאָר מינוט און מיר האָבן מיט איר פאַרפירט אַ געשפּרעך. פון דעם געשפּרעך איז פאַר אונדז אַלעמען קלאָר געוואָרן איר פּסיכאָלאָגישער צושטאַנד. מיט פינף יאָר צוריק איז איר מאַן אַוועקגעפאָרן קיין פּערו אויף אַ שטעל אין ענגלישן קאָנסולאַט. מיט אַ יאָר שפּעטער איז צום פאָטער אַוועקגעפאָרן זייער איינציקע טאָכטער. זיי אַרבעטן איצט ביידע אין דער ענגלישער אַמבאַסאַדע פון פּערו. צוליב אַ גאַנצער ריי סיבות האָט די מוטער געמוזט פאַרבלייבן אין לאָנדאָן. דערווייל האָט אויסגעבראָכן דער קריג, זי האָט דורכגעלעבט די אַלע חורבנות וואָס די דייטשישע לופט־טיוואַלים האָבן געמאַכט אין לאָנדאָן. עס איז געווען, דערציילט זי, אַ לעבן פון ליגן אין די קעלערן, פון שטענדיקער מורא, אַז אָט־אָט קומען די דייטשן. צוויי מאָל איז זי שוין געלעגן אונטער די חורבות פון צעשאָסענע הייזער, און צום גליק איז זי אַרוים ניט קיין געשעדיקטע. דאָרטן, זאָגט זי, איז זי נערוועז ניט געווען. ביי די איינוואוינערס פון לאָנדאָן, זאָגט זי, האָבן די באָמבעס פון דייטשלאַנד איינגעפּלאַנצט אַזאַ עקשנות, אַז קיינער טראַכט ניט וועגן זיך, נאָר מע לעבט מיט דער אַבסאָ־לוטער איבערצייגונג, אַז ענגלאַנד וועט דעם קריג געווינען און ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס מיליאָנען ענגלענדער וועלן אונטערגיין, וועט דאָס ענגלישע פאָלק בלייבן לעבן. דער גלויבן שטאַרקט אַלע־מען. עס שרעקן זיך ניט קיין קינדער, קיין מענער און פרויען,

עס שרעקן זיך ניט אַלט און יונג פֿאַר זייער אייגענעם לעבן, זיי טראַכטן נאָר וועגן דער צוקונפֿט פֿון זייער פֿאָלק, וועגן דער צוקונפֿט פֿון זייער אימפּעריע.

מיט 15 וואָכן צוריק האָט זי געקראָגן אַ דערלויבעניש צו פֿאָרן קיין פּערו צו איר מאַן און קינד. אָט די רייזע איז געווען אַ מערקווירדיקע, פֿול מיט געהיימעניש און שרעק. דריי וואָכן פֿאַר איר אָוועקפֿאָרן, האָט מען איר געלאָזט וויסן, אַז זי זאָל זיין גרייט צו פֿאָרן. מען קען איר ניט זאָגן אין פֿאָרויס פֿון וואָסער פּאָרט זי וועט אַרויספֿאָרן, און ווען זי וועט אַרויספֿאָרן, דאָס קען טרעפֿן יעדן מאָמענט, מאָרגן און אפֿשר אין אַ וואָך אַרום. אַזוי האָט זי אויף דעם מאָמענט פֿון דער אָפּרייזע געוואַרט גאַנצע דריי וואָכן. אַלץ איינגעפּאַקט, אַלץ צוגעגרייט און ביי יעדן קלאַפּ אין טיר איז זי געווען זיכער, אַז אָט איז מען נאָך איר געקומען. די דריי וואָכן זיינען געווען אַזוי ווי דריי יאָר, זיי האָבן זיך געצויגן אין שרעקלעכער אומבאַשטימטקייט.

ענדלעך איז איין מאָל 12 אַזייגער ביי נאַכט צוגעפֿאָרן צום הויז אַן אויטאָמאָביל. מען האָט איר געהייסן נעמען די נייטיקע זאַכן און זיך זעצן אין אויטאָמאָביל. מען האָט איר ניט געזאָגט וואוהין זי פֿאָרט, און געניי וויים זי נאָך איצט ניט פֿון וועלכן האַפֿן זי איז אַרויסגעפֿאָרן. צום האַפֿן איז זי צוזאַמען מיט נאָך דריי פּאַסאַזשירן געפֿאָרן אַ גאַנצע נאַכט. אין האַפֿן זיינען זיי פֿאַרבליבן אַ גאַנצן טאָג פֿאַרשפּאַרט אין ניט קיין גרויסן צימער, פֿון וועלכן מען האָט זיי ניט געלאָזן אַרויסגיין. ערשט אין אָוונט האָט מען זיי אַרויפֿגעזעצט אויף אַ שיף. אויף דער שיף איז געווען פֿינצטער. קיין שום באַלייכטונג. ווען די שיף האָט זיך גערירט, האָט מען אָפּילו קיין פֿייף ניט געגעבן, און אַזוי איז געווען אויף דער שיף גאַנצע צען וואָכן. עס זיינען געווען צייטן ווען די שיף איז געשטאַנען דריי טעג אין מיטן ים און קיינער האָט ניט געוואוסט פֿאַר וואָס זי שטייט אַזוי לאַנג. ביי די פּאַסאַזשירן זיינען אויפֿגעקומען פֿאַרשיידענע מחשבות. אָבער אַלע זיינען געווען איבערצייגט, אַז דער קאַפּיטאַן האָט דערשמעקט אָדער ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ערגעץ אין די וואַסערן אַרום דער שיף געפֿינט זיך אַ דייטשישע סובמארין, אָדער די וואַסערן זיינען פֿאַרלייגט מיט מינען. אַזאַ אָפּשטעלן האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. יעדער מאָל,

וואָס די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיינען די פּנימער פון אַלע פּאַסאַזשירן באַדעקט געוואָרן מיט אַן אומעט, וואָס האָט אויסגעדריקט אַן אינערלעכע שרעק, אַ מורא פאַר דער שווידער־לעכער געפאַר וואָס ליגט ערגעץ וואו באַהאַלטן. מען שטייט אין מיטן ים צווישן הימל און וואַסער און מע וואַרט. ווער ווייס פון ערגעץ וואו, פון דער ווייטקייט, פון דער הייך, צי פון דער טיפעניש קען פלוצעם זיך באַווייזן דער טויט.

ווי שרעקלעך עס זיינען די טעג און נעכט. עס איז אַפילו ניטאָ קיינער וואָס זאָל טרייסטן, וואָס זאָל געבן האָפענונג. די מאַנשאַפט פון שיף איז פאַרנומען, זי קוקט אין דער ווייט, טיף אין ים און ווי עס דוכט זיך וואַרט זי אויף דאָס שרעקלעכע, וואָס קען אפשר קומען.

אין נאָרמאַלע צייטן גייט די שיף פון לאָנדאָן קיין צענטראַל־אַמעריקע פון 18 ביז 20 טעג און איצט איז זי געפאָרן צען וואָכן. דאָס זיינען געווען שווערע און פיינלעכע טעג וואָס האָבן אַלע פּאַ־סאַזשירן אויסגעמאַטערט, נערוועז געמאַכט.

די פרוי איז פריער קיין מאָל מיט אַן עראָפּלאַן ניט געפאָרן, איצט דאַרף זי פאָרן דריי טעג אין דער לופטן ביז וואַנען זי וועט זען איר מאַן, איר קינד. אויב, זאָגט זי, אין לאָנדאָן, האָבן איך פאַרן טויט קיין מורא ניט געהאַט, האָט מיך די שרעק פאַרן טויט אַרומ־גענומען אויף דער שיף. איך האָב געהאַט נאָר איין געדאַנק און איין וואונטש: בשלום צו קומען קיין פּערו און נאָך איין מאָל צו זען מיין מאַן און קינד און דערנאָך . . . מעג איך שטאַרבן.

דער דראַנג צו לעבן איז ביי איר געווען אַזוי שטאַרק, זאָגט זי, אַז זי וואונדערט זיך וואָס זי איז פון מורא פאַרן טויט ניט אַראָפּ פון זינען. די גאַנצע צייט וואָס מיר זיינען מיט איר געפאָרן איז זי געווען שטאַרק נערוועז און אומרואיק. זי פלעגט יעדע ווילע וואַרפן די אויגן צום פענצטער, און באַלד אויף גיך זיי אַוועקכאַפּן און האַלטן אין איין טענהן: „זאָל מיך כאָטש דער עראָפּלאַן ברענגען בשלום צו מיין פאַמיליע".

ווען דער עראָפּלאַן האָט זיך אַרונטערגעלאָזן אין „ריאָ" האָבן דאָרטן אויף איר געוואַרט דער מאַן און די טאָכטער. מיר האָבן אַלע געקוקט אויף דער פרוי ווען זי האָט זיך מיט אירע נאָענטע אַרומגעכאַפּט. זי האָט זיך געצאַפּלט ווי אַ פאַרסמטע. ניט

קיין ווערטער, ניט קיין געשריי האָבן זיך געהערט פון איר פאַר־שטיקטן האַלדז, נאָר אַ שטיל כליפּען. שטראָמען טרערן זיינען גערונען איבער איר פּנים. אַלע פּאַסאַזשירן זיינען גליקלעך געווען וואָס די פרוי האָט ענדלעך זיך פאַראייניקט מיט איר פאַמיליע.

בעת דער רייזע איז דער אינטערעס אין דער פרוי און דער מיטגעפיל געווען אַזוי גרויס, אַז אַלע פּאַסאַזשירן האָבן גאָר פאַרגעסן, אַז זיי געפינען זיך אויף אַן עראָפּלאַן הויך אין דער לופטן, און אַז אַזאַ נסיעה איז פאַרבונדן מיט געפאַר. מיגלעך, אַז די געפאַר איז אַן איבערגעטריבענע. אָבער די מורא פאַר איר לעבט דאָך אין יעדן פּאַסאַזשיר. זי פילט זיך ניט נאָר ביי די פּאַסאַזשירן, נאָר אויך ביי די פּילאָטן וואָס פירן די ריזיק גרויסע לופטשיף.

בראַזיליע

בראַזיליע איז די גרעסטע דרום־אַמעריקאַנער רעפּובליק. זי פאַרנעמט אַ העלפט פון דעם גאַנצן שטח פון דרום־אַמעריקע און לויט איר באַפעלקערונג איז זי די גרעסטע פון אַלע דרום־אַמעריקאַנער רעפּובליקן. זי פאַרמאָגט אַן ערך 48 מיליאָן מענטשן, פון די אַרום 80 מיליאָן וואָס לעבן, ווי מע רעכנט, אין דרום־אַמעריקע. איר קלימאַט איז אַ טראָפּישער, אָבער ניט אין אַלע טיילן פון לאַנד איז ער דער זעלביקער. יענע געגנטן, וואָס זיינען מער באַזעצט און אַנטוויקלט, זיינען דאָס די טראָפּישע טיילן פון בראַזיליע. טאַקע אָט דער טראָפּישער קלימאַט שטערט דעם לאַנד צו אַנטוויקלען זיך און צו ווערן זעלבשטענדיק.

בראַזיליע איז אַ לאַנד רייך מיט נאַטור־אוצרות און נאַטור־שיינקייט. זי איז באמת דער גן־עדן פון דער וועלט. די ברעגעס פון אַטלאַנטישן אָקעאַן זיינען געווינלעך פלאַך, דערזעט מען ווען ניט איז אַ בערגל האָט עס אַן אָרעם אויסזען און ציט ניט צו צו זך די אויפמערקזאַמקייט. אַ גאַנץ אַנדער פּנים האָבן די ברעגעס פון אַטלאַנטישן אָקעאַן אין די גרענעצן פון בראַזיליע. ווען איר דערנענטערט זיך צו דער שטאָט ריאָ־ד־זשענעראָ, וועלכער ווערט פאַררעכנט פאַר איינע פון די שענסטע שטעט אין דער וועלט, זיינען עס ניט נאָר די שיינע גאַסן, סקווערן און די אַרכיטעקטור פון די הייזער וואָס ציען אייך צו צו זיך — נאָר עס פאַרכאַפּט אייך אויך די וואונדערבאַרע נאַטור־שיינקייט וואָס רינגלט אַרום די שטאָט. איר זעט אין מיטן ים

ווי פון שטיין-אויסגעהאַקטע ריזיקע בערג, פלאַכע וואונדערלעך שיינע אינדזלען. די שיינקייט אַרום ציט זיך אויף מיילן. איר קוקט אויף דער שטאָט פון דער הייך פון אַ באַרג און אייך דוכט זיך אַז „ריאָ" שטייט אויף אַ כישוף-אינדזל — אַרומגערינגלט מיט וואַסערן. אייך גלייבט זיך ניט אַז די נאַטור האָט פון זיך אַליין געקענט אַזוי שיין אויסלייגן אַ שטאָט. די שיינקייט פון „ריאָ" לאָזט אייך ניט אָפּ, וואו איר זאָלט זיך ניט אַ קער געבן, אין וואָסער ווינקל אייער אויג זאָל ניט אַ קוק געבן, אומעטום נאַטור-בילדער וואָס איז אוממיגלעך צו געפינען אין אַנדערע לענדער פון דער וועלט. אַזוי איז ניט נאָר ריאָ-די-זשענעראָ אַליין, אַזוי זיינען אויך אַ גאַנצע ריי אַנדערע שטעט פון בראַזיליע, וועלכע שטייען ביים ברעג פון אַטלאַנטישן אָקעאַן.

בראַזיליע איז אַנטדעקט געוואָרן אין דעם 15טן יאָרהונדערט. פאַר איר האָבן שפּאַניע און פּאָרטוגאַל געפירט אַ קאַמף אין פאַר-לויף פון יאָרהונדערטער. בראַזיליע איז געווען אַ פּאָרטוגעזישע

אַ פּאַנאָראַמ

קאָלאָניע במשך פון אַ גאַנץ לאַנגער צייט איידער זי האָט זיך באַ־
פרייט און געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע רעפּובליק. זי איז די איינציקע
רעפּובליק אין דרום־אַמעריקע וואָס איר שפּראַך און קולטור איז בכלל
אַ פּאָרטוגעזישע, בעת אין אַלע אַנדערע דרום־אַמעריקאַנער רעפּוב־
ליקן איז די שפּראַך און קולטור אַ שפּאַנישע. די באַפעלקערונג
דאָרטן איז אַ שטאַרק געמישטע. אין דעם אמתן בראַזיליאַנער רינט
דאָס בלוט פון דריי ראַסן: פון אינדיאַנער, פּאָרטוגעזער־שפּאַניער
און פון די ניגראָס. דאָס לעבן אין טראָפּישע לענדער האָט די דריי
ראַסן פון בראַזיליע פאַרוואַנדלט אין פוילע און זאָרגלאָזע מענטשן.
די דאָרטיקע איינוואוינערם האָבן זיך קיין מאָל ניט געיאָגט נאָך
העכערע דערגרייכונגען אויפן געביט פון דער מענטשלעכער ציווי־
ליזאַציע. זיי האָבן זיך באַנוגנט מיט דעם וואָס די נאַטור האָט זיי
געשאָנקען: מען האָט צו פיל מיט דער נאַטור ניט געדאַרפט קעמפן,
מען האָט צופיל אויף איר ניט געדאַרפט אַרבעטן; די פרוכט וואָס
זיינען געוואַקסן אין יענע לענדער פון זיך אַליין זיינען געווען גענוג

י־זשענעראָ

— און אפילו מער ווי גענוג — צו דערנערן זיך און לעבן „רואיק" און „גליקלך". מען האָט ניט געדאַרפט האָבן קיין הייזער צו באַשיצן זיך פון דער ווינטערדיקער קעלט, ווייל עס איז אַ לאַנד פון אייביקן זומער. איז געווען גענוג צוזאַמענצושטעלן ביידלעך פון ברעטלעך, מיט אַ דאַך פון בלעטער פון די פאַלמען-ביימער. די ביידלעך זיינען געווען נאָר אַ מיטל צו באַשיצן זיך פון דער ברענענדיקער זון. מע פאָרט נאָך איצט דורך געגנטן וואו די איינוואוינערס וואוינען ניט אַפילו אין אַזעלכע פּשוטע ביידלעך. אַ גרופּע פון פיר אָדער פינף פאַלמען-ביימער ווערן אַרומגעצוימט מיט קאָרע ביי די זייטן און אין דער הייך זיינען די פאַלמען-ביימער אַזוי אויסגעשפּרייט און איינע מיט די אַנדערע אַזוי צוזאַמענגעפלאָכטן, אַז זיי פאָרמירן אַ נאַטירלעכן דאַך, וועלכער באַשיצט פון דער שטענדיק-ברענענדיקער זון און פון די רעגנס וואָס פאַלן זעלטן. ווען איר גייט אַריין אין אַזאַ געצעלט וואונדערט איר זיך ווי אַזוי מענטשן לעבן, ווי פּרימיטיוו אַלץ איז איינגעשטעלט. דאָס לעבן פון די מענטשן איז אַ סך פּרימיטיווער איידער די מענטשן אַליין; ווי ווייניק די ציוויליזאַציע האָט זיי ניט דערגרייכט, ווייסן זיי פאָרט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. זייער אָפּט באַגעגנט איר אין דער פּרימיטיווער ווילדערניש ראַדיאָס וואָס פאַרבינדן דעם אָפּגעריסענעם מענטשן מיט דער גאַנצער וועלט. ווען מע פאָרט אַרוים אויפן לאַנד פון אַ גרויסער בראַזילישער שטאָט און מע קוקט ווי מענטשן דערנערן זיך פון דעם וואָס די נאַטור גיט זיי מיט דער קלענסטער אָנשטרענגונג אָן אַליין צו פאַרפלאַנצן אָדער פאַרזייען, שטייסט מען זיך אָן אויף אַ צווייטן וואונדער: ניט נאָר באַנאַנעס, מאַראַנצן, זיסע מעלאָנס, נאָר אויך קינדער, ווי אייך דוכט זיך, וואַקסן דאָרט פון זיך אַליין. אין דער פּרימיטיווער אָרעמקייט, אין וועלכער אַ פאַמיליע לעבט, לויפן אַרום אַרום דעם אָרעמען ביידל, פון צען ביז צוועלף קינדער, איין קינד קלענער פאַר דעם צווייטן, באָרוועסע, נאַקעטע אָדער האַלב נאַקעטע. קיינער פאַסט אויף זיי ניט אויף, קיינעם אינטערעסירן זיי ניט.

אויב טאַטע־מאַמע זיינען ערגעץ פון דער היים ניט אַוועקגעגאַנגען, זיצט דער טאַטע ערגעץ אין אַ ווינקל, רייכערט זאַרגאַלז אַ ליולקע, פויל אַפילו די ליולקע אין האַנט צו האַלטן, און די מאַמע פאַרקעט זיך אַרום דער באַלעבאַטישקייט, און די קינדער, ווי גאָר וואָס געבאָרענע הינדעלעך, לויפן אַרום און שפּילן זיך. און דאָס קינד וואָס קען נאָך ניט אַרומגיין ווערט געטראָגן אויף די הענט אָדער אויף דער פּלייצע צוגעבונדן מיט אַ האַנטעך פון אַן עלטערן קינד.

פון דער נאַטור איז דער בראַזיליאַנער, אַזוי ווי אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנער, אַ גוטער. ער טשעפּעט קיינעם ניט. ער איז פויל און איז צופרידן אַז מע טשעפּעט אים ניט. עס איז ניט אמת, אַז דער לאַטיין־אַמעריקאַנער און אויך דער בראַזיליאַנער גייט שטענדיק אַרום מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט און זוכט עמעצן צו שיסן, אָדער וואַרט ביז עס וועט אויסברעכן אַ רעוואָלוציע ער זאָל אין איר זיך קענען באַטייליקן. דאָס לעצטע איז נאָר טיילוויז אמת ווען דער שטאַטישער באַפעלקערונג וועלכע שאַלגט זיך אָפּט מאָל, כדי די אָדער יענע „קליקע" זאָל פאַרכאַפּן די רעגירונגס־מאַכט. אויך די שטאָטישע באַפעלקערונג איז אַ פוילע און וויל ניט אַר־בעטן, אָבער אין שטאָט דאַרף מען האָבן מער, מע דאַרף ניט נאָר האָבן אַ בעסערע דירה און בעסערע קליידער, נאָר מע דאַרף אויך האָבן געלט צו זיצן אין קאַפע, גיין אין אַ „מואווי" און בכלל פירן אַ לעבן, אַ מער אָדער ווייניקער ציוויליזירטן. פּאַסירט אָפט, אַז דאָרטן ווערן ניט געענדערט רעגירונגען דורך דעמאָקראַטישע אָפּ־שטימונגען, נאָר דורך אויפשטאַנדן און רעוואָלוציעס. אָבער די דאָרפישע באַפעלקערונג מאַכט ניט די רעוואָלוציעס. זי איז אַ שטילע, רואיקע און פון דער נאַטור אַ גוטע באַפעלקערונג.

ווען בראַזיליע איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מלוכה, האָט זי לויט דער קאָנסטיטוציע וואָס עס האָבן געשאַפן אירע גרינדערס, געדאַרפט זיין אַ פרייע, דעמאָקראַטישע רעפּובליק. דער בראַזי־ליאַנער האָט ליב די פּערזענלעכע פרייהייט. קיינער טאָר אים

ניט שטערן אין זיין פּריוואַטן לעבן, קיינער טאָר זיך ניט אַריינמישן אין זיין פאַמיליע-לעבן און אויב זיין פרייהייט ווערט פון קיינעם ניט אַנגערירט, איז ער אַ רואיקער און אַ צופרידענער.

די לעצטע צייט זינט 1934 איז אין בראַזיליע איינגעפירט געוואָרן אַן אַבסאָלוטע דיקטאַטור. דער איצטיקער פּרעזידענט טרוכילאָ וואַרגאַ איז אין 1930 דערוויילט געוואָרן אויף דער פּלאַטפאָרם פון ברייטער, סאָציאַלער געזעצגעבונג און מען האָט אים שיר ניט באַטראַכט פאַר אַ קאָמוניסט. ער איז באמת געווען איינער פון די לינקע פּראָגרעסיווע פּאָליטיקער. מע זאָגט, אַז ער באַזיצט אַ סך אינטעליגענץ, קלוגשאַפט און כיטרעקייט. נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעווען אין מאַכט דריי, פיר יאָר, האָט ער פּאַקטיש אָפּגעשאַפט די דעמאָקראַטיע און איינגעפירט דיקטאַטור. ער האָט פונאַנדערגעלאָזן דעם פּאַרלאַמענט און איז געוואָרן אַן אויסשליסלעכער דיקטאַטאָר. ער האָט באַזייטיקט פון דער רעגירונג אַלע די וועלכע עס האָבן געהאַט דעמאָקראַטישע טענדענצן. ער האָט זיי אָדער אַריינגעזעצט אין טורמע אָדער פאַרשיקט קיין אויסלאַנד. היינט-צו-טאָג איז דאָרטן די דיקטאַטור אַן אומבאַגרענעצטע, אָבער די דיקטאַטור פונקציאָנירט אַזוי, אַז די פּויערים איבערן לאַנד, די אַרבעטער אין שטאָט פילן זי ניט. פאַרקערט, פאַר די אַרבעטער האָט ער איינגעפירט גרויסע סאָציאַלע רעפאָרמעס און ער גיט שטרענג אַכטונג די רעפאָרמעס זאָלן דורכגעפירט ווערן אין לעבן. אַזוי עקסיסטירט אין בראַזיליע אַ געזעץ וואָס באַשטימט די מאַקסימום-צאָל אַרבעט-שעהן און דעם מינימאַלן אַרבעט-לוין. לויטן געזעץ מוז יעדער אַרבעטער אויך קריגן צוויי וואָכן באַצאָלטע וואַקאַציע. אַ בעל-הבית טאָר אַן אַרבעטער ניט אָוועקשיקן, ער דאַרף דער מלוכהשער אַרבעטער-קאָמיסיע אָנגעבן אַ גרינטלעכע סיבה פאַר וואָס ער מוז דעם אַרבעטער אָוועקשיקן. אויב דער בעל-הבית קריגט שוין די דערלויבעניש דאָס צו טאָן, דאַרף ער דעם אַרבעטער באַצאָלן די שכירות פאַר צוויי חדשים פאַר יעדן יאָר וואָס ער האָט ביי אים געאַרבעט. אַזוי, למשל, אויב אַן אַרבעטער

האָט געאַרבעט ביים בעל־הבית פינף יאָר און ער שיקט אים אַוועק, דאַרף ער דעם אַרבעטער באַצאָלן שכירות אין פאָרוים פאַר צען חדשים. ווען אַן ארבעטער האָט אָפּגעאַרבעט ביי אַ בעל־הבית צען יאָר, קען שוין אים דער בעל־הבית קיין מאָל ניט אַוועקשיקן. אויך האָט דער פּרעזידענט דורכגעפירט אַ גאַנצע ריי אַגראַר־געזעצן לטובת די פּויערים. ווען די אַרבעטער און די פּויערים האָבן די געזעצן געקראָגן און קיין פרייהייט האָט מען פון זיי ניט צוגענומען, פילן זיי ניט, אַז זיי לעבן אין אַ לאַנד פון דיקטאַטור. די דיקטאַטור פון פּרעזידענט ווארגאַ פילן נאָר די אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, עס פילן זי די פּאָליטיקער, וואָס זיינען געווען פירערס און טוערס אין פּאָליטישע פּאַרטייען, עס פילן זי די אייראָפּעאישע אימיגראַנטן. אָבער ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין, עס פילט זי ניט דאָס בראַזיליאַנער פאָלק. דער בראַזיליאַנער באַנוגנט זיך מיט דעם וואָס ער האָט. פון דעם וואָס ער האָט געהאַט, האָט מען ביי אים וויניק צוגענומען.

היטלעריזם אין בראַזיליע

פון אַלע אימיגראַנטן-גרופּעס איז די גרעסטע גרופּע די איטאַליענישע, זי איז אויך די אַרבעטזאַמסטע גרופּע. אַלץ וואָס אין בראַזיליע איז געבויט געוואָרן, איז דאָס טייל־ווייז געטאָן געוואָרן אַדאַנק דער שווערער אַרבעט פון דעם איטאַליענישן אימיגראַנט, סיי אין שטאָט און סיי אין פעלד. דאָך האָט איטאַליע קיין מאָל קיין גרויסן איינפלוס אויף בראַזיליע ניט געהאַט. דאָס דערקלערט זיך אפשר מיט דעם וואָס איטאַליע האָט זיך צום ווינציקסטן געניטיקט אין האַנדל מיט בראַזיליע. איטאַליע איז אַליין אַן אַגראַר-לאַנד און האָט זיך אין די פּראָדוקטן פון בראַזיליע ניט געניטיקט. צוליב איר אינדוסטריעלער אָפּגעשטאַנענקייט האָט זי אויך ניט געהאַט וואָס בראַזיליע צו פאַרקויפן. ד צוויי לענדער וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף בראַזיליע, סיי עקאָנאָמיש און סיי פּאָליטיש, זיינען געווען דייטשלאַנד און ענגלאַנד. די גרעסטע אייזנבאַנען, טראַמווייען און אַלע אַנדערע קאָמוניקאַציע־מיטלען געהערן צו ענגלישע געזעלשאַפטן ; אַ גאַנצע ריי גרויסע און וויכטיקע פאַבריקן געהערן צו דייטשלאַנד. צווישן דייטשלאַנד און ענגלאַנד איז שטענדיק פאָרגעקומען אַ שטילער קאַמף ווער פון זיי זאָלן האָבן די השפעה אין בראַזיליע. ווען היטלער איז אריין אין מאַכט אין 1933, האָט ער זיך גענומען באַפעסטיקן אין דרום-אַמעריקע און ספּעציעל אין בראַזיליע. אויב ניט עקאָנאָמיש, האָט אָבער פּאָליטיש דייטשלאַנד געקראָגן די אייבערהאַנט אין בראַזיליע.

אין 1934 איז אין בראַזיליע דורך דער פּראָפּאַגאַנדע פון היטלערם פאַשיזם געגרינדעט געוואָרן די פאַשיסטישע-אינטראַגאַליסטן פּאַרטיי. ווען אַלע פּאַרטייען זיינען אין לאַנד אָפּגעשאַפט געוואָרן צוליב דער דיקטאַטור וועלכע פּרעזידענט וואַרגאַ האָט איינגעפירט האָט די פאַשיסטישע פּאַרטיי געקראָגן אַ פרייע האַנט, און זי האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אין אַ ריזיק גרויסער פּאַרטיי. זי איז

פּאַקטיש געוואָרן די פּאַרטיי פון דעם דיקטאַטאָר־פּרעזידענט וואַרגאַ. מע זאָגט אַז אַכציק פּראָצענט פון דער טעטיקייט פון די אינטראַגאַליסטן איז באַשטאַנען אין העצעס קעגן יידן. דאָס האָט זיך זיי גוט איינגעגעבן. אין פאַרלויף פון די דריי יאָר וואָס די פּאַרטיי האָט עקסיסטירט האָט זי איינגעפּלאַנצט צווישן דער בראַזיליאַנער באַפעלקערונג אַזוי פיל אַנטיסעמיטיזם, אַזוי פיל יידן־האַס, אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט פּשוט אָנגעפאַנגען מורא צו האָבן, אַז עס וועלן אויסברעכן בלוטיקע פּאָגראָמען. עס זיינען געווען טעג ווען די יידישע באַפעלקערונג איז געלעגן אין די הייזער אין טויט־שרעק, אַז אָט, אָט... און די פּאָגראָמען ברעכן אויס. און וואָלטן דאָרטן פּאָגראָמען אויסגעבראָכן, וואָלטן זיי געווען די בלוטיקסטע אין דער געשיכטע. איך האָב פריער געזאָגט, אַז דער לאַטיין־אַמעריקאַנער איז פון דער נאַטור זייער אַ רואיקער און אַ גוטער, אָבער דאָס איז אַ פּרימיטיווע רואיקייט און גוטסקייט. דער פּרימיטיווער מענטש, ווען ער ווערט אויפגערייצט, און מע ברויזט אין אים אויף די געפילן פון האַס — איז צו זיין רשעות און ווילדקייט קיין גרענעץ ניטאָ. די „אינטראַגאַליסטן" האָבן גענומען פילן, אַז זיי זיינען די בעלי־הבתים פון לאַנד און מיט דער הילף פון דייטשלאַנד האָבן זיי שוין אָנגעפאַנגען צו דיקטירן די באַדינגונגען צום דיקטאַטאָר וואַרגאַ, צום איצטיקן פּרעזידענט. עס איז אַוועק צו ווייט און אין 1937 האָט ער די פּאַרטיי אויפגעלייזט, פאַרמאַכט אַלע אירע אָפּטיילונגען איבערן לאַנד. ווען ניט זיין ביטערקייט, און שטילערהייט זאָגט מען, אַז ווען ניט די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָלטן די פאַשיסטן־אינטראַגאַליסטן אַרויסגערופן אַ רעוואָלוציע און זיי וואָלטן פאַרכאַפּט די רעגירונג אין זייערע הענט.

אין בראַזיליע קומט איצט פאָר אַ שטילער אינערלעכער קאַמף אין די רעגירונגס־קרייזן. מע וויל זיך באַפרייען פון דעם פאַשיסטישן און היטלעריסטישן איינפלוס. דער ענין איז גאָרניט אַזאַ גרינגער ווי מען שטעלט זיך דאָס פאָר פון דער וויטנס. דער איצטיקער פּרעזידענט האָט זיך געזעלשאַפטלעך ניט אויף וועמען צו שטיצן. ער שטיצט זיך אויף דעם כוח פון דער אַרמיי, און די אַרמיי ליגט אין די הענט פון דעם קריגס־מיניסטער וועלכער איז אַן אָפענער פאַשיסט און ווען די אַמעריקאַנער רעגירונג וואָלט געווען נייטראַל צו דעם פאַרבאַהאַלטענעם פּאָליטישן קאַמף אין

בראַזיליע, ווען איר וואָלט געווען אַלץ איינס וואָס פאַר אַ רעגירונג דאָרטן זאָל הערשן, וואָלט דער פאַשיסטישער קריגס-מיניסטער שוין לאַנג געוואָרן דער בעל-הבית פון לאַנד און בראַזיליע וואָלט אַבסאָלוט געלעגן אין די הענט פון היטלערן.

צום גליק פון די דעמאָקראַטיעס פון דער וועלט און אויך צום גליק פון די יידן איז די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַראינטערעסירט צו באַפעסטיקן דעם דעמאָקראַטיזם אין לאַנד ווי אויך צו פאַרטרייבן דעם פאַשיסטישן איינפלוס. אַט מיט דעם באַשעפטיקט זיך איצט זייער שטאַרק ענגלאַנד און הויפּטזעכלעך פּרעזידענט רוזוועלט.

אַ הויכער רעגירונגס-באַאַמטער, אַדער פאַרטרעטער פון דער אַמעריקאַנער רעגירונג, האָט אין אַ געשפּרעך מיר געזאָגט, אַז היטלערס איינפלוס אויף דרום-אַמעריקע בכלל און אויף בראַזיליע בפרט קומט פון דעם וואָס די פּאָליטיקער פון בראַזיליע זיינען ווייט ניט פון דעם קאַליבער ווי די פּאָליטיקער פון אייראָפּע אַדער צפון-אַמעריקע. דאָס זיינען ס׳רוב קליינע פּאָליטישענס מיט קליינע אייגנגייציקע נייגונגען און אינטערעסן און פאַר היטלערן איז געווען זייער גרינג צו קריגן אויף זיי אַן איינפלוס און אַוועקשטעלן זיי אפילו אונטער זיין קאָנטראָל. דייטשלאַנד האָט אויסגעגעבן אַ פאַרמעגן מיט געלט כדי בראַזיליע צו באַהערשן.

איידער די מלחמה האָט אויסגעבראָכן און די ימים זיינען פאַר דייטשלאַנד געווען פריי, האָט דייטשלאַנד געבראַכט אַהין סחורה, אין וועלכער דאָס לאַנד האָט זיך געניטיקט, און דאָס פאַרקויפט האַלב אומזיסט און זי האָט פון בראַזיליע גענומען קאָפע, אייל, רייז און אַנדערע פּראָדוקטן און האָט פאַר דעם געצאָלט די העכסטע פּרייזן. זי האָט אונטערגעקויפט די פּרעסע, די ראַדיאָ און איז דורך דעם געוואָרן דער גייסטיקער בעל-הבית פון בראַזיליע. זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, ווערט די לאַגע אַנדערש. דייטשלאַנד קען אַהין ניט פירן און קען פון דאָרטן ניט נעמען קיין סחורות. און בראַזיליע ווערט איצט מער אָפּהענגיק פון די פאַראייניקטע שטאַטן ווי אויך פון אַנדערע לענדער צו וועלכע זי קען צושטעלן אירע פּראָדוקטן איבערן אַטלאַנטישן און פּאַסיפישן אָקעאַן.

דער באַאַמטער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז די דעמאָקראַטישע לענדער און אויך אַמעריקע קענען ניט איבערגעווינען אַזוי שנעל

בראַזיליע אויף זייער זייט ווי דאָס האָט זיך אַזוי לייכט איינגעגעבן היטלערן, ווייל די מעטאָדן, וואָס אַ דיקטאַטאָרישע מלוכה ווענדט אָן, קען ניט אָנווענדן אַ דעמאָקראַטיש לאַנד. אונדזערע מעטאָדן זיינען פאָרזיכטיקע, און דערפאַר זיינען זיי אויך לאַנגזאַמערע, אָבער דאָך האָט ער אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט מיט דער פאַרהעלטנים-מעסיק גיכער ענדערונג וואָס קומט פאָר צום גונסטן די דעמאָ-קראַטיעס אין דעם פּאָליטישן לעבן פון בראַזיליע.

פאַר אַ טוריסט, וועלכער קומט צו פאָרן פון צפון-אַמעריקע וואו פרייהייט און דעמאָקראַטיע איז אַזוי אומבאַגרענעצט, אַזוי איינגעפלאַנצט אין זיין נאַטור, איז שווער צו אָטעמען מיט דער לופט פון דער בראַזיליאַנער האַלבער, אָדער גאַנצער דיקטאַטור.



אַ וואוינונג פון אַ בראַזיליאַנער פאַרמער

סאַן-פּאַאָלאָ

די צוויי גרעסטע און וויכטיקסטע שטעט אין בראַזיליע זיינען ריאָ-די-זשענעראָ און סאַן-פּאַאָלאָ.ביידע שטעט פירן צווישן זיך אַן אייביקן קאַמף פאַר דער בכורה פון לאַנד. „ריאָ-די-זשענעראָ" איז די רעגי-רונגס-שטאָט, דאָס איז די וואַשינגטאָן פון בראַזיליע. אינ-דוסטריעס זיינען פאַראַן אין שטאָט וויניק. די באַפעלקערונג איז מערסטנס באַשעפטיקט ביי דער פעדעראַלער רעגירונג און אין איר וואוינען זייער אַ סך רייכע לייט, וואָס לעבן דאָרטן דערפאַר, ווייל די שטאָט איז שיין, ווייל זי איז די „פּאַריז" פון בראַזיליע.

סאַן-פּאַאָלאָ פאַרקערט איז דער „מאַנטשעסטער" פון בראַזיליע. אַ שטאָט מיט פיל פאַבריקן, מיט גוט-אַנטוויקלטע אינדוסטריעס. בראַזיליע באַשטייט פון 21 שטאַטן. זאָגן די איינוואוינערס פון סאַן-פּאַאָלאָ, אַז בראַזיליע איז געגליכן צו אַ באַן מיט 21 וואַגאָנען, אָבער 20 וואַגאָנען זיינען פוסטע און דער 21טער, סאַן-פּאַאָלאָ, איז דער וואַגאָן וועלכער שלעפּט אויף זיך די צוואַנציק ליידיקע וואַגאָנען. סאַן-פּאַאָלאָ שטייט צוויי טויזנט פוס הויך איבער דעם אייבערפלאַך פון ים, דעריבער איז דאָרטן דער קלימאַט אַ גוטער. די חדשים מאַי, יוני, יולי און אויגוסט זיינען די ווינטער-חדשים. עס איז דעמאָלט ניט זייער קאַלט, אָבער פונדעסטוועגן כאַפּט אָפּט מאָל די באַפעלקערונג דאָרטן אַ ציטער פון קעלט. אויך זומער איז דאָרט אַ ביסל קילער. די באַפעלקערונג פון סאַן-פּאַאָלאָ איז אַן אימיגראַנטישע. זי זעט טאַקע אויס אַנדערש ווי די באַפעלקע-רונג פון גאַנץ בראַזיליע. פרייהייט און דעמאָקראַטישע טראַדיציעס זיינען דאָרטן אַ סך מער איינגעוואָרצלט ווי אין די אַנדערע טיילן פון לאַנד. יעדער איינוואוינער פון סאַן-פּאַאָלאָ באַטראַכט זיך פאַר דעם וויכטיקסטן בירגער פון לאַנד און ער זאָגט זייער אָפט, אַז אָן אים, דאָס הייסט, אָן סאַן-פּאַאָלאָ, וואָלט בראַזיליע גאָרניט וועדט געווען.

אין בראַזיליע געפינען זיך הונדערט טויזנט יידן. קיין גענויע סטאַטיסטיק וועגן דעם איז ניטאָ, ווייל בעת אַלע פאָלקס־ציילונגען, וואָס מען האָט דורכגעפירט ביז איצט, האָט מען ניט געשטעלט קיין פראַגע וועגן דער רעליגיע פון דעם בירגער. מען האָט נאָר געפרעגט פון וועלכן לאַנד ער קומט. די יידן האָבן בעת די פאָלקס־ציילונגען זיך מערסטנס אָנגעגעבן אַלס רוסן, פּאָליאַקן, דייטשן, אד״גל, אָבער ניט אַלס יידן. ערשט ווען ס׳וועלן באַקאַנט ווערן די רעזולטאַטן פון דער פאָלקס־ציילונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דריי חדשים צוריק, וועט מען וויסן גענוי וויפל יידן עס זיינען דאָ אין בראַזיליע, ווייל אין דעם פרעג־בויגן פון דער לעצטער ציילונג איז שוין דאָ אַ פּונקט וועגן רעליגיע. מע רעכנט אָבער אַז עס לעבן אין בראַזיליע הונדערט טויזנט יידן; זיבעציק טויזנט פון זיי געפינען זיך אין „ריאָ“ און אין סאַן־פּאַאָלאָ. אויך אַרום דער פראַגע קומט פאָר אַ קאַמף: יידן פון סאַן־פּאַאָלאָ זאָגן, אַז פערציק טויזנט יידן געפינען זיך ביי זיי און נאָר דרייסיק טויזנט אין „ריאָ“ און די „ריאָער“ יידן זאָגן פאַרקערט. ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך. אויך די יידן פון סאַן־פּאַאָלאָ באַטראַכטן זיך פאַר אַ העכערן און וויכטיקערן מין מענטש.

יידן אין סאַן־פּאַאָלאָ זיינען זייער שטאַרק פאַרטראָטן אין האַנדל און אין אינדוסטריע. יידן האָבן דאָרטן אַנטוויקלט אַ גרויסע מעבל־אינדוסטריע. בראַזיליע פאַרמאָגט זייער אַ סך האָלץ, דאָס בעסטע האָלץ אויף צו מאַכן מעבל. און ביז מיט פופציק יאָר צוריק איז די האָלץ כמעט גאָרניט אויסגענוצט געוואָרן. זיינען געקומען יידן, מערסטנס פון בעסאַראַביע, און האָבן דאָרטן גענומען אַנטוויקלען די מעבל־אינדוסטריע, און היינט איז זי אַ וויכטיקע אינדוסטריע אין לאַנד. יידן האָבן ניט נאָר געבויט פאַבריקן, נאָר זיי האָבן אויך אַנטוויקלט דעם מאַרק פאַר דער אינדוסטריע. אָנגעפאַנגען האָט זיך דאָס מיט געבן מעבל דער באַפעלקערונג אויף אויסצאָלן, אָבער היינט איז דאָס אַ גרויסע אינדוסטריע מיט גרויסע געשעפטן, וואָס פאַרקויפן דאָס מעבל פאַר באַרע געלט.

אָבער ניט נאָר די מעבל־אינדוסטריע, נאָר אויך אַנדערע אינדוסטריעס האָבן יידן אַנטוויקלט. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע און קליידער־פאַבריקאַציע.

דער יידישער פעדלער אין דרום-אַמעריקע

וועגן דעם יידישן פעדלער אין דרום-אַמעריקע און ספּעציעל אין בראַזיליע, האָט מען שוין אַ סך געשריבן, באַזונדערס טאַקע אין בראַזיליע גופא. די אַנטיסעמיטן האָבן אים אַרויסגעשטעלט ווי אַ ביישפּל פון „יידישער בלוטזויגעריי״. אויך פריינד פון יידן האָבן זיך באַצויגן זייער קריטיש צו דעם פעדלערס פּרנסה.

אָבער וואָס איז די אמתע לאַגע פון דעם יידישן פעדלער אין אַזוינע לענדער ווי בראַזיליע? וואָס פאַר אַ אורזאַכן האָבן דעם יידישן פעדלער געבראַכט צו אַזאַ לעבן?

ווען יידן האָבן מיט 50 יאָר צוריק אָנגעהויבן אַריינוואַנדערן אין די דרום-אַמעריקאַנער רעפּובליקן, איז זייער לאַגע געווען אַ סך אַ שווערערע ווי פון די ערשטע יידישע אימיגראַנטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די דרום-אַמעריקאַנער לענדער זיינען נאָך אַפילו היינט אינדוסטריעל ווייניק אַנטוויקלט. ווער שמועסט נאָך מיט פופציק יאָר צוריק. פאַר אַן אייראָפּעער איז געווען אוממיגלעך צו אַרבעטן אין אַ פאַבריק אָדער ביי זיך אין דער היים, אָדער אויפן פעלד ביי לאַנדווירטשאַפט, צוליב דעם, ווייל דער מענטש פון אייראָפּע האָט ניט געקענט פירן אַזאַ אָרעם לעבן ווי ס׳האָט דאַן געפירט די אָרעמע באַפעלקערונג פון דרום-אַמעריקע. די אימיגראַנטן פון אייראָפּע האָבן ניט געקענט וואוינען אין ביידלעך ווי די דאָרטיקע באַפעלקערונג; זיי האָבן ניט געקענט עסן יעדן טאָג איינע און די זעלבע שפּייז — בעבלעך מיט רייז. כאָטש די אימיגראַנטן אַליין זיינען ניט געווען צוגעוויינט צו אַ רייכן לעבן, איז אָבער דאָס אָרעמע לעבן פון זייער אַלטער היים געווען גביריש אין פאַרגלייך מיט דעם לעבן פון די דרום-אַמעריקאַנער אָרעמעלייט.

מיר האָבן יידן דערציילט וועגן דער מי וואָס זיי האָבן זיך געגעבן צו האָבן חיונה פון פיזישער אַרבעט און ווי זיי איז געווען אוממיגלעך דאָס אויסצוהאַלטן ביי דעם שטאַרקסטן ווילן און דער גרעסטער אָנשטרענגונג. די דייטשישע אימיגראַנטן וואָס זיינען געקומען אַהין זיינען געווען פּאַכלייט, גוטע באַלמעלאָכעס און זיי איז אָנגעקומען גרינג צו קריגן די בעסט-באַצאָלטע שטעלעס אין פאַבריקן. די דייטשישע ערד-אַרבעטער האָבן דעמאָלט געקענט קריגן די בעסטע שטיקער לאַנד צו אַנטוויקלען דורך שקלאַפן-הענט די לאַנדווירטשאַפטלעכע אינדוסטריע, ווי קאַפע, באַנאַנאַס, צוקער און אַזוי ווייטער. אין אַן ענלעכער לאַגע האָבן זיך געפונען אויך אַנדערע אייראָפּעאישע אימיגראַנטן. אַ ספּעציעל אָרט פאַר-נעמען אין בראַזיליע די יאַפּאַנעזישע אימיגראַנטן. זיי, ביי וועמען די לעבנס-באַדינגונגען זיינען אין דער היים געווען זייער נידעריקע, זיינען געקומען קיין בראַזיליע און דאָרטן אַנטוויקלט קאַפע-פּלאַנ-טאַציעס, פון וועלכע אַ סך זיינען געוואָרן שטיין רייך. אָבער הילפלאָז איז געווען דער יידישער אימיגראַנט, דערפאַר איז ער געגאַנגען אויפן וועג פון גרינגערן ווידערשטאַנד. ער איז געוואָרן אַ פּעדלער. אָבער ניט אַ פּעדלער מיט אַ פּושקאַרט, וועלכן מיר זיינען געוווינט געווען צו זען אַמאָל אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר ער איז געוואָרן אַ קליענטשיק (אַ מין קאַסטאָמער-פּעדלער). דאָס מיינט, אַז ער איז געגאַנגען פון הויז צו הויז, פון דאָרף צו דאָרף, געקלאַפּט אין די טירן און געזוכט אַ קונה צו פאַרקויפן זאַכן פאַר דער באַלעבאַטישקייט, פאַר דער פאַמיליע.

אָנגעפאַנגען האָט זיך דאָס פון קליינע אַרטיקלען, פון צאַצקעס און בילדער, צו וועלכע דער דרום-אַמעריקאַנער האָט אַ שוואַכ-קייט. מע זאָגט, אַז די יידישע פּעדלערס אָדער „קליענטשיקעס" זיינען געווען די ערשטע וואָס האָבן אין יעדער קאַטוילישער הויז אין בראַזיליע אַריינגעבראַכט דורך פּעדלעריי יעזוסעס אַ בילד. און די פּעדלעריי וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט פאַרקויפן צאַצקעס און בילדער האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ גאַנץ-גרויסן האַנדל מיט וויכטיקע און ניצלעכע זאַכן פאַר די בראַזיליאַנער איינוואוינערס. געפינען זיך טאַקע אַזוינע בראַזיליאַנער, פריינד פון יידן, וואָס קעמפנדיק קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם, גיבן זיי זייער אָפּט אָן אין נדן, אַז ווען ניט דער יידישער „קליענטשיק" (קאַסטאָמער-פּעדלער),

וואָלט נאָך היינט אַ גרויסער טייל פון דער בראַזיליאַנער באַפעל־קערונג אַרומגעגאַנגען באָרוועס און נאַקעט, געשלאָפן אויף דער ערד, ניט געהאַט אַ שטול אויף צו זיצן. און אויב אפילו דער יידישער פעדלער האָט געגרעכנט פאַר דער סחורה אַ ביסל טייערער ווי אין נאָרמאַלן געשעפט, האָט דאָס דער פעדלער כשר פאַרדינט, ווייל ער האָט צוגעוויינט די בראַזיליאַנער באַפעלקערונג צו אַ העכערן לעבנס־שטייגער.

און ביי דעם אַלעמען זיינען די יידישע פעדלערס אין בראַזיליע טראַגישע מענטשן. איר זעט זיי אויף די גאַסן פון די שטעט און דערפער פון בראַזיליע, אין טעג הייסע, ברענענדיקע; איר זעט ווי זיי שלעפן אויף זייערע פלייצעס פעקלעך, גייען פון הויז צו הויז, קלאַפן אין די טירן און בעטן זיך ביי דער „מאַריאַ" (ביי דער דרום־אַמעריקאַנער פרוי), אַז זי זאָל קויפן דעם אָדער יענעם אַר־טיקל.

איך האָב אַ סך אַזעלכע פעדלערס באַגעגנט. ניט איינער פון זיי האָט זיך באַקלאָגט אויף זיין שיקזאַל און דערקלערט, אַז ער וואַרט אויף אַ געלעגנהייט פון דער ביטערער פרנסה פטור צו ווערן. גאָר ביטער איז זיי אין די לעצטע יאָרן ווען עס ווערט פון די פאַשיסטן אָנגעפירט אַ ביטערע, אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע קעגן יידן. און וועמען נעמען די פאַשיסטן אַלס ביישפיל פון יידישער עקספּלואַטאַציע אָדער „בלוטזייגעריי"? דעם יידישן פעדלער.

זאָגט טאַקע צו מיר איינער, אַ פעדלער, מיינער אַ לאַנדסמאַן, וועמען איך האָב דאָרט באַגעגנט: „אַט, — זאָגט ער, — האָב איך אין דער היים געלערנט אין אַ גימנאַזיע און געחלומט צו ווערן אַ דאָקטער. אַ שטיק צייט האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט לערעריי און נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַר־כאַפּט די מאַכט, בין איך פון רוסלאַנד אַנטלאָפן. געלעבט אַ קורצע צייט אין פוילן, צו גאָרניט זיך געקענט צושלאָגן און אַוועקגעפאָרן קיין בראַזיליע. אָך, ווי שווער איך האָב זיך געמאַטערט די ערשטע יאָרן, אַזוי זאָגט ער צו מיר. אַלע שווערע אַרבעטן געטאָן אַבי ניט צו ווערן אַ פעדלער. אָבער ניט געקענט אויסהאַלטן. איך בין געצווונגען געצוואונגען צו נעמען דאָס פעקל אויף די פלייצעס און גיין פון הויז צו הויז און, מיט אַ געבראָכענער שפּראַך, פעדלען. און

איר הערט, זאָגט ער צו מיר, אַז ווי שווער די אַרבעט איז ניט געווען, זיינען די קויפֿערס, ספּעציעל די פֿרויען, געווען גוטמוטיקע, פֿריינדלעכע. פֿאַרביטערט אונדז דאָס לעבן האָבן די, ביי וועמען מיר האָבן די סחורות געמוזט איינקויפֿן. מיר האָבן אויך געמוזט קויפֿן די סחורה אויף אויסצאָלן, און די רייכע געשעפֿטן, יידישע און ניט־יידישע, האָבן פֿון אונדז צוגענומען אַלץ, וואָס מיר האָבן דורך שווערער אַרבעט פֿאַרדינט. מען האָט אונדז פֿון די געשעפֿטן געטריבן ווי די הינט, מען האָט אונדז געגעבן די ערגסטע סחורה, דעם אָפּפֿאַל, און מיר האָבן דאָס געדאַרפֿט פֿאַרקויפֿן. גענומען האָט מען ביי אונדז די בעסטע פּרייזן. היינט איז אונדזער לעבן אַ סך גרינגער. נייע מענטשן זיינען געקומען פֿון פּוילן און האָבן גענומען פּראָדוצירן די אַרטיקלען, וועלכע מיר פֿאַרקויפֿן; זיי האָבן גענומען קאָנקורירן מיט די איינגעזעסענע, מיט די איינגע־פֿונדעוועטע געשעפֿטן. אַדאַנק אָט דער קאָנקורענץ האָט מען אונדז אָנגעפֿאַנגען צו באַהאַנדלען בעסער. מיר האָבן גענומען קויפֿן און פֿאַרשפּרייטן זייערע אַרטיקלען. צו די נייע געשעפֿטלייט האָבן מיר זיך גענומען טוליען, ווייל זיי האָבן אונדז אָנגעפֿאַנגען צו באַ־האַנדלען בעסער, מענטשלעכער. היינט קריגן מיר אַ בעסערע סחורה און ביליקער אין פּרייז, און דער קונה קען זיך ניט באַקלאָגן, אַז מע באַרייסט אים. ער קריגט ביי אונדז היינט סחורה כמעט פֿאַר דעם זעלבן פּרייז אויף אויסצאָלן וואָס ער דאַרף באַצאָלן אין דעם גרויסן געשעפֿט פֿון סאַן־פּאַולאָ פֿאַר באַרע געלט. ביי די קונים האָבן מיר אָנגעפֿאַנגען ווערן אָנגעלייגטע געסט, היימישע מענטשן. וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט האָבן זיי ביי אונדז געקויפֿט".

מיין לאַנדסמאַן דערציילט ווייטער:

„איז געקומען דער אַנטיסעמיטיזם און מען האָט גענומען רייצן דעם קונה קעגן אונדז. דעם אַנטיסעמיטישן געפֿיל האָבן היטלערס משרתים איינגעפֿלאַנצט אין יעדן הויז פֿון בראַזיליע. עס איז שווער איצט אָנצוקלאַפּן אין אַ טיר, מען האָט מורא באַליידיקט צו ווערן. אָבער גיי נעם זיך איצט צו אַן אַנדער פּרנסה, אַז דעם גרעסטן טייל דערפֿון, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט פֿון מיין שווערער אַרבעט, זיינען די קונים מיר שולדיק. געגעבן האָט מען זיי דאָס אויף זייער ערנוואָרט און אויף זייער גוטן ווילן און ווען מע זאָל זיך מיט זיי צעקריגן, וועט אַלץ פֿאַרלאָרן גיין. עס איז אַ פֿאַרכישופֿטער קרייז, פֿון וועלכן מע קען זיך ניט אַרויסרייסן".

דער געזעלשאַפטלעך-טעטיקסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין סאַן-פּאַולאָ, ווי אויך אין אַנדערע שטעט פון בראַזיליע איז דער יידישער מיטלקלאַס. און ער האָט אויפגעבויט אמת-וויכטיקע יידישע אינסטיטוציעס.

די ערשטע וואָך, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין סאַן-פּאַולאָ, האָבן די יידן געהאַלטן אין פייערן דעם 25יאָריקן יובילייע פון דער אָרגאַניזאַציע „עזרה". די פייערונג האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע וואָכן.

„עזרה" איז די אָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַראייניקט אין שטאָט אַלע יידן אין דער אַרבעט פאַר יידישן „רעליף" און אַנדערע צדקה-עניינים. די אַרבעט פון דער „עזרה" איז פאַרצווייגט און פילזייטיק. די אָרגאַניזאַציע האָט ביי דער יידישער באַפעלקערונג פון סאַן-פּאַולאָ אַ גוטן נאָמען.

כאָטש אין אַלגעמיין לעבט זיך דאָרט יידן עקאָנאָמיש ניט שלעכט, פון דעסטוועגן זיינען דאָרט דאָ גענוג יידישע אָרעמעלייט, וועלכע נייטיקן זיך אין הילף, און די „עזרה" איז די אָרגאַניזאַציע וואָס זאָרגט זיך פאַר זיי.

די אָרגאַניזאַציע „עזרה" איז געבויט געוואָרן פון דעם צווייטן דור יידישע אימיגראַנטן אין בראַזיליע. די „עזרה" האָט זיך אַפילו באַשעפטיקט מיט העלפן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין בראַזיליע. זי האָט אויך געגעבן מעדיצינישע הילף צו די נויט-באַדערפטיקסטע. דערפאַר איז די „עזרה" אַזוי באַליבט ביי דער שטאָטישער באַפעלקערונג. עס איז אַ פאָלקס-אָרגאַניזאַציע, וועלכע נעמט אַרום כמעט אַלע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

סאנאטאריע, קינדערהיימען און מושב־זקנים

אין בראזיליע זיינען שטארק פאר־שפרייט לונגען־קראנקייטן, די שווינדזוכט. עס קומט דערפון וואס די באפעלקערונג עסט ניט גענוג נארהאפטיקע שפייז און לעבט הויפט־זעכלעך אויף רייז און ארבעס. אויך די היגיענישע באדינגונגען זיינען שלעכטע. ס׳רוב זיינען די מענטשן אין בראזיליע אויסגעמאטערטע, דארע. צווישן יידן איז אויך פארשפרייט די שווינדזוכט, ספעציעל צווישן די ניי־אריבערגעקומענע אימיגראנטן, וואס האבן דורכגעמאכט די לעצטע אכט יאר היטלער־גיהנום אין אייראפע און ביז זיי זיינען געקומען קיין בראזיליע האבן זיי זיך געוואלגערט אויף אלע וועגן פון דער וועלט. אלס ניי־אריבערגעקומענע אין לאנד איז זיי אויך דאס לעבן ניט אנגעקומען גרינג און לונגען־קראנקייט האט זיך גענומען צווישן זיי פארשפרייטן. האט די ארגאניזאציע „עזרה״ אויפגעבויט א שיינע סאנאטאריע פאר לונגען־קראנקע, וואו די פאציענטן ווערן געהיילט און זייער גוט באהאנדלט. די סאנאטאריע, וואס איז נאך גאר א יונגע אינסטיטוציע, איז שוין היינט געווארן דער שטאלץ ניט נאר פון סאן־פאולא, נאר פון גאנץ בראזיליע. ווען איך האב באזוכט די סאנאטאריע, וואס געפינט זיך אין גאנצן 70 מייל פון סאן־פאולא, האב איך באוואונדערט דעם גרויסן פארנעם און גרויסן אויפטו.

די סאנאטאריע איז אויפגעשטעלט אין א וואונדער־שיינער געגנט, איינגעטונקט אין סאסנע־וועלדער, אין א מילדן אבער וואר־רעמען קלימאט. די פאציענטן פילן זיך אין דער סאנאטאריע ווי ביי זיך אין דער היים. אפילו אזעלכע רעגירונגס־באאמטע, וואס באציען זיך צו יידישע אינסטיטוציעס מיט ווייניק באגייסטערונג, באטראכטן די סאנאטאריע פאר א גרויסן אויפטו.

די מענטשן וואס זיינען זיך מתעסק מיט דער סאנאטאריע, די יידישע טוערס פון דער „עזרה״, ארבעטן מיט דער גרעסטער

ענערגיע און באַגייסטערונג די סאַנאַטאָריע צו מאַכן אַלץ שענער און בעסער. און אַרבעט פאַר דער סאַנאַטאָריע איז דאָ אַ סך, ווייל דער אַנשטאַלט דאַרף אויסגעהאַלטן ווערן פון פּריוואַטע בייזשטייע־רונגען, וואָס מ׳דאַרף זאַמלען צווישן דער יידישער באַפעלקערונג.

***

דער יידישער ישוב אין סאַן־פּאַולאַ איז פאַרהעלטניסמעסיק אַ יונגער, און מען האַלט דאָרטן אין איין בויען נייטיקע אינסטי־טוציעס.

גראָד אין דער וואָך ווען איך בין געקומען קיין סאַן־פּאַולאָ האָט מען געפּראַוועט דעם חנוכת־הבית פון אַ נייער היים פאַר אַלטע לייט — דעם מושב־זקנים. איך האָב שוין געזען שיינע גע־זעלשאַפטלעכע געביידעס און באַקוועם־איינגעאָרדנטע מושב־זקנים אין אַ גאַנצער ריי שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אַזוי פיל באַקוועמלעכקייטן ווי עס האָט דער מושב־זקנים אין סאַן־פּאַולאָ, האָב איך אין ערגעץ ניט געזען. אמת, דאָס דערקלערט זיך טייל־ווייז מיט דעם וואָס לאַנד איז דאָרט ביליק און אויך די בוי־אַרבעט איז ניט טייער, דאָך וואונדערט איר זיך איבער דעם פּראַכט און גלאַנץ מיט וועלכע דער מושב־זקנים איז איינגעאָרדנט געוואָרן. אַזוי האָט געקענט בויען אַ מיליאָנער פאַר זיך אַ שלאָס אָדער אַ פּאַלאַץ צו פאַרברענגען די געבליבענע יאָרן פון לעבן אין רייכקייט און באַקוועמלעכקייט. די מענטשן וואָס האָבן געבויט די אינ־סטיטוציע האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שוועריקייטן. זיי האָבן אַריינגעצויגן די גרעסטע צאָל יידן פון שטאָט צו בייזשטייערן פאַרן מושב־זקנים. עטלעכע טעג האָט אָנגעהאַלטן די ערעפענונג־שמחה פון דעם מושב־זקנים און עס איז באמת אין שטאָט געווען אַ פאָלקס יום־טוב.

***

אין סאַן־פּאַולאָ געפינען זיך צוויי יידישע קינדער־היימען. איין קינדערהיים ווערט אויפגעהאַלטן טיילווייז פון דער דזשאָינט דיס־טריביושאָן קאָמיטע. דאָרטן געפינען זיך קינדער פון אימיגראַנטן־פּליטים, אַ געוויסע צאָל קינדער יתומים וואָס זייערע עלטערן זיי־נען געשטאָרבן אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי זיי זיינען געקומען

קיין בראַזיליע. די מערסטע יתומים פון יענער קינדערהיים זיינען אַלע קרבנות פון היטלעריזם. די איבעריקע זיינען קינדער פון עלטערן, וואָס האָבן זיך ניט געקענט איינאָרדענען אין לאַנד און לעבן אין אָרעמקייט און נויט. דערפאַר וואָס די קינדערהיים ווערט אויפגעהאַלטן אויף די מיטלען פון „דזשאָינט" און דאַרף צו דער שטאָט נאָך הילף ניט אָנקומען, ווייס די יידישע באַפעלקערונג זייער ווייניק פון יענער וויכטיקער יידישער אינסטיטוציע. דאָס איז אַן אינסטיטוציע וואָס ראַטעוועט אַ סך קינדער פון נויט און אומגליק. איך האָב געזען מיט וואָס פאַר אַ צאַרטקייט די דערציערין און אַלע אירע געהילפן האָדעווען די קינדער. איך האָב געזען מאַמעס בלאַסע, אָפּגעצערטע, אָרעמע, וואָס זיינען געקומען די קינדער באַזוכן. איך האָב געהערט מיט וויפל דאַנקבאַרקייט אַלע רעדן וועגן „דזשאָינט" וואָס העלפט אויסהאַלטן די היים.

אַ צווייטע קינדערהיים, וואָס איז געבויט געוואָרן אַ סך פריער ווי די קינדערהיים פון „דזשאָינט", איז אַן אַנשטאַלט פאַר קינדער פון עלטערן, וואָס זיינען ניט קיין דירעקטע קרבנות פון היטלעריזם. יענע קינדערהיים געפינט זיך אין הארץ פון יידישן קוואַרטאַל, אין אַ שיינער געביידע מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. די קינדערהיים ווערט אויסגעהאַלטן פון אַ יידישער פרויען־אָרגאַניזאַציע. די וואָס אַרבעטן פאַר דער קינדערהיים באַקלאָגן זיך זייער שטאַרק אויף דער יידישער באַפעלקערונג וואָס זי רופט זיך ניט אָפּ אין דער געהעריקער מאָס מיט גרעסערע ביישטייערונגען, כדי מע זאָל קענען די היים פאַרגרעסערן און פאַרבעסערן. אָבער אויף דעם קלאָגן זיך אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס מוזן אויפגעהאַלטן ווערן פון פרייוויליקע ביישטייערונגען. ביי די בויערס און פאַרוואַלטערס פון אַזעלכע אינסטיטוציעס איז אַלע מאָל דער פאַרלאַנג צו טאָן גוטע אַרבעט אַ גרעסערע, ווי עס איז דער ווילן ביים עולם צו געבן ביישטייערונגען.

ביידע קינדערהיימען זיינען וויכטיקע אַנשטאַלטן אין דעם יידישן לעבן פון סאַן־פּאַולאָ.

צענטער פון דייטשישע יידן

אין די לעצטע יאָרן איז קיין דרום־אַמעריקע אָריינגעקומען אַ גרעסערע צאָל יידישע אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד. די פריערדיקע יידישע אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד זיינען געווען קליין אין צאָל און האָבן געלעבט אָפּגעזונדערט. זיי האָבן זיך ווייניק געחברט מיט די רוסישע, פּוילישע און רומענישע יידן. זייער אַמביציע איז געווען צונויפצושמעלצן זיך מיט דעם בראַזיליאַנישן לעבן. אַנדערש איז דאָס לעבן פון די איצטיקע יידישע אימיגראַנטן פון דייטשלאַנד. זיי זיינען אַרויסגעטריבענע פון זייערע אַלטע היימען, אַ גרויסער טייל פון זיי אָן מיטלען צום לעבן, און זיי זיינען פול מיט שרעק פאַר דער גויאישער וועלט.

אַ סך קענען זיך וואונדערן פאַר וואָס זיי מאַכן אַפילו איצט „שבת פאַר זיך", פאַר וואָס אַפילו איצט זיינען זיי אָפּגעזונדערט פון די מזרח־יידן; פאַר וואָס זיי האָבן ניט געקענט אַריינקומען אין דעם שוין פאַראַנענעם אָרגאַניזירטן לעבן פון די רוסישע, פּוילישע און רומענישע יידן אין בראַזיליע. מע מוז אָבער דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז די דייטשישע יידן און די מזרח־יידן האָבן געלעבט אין צוויי באַזונדערע וועלטן; ביי זיי, ביי די דייטשישע יידן, האָט זיך אויסגעבילדעט אַ באַזונדערער לעבנסשטייגער און זיי זיינען טאַקע אַ היפּש ביסל אַנדערש פון די מזרח־יידן. דעם מזרח־יידן איז שווער צו פאַרשטיין דעם דייטשישן יידן און — פאַרקערט. עס וועט געדויערן אַ היפּשע צייט ביז וואַנען די צוויי טיפּן יידן וועלן זיך דערנעענטערן און פאַרשטיין איינע די אַנדערע. ס'איז דעריבער נאַטירלעך וואָס די דייטשישע יידן האָבן אויפגעבויט אַן אייגענעם צענטער.

מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכן זייער שול און איך האָב באמת זיך געוואונדערט, וואָס אין אַזאַ קורצער צייט האָבן זיי באַוויזן זי צו פאַרוואַנדלען אין אַ צענטער פאַר יונג און אַלט, פאַר רעליגיעזע אַזוי גוט ווי פאַר פריידענקערס.

דער צענטער געפינט זיך אויף אַ שטילער, זייטיקער גאַס אין

סאַן־פּאַולאָ. די הויז איז אַן איינפאַכע, אָן גלאַנץ, אָבער אינע־וויניק איז איינגעאָרדנט אַלץ זייער באַקוועם. דער גרויסער זאַל פון דעם צענטער ווערט פּריוויטיק און שבת באַנוצט אַלס אַ שול און רעליגיעזע יידן קומען אַהין דאַוונען. אין מיטן דער וואָך ווערן דאָרט אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען און עס ווערן געגעבן לעקציעס, קלאַסן פאַר דערוואַקסענע, און אַזוי ווייטער. דער צוועק פון דער גאַנצער טעטיקייט איז צו באַקאַנען די ניי־אַריבערגעקומענע אי־מיגראַנטן מיטן גייסט און כאַראַקטער פון לאַנד כדי זיי זאָלן זיך פילן אין זייער נייער היים בעסער און אָנגענעמער. אין אַ באַזונדער קליינער געביידע געפינט זיך אַ קליינינקער מוזיי און אַ גרויסע ביבליאָטעק. פון דער ביבליאָטעק ווערן אַרויסגעגעבן מאָנאַטלעך צוויי טויזנט ביכער צו לייענען; ביכער אין פאַרשיידענע שפּראַכן, מערסטע ביכער זיינען אין דייטש, ענגליש און פּאָרטוגעזיש. איינגע־אָרדנט איז די ביליאָטעק סיסטעמאַטיש, פּינקטלעך. ביי דער ביב־ליאָטעק געפינט זיך אַ קליינינקער מוזיי. אָרעם איז דער מוזיי אין אויסזען, אָבער זייער רייך אין יידישע צרות. דאָרטן זיינען אַריינ־געשטעלט געוואָרן יידישע הייליקייטן, וואָס ס'איז געלונגען צו ראַטעווען צוזאַמען מיטן אייגענעם נפש.

אָט שטייט אַ קליינינקע ספר־תורהלע, וואָס איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַ פּאָגראָמירטער יידישער שול אין דייטשלאַנד. אָט איז אַ האַלבער שיין־אויסגעטאַקטער פּוס פון אַן אָרון־קודש פון אַ פאַרברענטער יידישער שול, וועלכע איז אונטערגעצונדן געוואָרן בעת דעם גרויסן פּאָגראָם אין גאַנץ דייטשלאַנד, דעם 10טן נאָ־וועמבער 1938. געפירט אָט דאָס שטיקל פּוס האָט אַן אַלטער מינכע־נער ייד, וואָס איז אויף מאָרגן נאָכן פּאָגראָם געגאַנגען זוכן צווישן די חורבות עפּעס וואָס מ'קען באַהאַלטן פאַר אַן אָנדענק פון דער גרויסער מינכענער שול. ער האָט דאָס שטיקל פּוס פון אָרון־קודש געפונען און האָט עס געפירט איבער לענדער און איבער ימים ביז וואַנען ער האָט עס געבראַכט קיין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיליע.

דער פאַרוואַלטער פון מוזיי האָט מיר דערציילט, אַז דער אַל־טינקער באַזוכט אָפט דעם מוזיי אַכטונג צו געבן, אַז דאָס שטיקל דערינערונג פון זיין אַלטער היים, פון זיין מקום־קדוש, זאָל שטיין אויפן זעלבן אָרט און זאָל ווי געהעריק אָפּגעהיט ווערן. דער מוזיי איז אַ פּיינלעכע דערמאָנונג אָן דעם גרויסן יידישן חורבן אין דייטשלאַנד.

יידישע קינדער-שולן אין סאַן-פּאַאָלאָ

דריי יידישע קינדער-שולן זיינען דאָ אין דער שטאָט סאַן-פּאַאָלאָ, בראַזיליע, עס לערנען זיך אין די שולן אַ זיבן הונדערט קינדער. די שולן זיינען דריי-שפּראַכיקע. די הויפּט-שפּראַך איז פּאָרטוגעזיש, אויף וועלכער עס ווערן געלערנט אַלע קעגנשטאַנדן, לויט דער לערן-פּראָגראַם פון דער רעגירונג, מיט לע-רערס באַשטימט פון דער רעגירונג. די יידישע באַפעלקערונג אַליין צאָלט פאַר די לערערס. דערנאָך ווערט געלערנט יידיש און העברע-איש. צוויי פון די שולן זיינען מאָדערנע תלמוד-תורות, גוט אויסגע-שטעלט. פאַר העברעאיש און יידיש ווערט אוועקגעגעבן אַ גלייכע צאָל שעהן. די פירער פון די תלמוד-תורות זיינען ציוניסטן און עס איז נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן צו העברעאיש אַרויסווייזן אַ גרעסערע ליב-שאַפט. צווישן די לערערס זיינען דאָ מער העברעאיסטן ווי יידי-שיסטן. דאָך גיבן די לערערס אַליין צו, אַז יידיש קענען די קינדער בעסער ווי העברעאיש, ווייל יידיש רעדט מען יעדן טאָג אין שטוב און העברעאיש לערנט מען נאָר אין שול. ווען איך בין געווען אין די קלאַסן, האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק דאָס פליסיקע יידיש וואָס די קינדער רעדן. די לערערס האָבן מיר געוואָלט באַ-ווייזן אין קלאַס, אַז די קינדער רעדן פליסיק ביידע שפּראַכן, סיי העברעאיש, סיי יידיש. זיי האָבן געבעטן די קינדער רעדן אין העברעאיש און איבערזעצן אין יידיש און פאַרקערט. איז טאַקע איבערזעצן פון העברעאיש אויף יידיש זיי געווען אַ סך גרינגער ווי דאָס איבערזעצן פון יידיש אויף העברעאיש.

די קינדער גייען אין די שולן פון 8 אין דער פרי ביז 3 נאָך מיטאָג. די לערערס טוען אַלץ וואָס איז נאָר מיגלעך אַז די קינדער זאָלן איינזאַפּן אין זיך ביידע יידישע שפּראַכן — העב-רעאיש און יידיש. דאָך איז די שפּראַך פון לאַנד, פּאָרטוגעזיש, אַ מעכטיקער קאָנקורענט סיי פון יידיש, סיי פון העברעאיש. ווען די קינדער פאַרענדיקן די שול און דאַרפן גיין אין אַ העכערן לערן-אַנשטאַלט, אָדער אפילו ווען זיי זעצן ניט פאַר וייטער זייער ביל-דונג, בלייבן זיי מער פאַרבונדן מיט דער פּאָרטוגעזישער שפּראַך ווי מיט דער יידישער אָדער העברעאישער.

ציוניזם, דער „דזשאָינט" און דער „יידישער וועלט-קאָנגרעס" אין בראַזיליע

דער שטאַרקסטער יידישער סענטימענט אין בראַזיליע און בכלל אין דרום-אַמעריקע איז דער ציוניסטישער. כאָטש די ציוניסטישע פּאַרטיי אין בראַזיליע איז אַ שוואַכע און באַשטייט פון קליינע גרופּקעלעך, איז אָבער דאָך דער סענטימענט פאַרן ציוניזם ביים עולם אַ גאַנץ גרויסער. דאָס מיינט ניט אַז די יידישע באַפעלקערונג אין בראַזיליע אינטערעסירט זיך ניט מיט דער לאַגע פון די יידן אין אַלגעמיין און מיט יידישע פּראָבלעמען אין דער גאַנצער וועלט. מ׳קען זאָגן, אַז אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט דעם יידישן לעבן אין אַלע לענדער, אינטערעסירט די יידן פון בראַזיליע, אָבער דער סענטימענט פאַר פּאַלעסטינע איז דאָך דער שטאַרקסטער.

אין סאַן-פּאַאָלאָ איז ביז איצט געווען איין יידישע צייטונג, אין גייסט אַ ציוניסטישע; און כאָטש דער רעדאַקטאָר האָט אויך אַליין אַ גרויס אינטערעס פאַר אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין די לענדער וואו יידן וואוינען, איז אָבער די צייטונג געווען צו קליין און צו אָרעם, אַז אין איר זאָל זיך קענען אָפּשפּיגלען ווי געהעריק דאָס גאַנצע יידישע לעבן. דער איינפלוס פון יענער צייטונג איז דערפאַר געווען אַ ציוניסטישער.

די געסט פון אייראָפּע, אָדער פון צפון-אַמעריקע, וואָס האָבן באַזוכט בראַזיליע, זיינען געקומען זאַמלען געלט פאַר טעטיקייטן אין פּאַלעסטינע, און עס איז דערפאַר נאַטירלעך, אַז זיי האָבן די יידן פון בראַזיליע אינפאָרמירט מער וועגן פּאַלעסטינע ווי וועגן דעם יידישן לעבן אין אַנדערע לענדער. ווען עס קומט אַמאָל אַ גאַסט און רעדט אויך וועגן יידישן לעבן אין אַנדערע לענדער אויסער ארץ-ישראל, איז דאָס פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין בראַזיליע אַ נייס און אַ דערפרישונג און זיי נעמען אים אויף מיט

דער גרעסטער ווארעמקייט און מיטן גרעסטן אינטערעס. די וואַכן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין סאַן-פּאַאָלאָ, זיינען געווען אַ לעבע-דיקער ביישפּיל דערפון.

דער „דזשאָינט" און די גרויסע הילפאַרבעט פון „דזשאָינט" זיינען דאָרטן זייער פּאָפּולער.

די פאַרטרעטערס פון „יידישן וועלט-קאָנגרעס", וועלכע זיינען זייער אָפטע געסט אין דרום-אַמעריקע, שטעלן זיך פאַר גאָרנישט אָפּ קליין און נישטיק צו מאַכן די אַרבעט פון „דזשאָינט".

זיי, — די פאַרטרעטערס פון „יידישן וועלט-קאָנגרעס", — פאַרשפּרייטן קלאַנגען, ניט שטילערהייט נאָר עפנטלעך, אַז אין יאָר 1940 האָט דער „דזשאָינט" זיין הילפאַרבעט אין איידאָפּע ליקווידירט. דאָך האָט זיך די פאַלשע פּראָפּאַגאַנדע קעגן „דזשאָינט" צו דער יידישער באַפעלקערונג ניט צוגעקלעפּט. אין יאָר 1940 האָט דער „יידישער וועלט-קאָנגרעס" אָנגעפירט אין גאַנץ בראַזיליע אַ קאַמפּאַניע צו זאַמלען געלט. די קאַמפּאַניע איז געפירט געוואָרן אַ גאַנץ יאָר און עס איז געזאַמלט געוואָרן די סומע פון פינף און פערציק טויזנט דאָלאַר. מיר אַליין ווידער איז אויס-געקומען צו פירן פאַרן „דזשאָינט" אַ קאַמפּאַניע אין איין שטאָט, אין סאַן-פּאַאָלאָ, וואו איך האָב פאַרבראַכט ניט מער ווי פינף וואָכן, און אין דער שטאָט אַליין איז פאַרן „דזשאָינט" געשאַפן גע-וואָרן פופציק טויזנט דאָלאַר. עס איז ניט איבערגעטריבן, אַז ווען דער „דזשאָינט" וואָלט געווען טעטיק אין בראַזיליע, וואָלט ער געקענט שאַפן פאַר די מלחמה-ליידנדיקע צום ווינציקסטן פון הונדערט ביז הונדערט און פופציק טויזנט דאָלאַר. דאָס איז דער-פאַר וואָס די יידן פון בראַזיליע האָבן אַ גרויסן אינטערעס אין דער הילפאַרבעט פאַר די יידן אין אַלע לענדער.

זיי האָבן אַ באַזונדערס גרויסן אינטערעס אין דעם יידישן לעבן פון צפון-אַמעריקע. מיט גרויס חשק הערן זיי אויס אַלץ וואָס מע דערציילט וועגן דעם יידישן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ס'איז ווי מען וואָלט עמעצן דערציילט וועגן די אויפטוען פון זיינעם אַן עלטערן ברודער, צו וועלכן ער פילט אַ ליב-שאַפט און האָט דערביי אַ היפּש ביסל רעספּעקט און צוטרוי צו אים.

די יידישע צייטונגען זיינען פאַרמאַכט געוואָרן אין קאַמף קעגן די נאַציס

אין גאַנץ בראַזיליע גייען אַרויס דריי יידישע צייטונגען: אַ וואָכנבלאַט און אַ טעגלעכע צייטונג אין ריאָ־די־זשענעראָ. די צייטונגען זיינען ניט קיין רייכע, כמעט אַן אייגענע מיטאַרבעטער. יעדע צייטונג האָט בלויז אַ רעדאַקטאָר. די אַרטיקלען, וואָס ווערן אין די צייטונגען געדרוקט, ווערן אַרויסגענומען פון די ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען און עס איז איינגעטיילט געוואָרן אַזוי: איין צייטונג דרוקט די אַרטיקלען פון „מאָרגן־זשורנאַל", אַ צווייטע דרוקט איבער די אַרטיקלען פון „פאָרווערטס". די וועכנטלעכע צייטונג דרוקט איבער אַן אַרטיקל פון „טאָג". לויט דעם נייעם געזעץ אין בראַזיליע דאַרפן אַלע „פרעמד־שפּראַכיקע" צייטונגען דעם ערשטן נאָוועמבער פאַרמאַכט ווערן. עס וועלן אין בראַזיליע קענען אַרויסגיין נאָר צייטונגען אין דער לאַנד־שפּראַך, אין פּאָרטוגעזיש. דאָס געזעץ איז אָנגענומען געוואָרן, כדי צו שטערן דער וויים־פאַרשפּרייטער פאַשיסטיש־נאַציסטישער פּראָפּאַגאַנדע אין לאַנד. און אַזוי ווי בראַזיליע שפּילט נאָך די ראָלע פון אַ נייטראַלן לאַנד, ווייל זי ניט אָפּשטעלן נאָר די צייטונגען אין דייטש און אין איטאַליעניש, דעריבער פאַרמאַכט זי די צייטונגען אין אַלע שפּראַכן אויסער איר אייגענער שפּראַך, די פּאָרטוגעזישע. אויף וויפל דאָס וועט טרעפן דעם פאַשיזם און די פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע איז שווער צו זאָגן, ווייל היטלער און מוסאָליני פירן די פּראָפּאַגאַנדע הויפּטזעכלעך צווישן געבאָרענע בראַזיליאַנער און זיי גיבן אַרויס און וועלן איצט אפשר אַרויסגעבן נאָך מער פאַשיסטישע צייטונגען אין פּאָרטוגעזיש. די דייטשן און איטאַליענער האָבן גענוג וועגן און מיטלען ווי אַזוי זייער פּראָפּאַגאַנדע אָנצופירן אויך אין דער פּאָרטוגעזישער שפּראַך. צום שטאַרקסטן האָט דאָס נייע געזעץ געטראָפן די יידישע באַפעלקע־

רונג. אויב די יידישע צייטונגען ווערן פאַרמאַכט, מיינט עס, אַז די ייִדן אין בראַזיליע בלייבן אָפּגעריסן פון דעם יידישן לעבן אין גאָר דער וועלט. די יידישע צייטונגען זיינען פאַר זיי געווען דער איינציקער קוואַל פון יידישע נייס און יידישער אינפאָרמאַציע אין אַלגעמיין. דער פאַרלוסט איז דערפאַר זייער אַ גרויסער.

אין בראַזיליע, ווי אין אַרגענטינע, טאָר מען עפנטלעך ניט רעדן קיין אַנדער שפּראַך אויסער דער שפּראַך פון לאַנד. דאָס האָט פאַקטיש שטום געמאַכט די יידישע באַפעלקערונג אין די צוויי דרום־אַמעריקאַנער לענדער.

ריאָ-די-זשענעראָ

ווען דער וואונדערבאַר-שיינער שטאָט ריאָ-די-זשענעראָ האָב איך אַ סך געהערט, איך האָב אויך געלייענט באַשרייבונגען וועגן איר. בילדער פון אָט דער שענסטער שטאָט אויף דער וועלט, די הויפּטשטאָט פון בראַזיליע, האָב איך אויך געזען אין די מואווים.

ווען אונדזער „קליפּער" האָט גענומען זיך דערנענטערן צו אָט דער וואונדערבאַרער שטאָט, האָבן אַלע פּאַסאַזשירן גענומען קוקן אין די פענצטער, פאַרכאַפּט פון דער שיינקייט פון ים אַרום דער שטאָט און פון די קליינינקע פּרעכטיקע שיינע אינדזלען וואָס ליגן אין ים, לעבן ריאָ-די-זשענעראָ.

צו ריאָ-די-זשענעראָ איז דער „קליפּער" צוגעפלויגן שפּעט נאָך מיטאָג. ער האָט זיך אָבער ניט באַלד, ווי דאָס פירט זיך געוויינ-לעך, אַראָפּגעלאָזן. ער איז עטלעכע מאָל אַרומגעפאָרן אַרום דער שטאָט מיט אירע שפּיציקע בערג און אינדזלען, כדי די פּאַסאַזשירן זאָלן וואָס מער און לענגער קענען אָנזאָפּן די אַרומיקע שיינקייט. געפלויגן איז דער „קליפּער" אַזוי נידעריק, אַזוי לאַנגזאַם, אַז אונדז האָט זיך געדוכט, אַז מיר קענען די שפּיצן פון די הייזער מיט דער האַנט דערלאַנגען.

די זון האָט זיך שוין גענומען פאַרקייקלען, דער הימל איז געווען אויסגעמאָלן מיט רויטע, ברענענדיקע, און ליכטיק-בלויע פּאַסן. מיר זיינען אַלע מיט גרויס נייגיר און באַצויבערטע געזעסן און געקוקט אויף דער וואונדערבאַרער פּאַנאָראַמע וואָס האָט זיך פאַר אונדז פונאַנדערגעוויקלט.

אויף די פאַרשיידענע רייזעס וואָס איך האָב אין מיין לעבן דורכגעמאַכט, בין איך געווען אין גענוג ערטער וואָס זיי ווערן פאַר-

רעכנט אַלס די נאַטור-וואונדער פון דער וועלט. איך מוז זיך מודה זיין, אַז אַ סך אַזעלכע ערטער האָבן אויף מיר קיין גרויסן איינדרוק ניט געמאַכט. אָפט פלעג איך אין אַזוינע פאַלן צו זיך זאָגן: „ווי די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קען איבערטרייבן!" אַנדערש האָב איך מיר אָבער געפילט ווען איך בין צוגעפאָרן צו דער שטאָט ריאָ-די-זשענעראָ. קוקנדיק אויף אירע שיינקייטן האָב איך געטראַכט, אַז עס זיינען דאָ גאָטס ווינקעלעך אויף דער ערד, וועלכע ניט די פען פון שרייבערס, ניט דער פענדזל פון קינסטלערס קענען זיי גענוג אָפּמאָלן, אַזוי פאַרבן-רייך, אַזוי וואונדערבאַר האָט אין מיינע אויגן אויסגעזען די פאַנאָראַמע פון ריאָ-די-זשענעראָ, וואָס איך האָב געזען דורך דעם פענצטער פון „קליפער".

אַ בראַזיליאַנער לאַנדשאַפט

יאָכקע, די שניידערקע

דער „קליפּער" לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ גרויסן פעלד, וועלכער איז אַ קינסטלעך אויפגעבויטער אינדזל, לעבן ברעג פון ים, אין דער שטאָט ריאָ־די־זשענעראָ.

די פּאַסאַזשירן הייבן אָן אַרויסצוגיין, און איך באַמערק פון דער ווייטן אַ פּנים פון עפּעס אַ באַקאַנטער פרוי. איך לאָז זיך גיין אין דער ריכטונג פון דער פרוי און ווען איך קום צו גאָר נאָענט, דערקען איך מיין אַלטע באַקאַנטע, יאָכקע פון מינסק. זי שטייט מיט איינער פון אירע טעכטער, רבקה, און איר מאַן. זי איז געקומען מיך באַגעגענען. מיר כאַפּן זיך אַרום און קושן זיך פון גרויס פרייד. אָבער, טראַכט איך, ווי אַזוי איז די דאָזיקע משפּחה געקומען אַהער, קיין בראַזיליע, און ווי אַזוי האָט זי זיך דערוואוסט, אַז איך דאַרף אָנקומען?

***

אין מינסק האָט אַמאָל געלעבט אַ מצבה־קריצער. ער איז געווען אַ פרומער ייד, אַן אָרעמער ייד. זיין נאָמען, דוכט זיך, איז געווען רב יעקב משה. רב יעקב משה ריפּס. פיר טעכטער האָט ער געהאַט. אַלע שניידערקעס. דריי פון די שוועסטער זיינען געווען אַקטיוו אין „בונד". אין דער בונדישער באַוועגונג פון מינסק האָט מען די מיידלעך רעספּעקטירט און ליב געהאַט. זיי זיינען דורכגעגאַנגען אַ פּאַכשול. פון די שניידערקעס אין „בונד" זיינען זיי געווען פון די געציילטע, וואָס האָבן פאַרמאָגט אַ ביסל רוסישע און יידישע בילדונג. זיי זיינען דער באַוועגונג געווען געטריי און איבערגעגעבן. מיר, די בונדיסטן, פלעגן צו דעם מצבה־קריצער אָפט אַריינגיין אין שטוב. ביי דעם טאַטן זיינען מיר ניט געווען קיין זייער אָנגעלייגטע געסט, ער האָט אויף אונדז געקוקט ווי אויף אפּיקורסים וואָס האָבן זיך ווי „ניט־גוטע" אַריינגעריסן אין זיין הויז. ווען דער טאַטע

פלעגט אונדז דערזען אין שטוב פלעגט ער זיך, אַן אָנגעברוגזטער, אַוועקזעצן אָן אַ זייט, און פלעגט שטיל אַריינקוקן אין אַ ספר.

גאָר אַנדערש האָט זיך צו אונדז באַצויגן די מאַמע. זי האָט מיט די טעכטער געלעבט ווי אַן עלטערע שוועסטער, און די חברים וואָס פלעגן קומען אין שטוב צו די טעכטער, זיינען געווען ביי איר זייער אָנגעלייגטע געסט. יאַכקע איז נאָך דאַן גאָר אַ קינד געווען, אפשר 12 יאָר אַלט, אַ לוסטיקע, אַ פריילעכע. מיר האָבן זי ליב געהאַט.

ס'איז געקומען דער דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רע־וואָלוציע. עס איז געקומען דאָס שווערע אומעטיקע יאָר 1906. אַלץ הייבט אָן גיין באַרג אַראָפּ. די פּאָליציי און די זשאַנדאַרמעריע פירט אין שטאָט דורך גרויסע אַרעסטן. מען אַרעסטירט אַ סך חברים, די איבעריקע פאַרשווינדן פון שטאָט. עס פאַרלאָזן אויך די שטאָט די פיר שוועסטער. יאָרן גייען אַוועק, מען דערווייטערט זיך פון פריינד און באַקאַנטע. דאָך דערמאָנען מיר זיך זייער אָפט אָן די פיר שוועסטער און שטענדיק קומט אויך אויפן זינען זייער שוועס־טערל יאַכקע, דאָס ליבע פריילעכע קינד.

ווען איך בין אין 1928 געפאָרן קיין רוסלאַנד, האָב איך זיך אויפן וועג אָפּגעשטעלט אין בערלין. דאָרטן האָב איך זיך פון אַן אַלטן חבר דערוואוסט, אַז יאַכקע געפינט זיך אין דייטשלאַנד אין דעם שטעטל כמעלניץ, צוויי שעה רייזע פון בערלין. מיט גרויס פרייד האָב איך גענומען דעם ערשטן צוג און בין געפאָרן זען יאַכקען. איך האָב באַגעגנט אַ מאַמע פון צוויי קינדער, צוויי מיידלעך, אין עלטער פון 10 און 12 יאָר. דער טאָג וואָס איך האָב ביי יאַכקען אין הויז פאַרבראַכט אין דעם שטילן, שיינעם דייט־טשישן שטעטל, כמעלניץ, אין דער געזעלשאַפט פון איר מאַן און די צוויי טעכטערלעך, איז געווען איינער פון מיינע זיסע, אָנגענעמע טעג בעת מיין רייזע אין דעם יאָר 1928. אין 1933, ווען היטלער האָט באַהערשט דייטשלאַנד און עס האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע אַכזריותדיקע פאַרפאָלגונגען קעגן יידן, האָב איך געוואָלט אַרויסראַטעווען פון דייטשלאַנד יאַכקען און איר פאַמיליע. איך האָב געשריבן בריוו, געשיקט קייבלס אויף זייער אַלטן אַדרעס און קיין ענטפער ניט געקראָגן. איך האָב זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט יידישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן, אפשר קענען זיי אויסגעפינען

יאַכקען און איר פאַמיליע. פון אומעטום איז געקומען איין ענט־פער: זיי האָבן די שטאָט פאַרלאָזן און קיין שפור ניט איבער־געלאָזן. איך בין געווען זיכער, אַז זיי זיינען שוין לאַנג ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. ווען זיי וואָלטן געלעבט, וואָלטן זיי מיר געשריבן, זיי וואָלטן געבעטן, איך זאָל זיי העלפן. און אָט, מיט אַכט יאָר שפּע־טער, באַגעגענען זיי מיך אויף אַ לופטפּאָרט אין אַ צווייטן טייל פון דער וועלט, אין בראַזיליע. וואָס פאַר אַ שטאַרקע איבער־ראַשונג!

פון לופטפּאָרט זיינען מיר געפאָרן צו יאַכקען אין הויז. ווען מיר האָבן זיך באַרואיקט, איז מיין ערשטע פראַגע געווען, ווי אַזוי זיינען זיי געקומען קיין בראַזיליע. אין יאַכקעס אויגן האָבן זיך טרערן באַוויזן, איר פּנים איז אומעטיק געוואָרן, אַוועק איז די פרייד מיט אונדזער נייער באַגעגעניש און אין אַ שטים פול מיט ציטער און אומעט האָט זי מיר דערציילט:

— דרייצן יאָר האָבן מיר געלעבט אין כמעלניץ, דאָרט זיינען מיינע צוויי קינדער געבאָרן געוואָרן, דאָרטן זיינען זיי אין שול גע־גענאַנגען. די פריינד און שכנים זיינען עכטע דייטשן געווען. כמעלניץ איז אַן אינדוסטריעלע שטאָט מיט אַ שטאַרק אָרגאַניזיר־טער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָרט האָב איך, זאָגט יאַכקע, פאַרגע־זעצט מיין אַמאָליקן לעבן פון מינסק. איך בין געגאַנגען אויף אַר־בעטער־פאַרזאַמלונגען, צו אַרבעטער יום־טובים. דייטשישע אַרבע־טער זיינען געקומען צו אונדז אין שטוב, מיר זיינען געגאַנגען צו זיי. מיר זיינען געווען באַפריינדט מיט אַלעמען, אַלע האָבן אונדז רעספּעקטירט. און אָט איז געקומען אונדזער אַלעמענס אומגליק! היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. די שכנים, אָנגעשראָקענע, האָבן אָנגעהויבן מורא האָבן צו באַגעגענען זיך מיט די וואָס מען האָט דערקלערט פאַר די שונאים פון דייטשלאַנד, מיט די יידן.

מען האָט אויך אָנגעהויבן מורא האָבן מיט אונדז זיך צו באַגעגענען. ווען איך בין אַרויס אין גאַס, האָבן מיך אַלע אויסגע־מיטן, די שול איז פאַר די קינדער געוואָרן אַ גיהנום. די חברים און חברטעס האָבן זיך פון מיינע קינדער געגומען אָפּזונדערן, מיט זיי אויף איין באַנק האָבן זיי ניט געוואָלט זיצן. די קינדער פלעגן קומען אַהיים דערשראָקענע, פאַרוויינטע. זיי האָבן אויפגעהערט אין שול צו גיין.

פלעג איך אַריינגיין אין אַ געשעפט עפּעס קויפן, איז אין דער ערשטער צייט פלעגט מען מיר פאַרקויפן, אָבער איך האָב גאָר אין גיכן דערפילט אַז איך בין ניט קיין אַנגעלייגטער גאַסט. אַרויסגיין אין גאַס, גיין אין אַ געשעפט עפּעס קויפן איז געוואָרן ביטער שווער. עס זיינען געווען טעג ווען מיר האָבן געהונגערט אַבי אין גאַס ניט אַרויסצוגיין.

די לופט אַרום אונדז איז געוואָרן שטיקנדיקער און שטיקנדי־קער. מיר האָבן דערפילט אַז מיר גייען אונטער.

איין מאָל איז צו אונדז אין שטוב, שפּעט ביי נאַכט, געקומען אַ חבר, אַ ליבער האַרציקער מענטש, אַ דייטש. ער איז אַלע מאָל געווען אַן אָפטער אַריינגייער צו אונדז. איך בין געקומען, זאָגט ער, אייך ראָטן איר זאָלט פון דער שטאָט אַוועקפאָרן. די שטימונג קעגן יידן ווערט דאָ אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, פאָרט אַוועק פון דאַנען, ראַטעוועט זיך וואָס גיכער. מיר האָבן באַשלאָסן אים צו פאָלגן. מיר האָבן אַלץ איבערגעלאָזן אויף הפקר, אַפילו די טיר ניט פאַרשלאָסן. געפאָרן זיינען מיר צו דער טשעכישער גרענעץ. צו אונדזער גליק זיינען מיר דורכגעפאָרן די גרענעץ און אַנגעקומען קיין פּראָג. מיר האָבן זיך דאָרט איינגעאָרדנט, געאַרבעט, פאַר־דינט. מיר האָבן שוין גענומען פאַרגעסן די פינצטערע טעג און חדשים אונטער דעם היטלער־רעזשים. מיר האָבן געהאָפט אַז מיר וועלן אין פּראָג דערלעבן דעם טאָג ווען מיר וועלן קענען צוריק קומען קיין דייטשלאַנד. ווי ביטער מיר האָבן זיך אויך אין דעם אָפּגענאַרט.

די פינצטערע היטלער־וואָלקנס האָבן זיך אויך גענומען באַ־ווייזן אויפן הימל פון טשעכיע. אין דער שטאָט פּראָג ווערט אומ־רואיק. האָבן מיר באַשלאָסן ניט צו וואַרטן ביז דער טרויעריקער טאָג וועט קומען און מיר זיינען אַוועק קיין פראַנקרייך. דאָס לעבן אין פראַנקרייך איז שטורעמדיק, מען האָט מורא פאַר אַ נייער קאַ־טאַסטראָפע. האָבן מיר גענומען אַ שיף און געפאָרן קיין אַפריקע. פאַר וואָס קיין אַפריקע? מיר ווייסן אַליין ניט, אפשר נאָר צוליב דעם וואָס אַפריקע איז ווייט פון דער אַנגעשראָקענער אייראָפּע.

שווער איז געווען דער וועג איבער ימים, אָבער מיר האָבן זיך צו אַ ברעג דערשלעפּט. מיר האָבן דערזען אַז אויך דער ברעג,

אַפריקע, איז ניט קיין פריינדלעכער, זיינען מיר געפאָרן ווייטער, און אַזוי זיינען מיר געקומען אין ריאָ־די־זשענעראָ. דערציילן אין איינצלהייטן דעם צער, פיין און שרעק וואָס מיר האָבן דורכגע־מאַכט? אפשר וועל איך דיר דאָס ווען ניט איז דערציילן. מע דאַרף וואַרטן אויף בעסערע צייטן, מיר זאָלן דאָס אַלץ קענען דערציילן אין פרייד. זועט די פרייד ווען ניט איז קומען? ווער ווייס?...

ווען יאַכקע האָט מיר דערציילט פון זייער ביטערער דערפאַ־רונג, האָב איך געטראַכט: וואָס פאַר אַ לאַנגן וועג מיר האָבן דורכ־געמאַכט? דאָס צאַרישע רוסלאַנד, די רעוואָלוציע פון 1905, די ערשטע וועלט־מלחמה. דער צאַריזם אין רוסלאַנד פאַלט, דייטשלאַנד ווערט אַ רעפובליק און נאָך דעם דער רוסישער קאָמוניזם, פאַשיזם, נאַציזם, און איצט... אַ צווייטע וועלט־מלחמה. וויפל מענטשלעך בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן, וויפל מענטשלעכער פיין און ליידן, וויפל וואַנדערונגען פון איין לאַנד אין דעם אַנדערן, איבער ימים און אָקעאַנען! אָך, וואָס פאַר אַ לאַנגער, שווערער און ביטערער וועג!

איך קוק אויף יאַכקען און זע פאַר זיך אויסגעלאָשענע אויגן, איך קוק אויף די צוויי שוין דערוואַקסענע קינדער. אַזאַ ביטערע קינדהייט, אַזאַ שווערע יוגנט, אַזאַ אומבאַשטימטער היינט, און ווער ווייס וואָס עס וועט ברענגען דער מאָרגן?...

עוועניו אַטלאַנטיקאַ

איינע פון די שענסטע גאַסן אין ריאָ־די־זשענעראָ איז די עוועניו אַטלאַנטיקאַ. זי ציט זיך אויף מײלן ביי דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן. פון איין זייט איז דער ים און פון דער צווייטער זייט די שענסטע געביידעס פון שטאָט. די גאַס איז אַ ברייטע, זי איז גאָרניט קיין גאַס, נאָר אַ פּאַרק פון פּאַלמען־ביימער און פאַרשיידענע בלומען, וועלכע מע קען נאָר זען אין אַ טראָפּיש לאַנד. אַפילו די שטענדיקע איינוואוינערס יאָגן זיך אַלע מאָל אין זייערע פרייע מינוטן צו דער עוועניו אַטלאַנטיקאַ, כדי נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איינצוזאַפּן איר שיינקייט.

דער לאַטיין־אַמעריקאַנער איז אַ טומלדיקער מענטש. ער רעדט הויך, מאַכט מיט די הענט. מיר האָט זיך אָבער אַלע מאָל געדוכט, אַז ווען די מענטשן קומען אויף דער עוועניו ווערן זיי מיט אַ מאָל רואיקער. זיי האָבן קיין צייט ניט צווישן זיך צו רעדן, זייערע בליקן זיינען געווענדט צו דער שיינקייט פון ים, צו די אינדזלען און די שפּיציקע בערג און צו די שיינע הייזער וואָס מען האָט דאָרטן אויסגעבויט. אַזאַ עוועניו איז אוממיגלעך צו זען אין אַ וועלכן ניט איז אַנדער לאַנד, אַחוץ בראַזיליע.

אַט די שיינע עוועניו פאַרענדיקט זיך ביי דעם נייעם קוואַרטאַל פון דער שטאָט וועלכער האָט זיך ניט לאַנג צוריק אויסגעבויט. די הייזער אין דעם קוואַרטאַל זיינען די מאָדערנסטע, אמתע פּאַלאַצן, מיט גרויסע באַלקאָנען, מיט גרויסע גערטנער אַרום יעדן הויז.

קאָפּאַ־קאַפּאַנאַ הייסט דער קוואַרטאַל. און ווער, מיינט איר, וואוינט אין אים? ער איז אַ יידישער קוואַרטאַל, דער ירושלים פון ריאָ־די־זשענעראָ. ס׳רוב יידן וואָס וואוינען דאָרטן זיינען ניי־אָריבערגעקומענע דייטשישע יידן וואָס האָבן מיט זיך מיט־

געבראַכט זייערע פּאַרמעגנס. זיי פאַרנעמען זיך מיט גאָרנישט און לעבן פון גרייטן קאַפּיטאַל. אין דעם קוואַרטאַל וואוינען אויך רייכע יידן פון רוסלאַנד און פּוילן, וואָס האָבן זייער רייכקייט דערוואָרבן אין בראַזיליע. ווען אַ יידישער רייזנדער קומט אַריין אין קאַפּאַ־קאַפּאַנאַ, פילט ער זיך ווי אין דער היים. אין די רעסטאָראַנען הערט ער געוויינלעך שפּילן און זינגען נאָר רוסישע און יידישע לידער. די באַלעבאַטים וויסן שוין אַז נאָר די מוזיק פון די צוויי פעלקער קען אויסנעמען ביי זייערע געסט.

צווישן די צוויי עוועניוס, דער עוועניו אַטלאַנטיקאַ און דער קאַפּאַ־קאַפּאַנאַ, שטייען צוויי ריזיקע, שפּיציקע בערג. זיי רופט מען די צוקער־בערג ווייל זיי זעען אויס ווי היטלעך צוקער. זיי ווערן פונאַנדערגעטיילט דורך אַ ים־אויסגוס. אַ ספּעציעלע באַן וואָס הענגט אויף דראָטן און וואָס פאָרט שטענדיק הין און צוריק, פאַרבינדט די צוויי בערג.

איך בין מיט דער באַן אַרויפגעפאָרן אויף די בערג, דאָרטן פאַרבראַכט אַ טאָג און אָפט מאָל פלעג איך בלייבן שטיין פאַרגלי־ווערט ווען איך פלעג קוקן אויף די פאַרבן, אויף די ליניעס וואָס די נאַטור האָט אַליין אויסגעמאָלן אין דעם גן־עדן פון דער ערד.

די גאַנצע שטאָט ריאָ־די־זשענעראָ ליגט ביים ברעג פון אָקעאַן. אָבער אין דער שטאָט גופא פליסן פּרעכטיקע טייכן און אָזערעס. יעדעס ווינקעלע פון שטאָט איז אַ באַזונדער אינדזל, פון איין זייט דאָס וואַסער פון ים און פון די איבעריקע זייטן די טייכן און די אָזערעס.

ס'איז ניט פאַר מיינע פּשוטע כוחות צו באַשרייבן די שיינ־קייט פון דער וואונדערשטאָט. איך האָב נאָר געקענט אין אָרעמע ווערטער איבערגעבן וואָס איך האָב געזען אין ריאָ־די־זשענעראָ אויף יעדן פּלאַץ און אין יעדן ווינקעלע.

די כאָרשול

אין ריאָ־די־זשענעראָ זיינען דאָ פאַרשיידענע שולן. יעדער מנין יידן האָט זיין שול, דאַווענט אויף זיין שטייגער, פירט קהלשע פּאָליטיק לויט זיין אייגענעם נוסח און זיינע אייגענע גרופּן־אינטערעסן.

מיר איז געווען שווער די אַלע שולן צו באַזוכן. מיין צייט האָט מיר דאָס ניט דערלויבט, אָבער דורך אַ צופאַל בין איך געווען אין דער גרויסער כאָרשול.

אין ריאָ־די־זשענעראָ, נאָך מער ווי אין אַנדערע שטעט פון בראַזיליע, קען מען ניט רעדן אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען אין אַן אַנדער שפּראַך אויסער פּאָרטוגעזיש. קלייבן זיך צונויף אין פּריוואַטע היימען אייגענע נאָענטע מענטשן און מע רעדט זיך דורך וועגן געזעלשאַפטלעכע יידישע פּראָבלעמען. דאָס מעג מען. אויך מיר איז אויסגעקומען צו רעדן אין אַ הויז וועגן דער אַרבעט פון „דזשאָינט". איז דאָרטן געווען אַ ראַבאַי. ווען איך האָב אָפּגערעדט, האָט ער מיך געפרעגט צי איך וואָלט געוואָלט פּרייטיק־צו־נאַכט רעדן ביי אים אין שול, ווייל אין אַ רעליגיעזן טעמפּל מעג מען רעדן וועגן רעליגיעזע ענינים אין וועלכער שפּראַך מע וויל. דאָס געזעץ באַשטימט ניט וואָס עס איז אַ רעליגיעזער ענין. איך וועל דאָרטן רעדן וועגן יידישע צרות און דאָס וועט באַטראַכט ווערן ווי אַ רעליגיעזער ענין. איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען.

מען האָט אין ערגעץ ניט אָנאָנסירט, אַז איך וועל אין דער שול רעדן, מען האָט אויך ניט אַרויסגעשיקט קיין בריוו. דורכן טעלעפאָן האָט מען איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן, אַז פּרייטיק אָוונט וועל איך רעדן אין דער שול.

איך קום אַריין אין שול. זי איז אַ שיינע, אַ ליכטיקע. דער חזן שטייט ביים עמוד אין אַ טלית, אויפן קאָפּ אַ הויכע יאַרמעלקע,

מיט פיר גרויסע שפּיצן, לעבן אים זיצט דער ראַבאַי, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן קיטל און אין אַ הויכער יאַרמעלקע מיט אַ קליינעם טליתל אויף זיינע אַקסלען. יידן דאַוונען.

ווען דאָס מתפּלל זיין האָט זיך פאַרענדיקט, האָט זיך אַוועק־געשטעלט דער ראַבאַי און גענומען רעדן פאַרן עולם. ער האָט גערעדט פּאָרטוגעזיש. ער האָט זיי געמאָלדן, אַז דאָ געפינט זיך אַ גאַסט פון ניו־יאָרק פון דער גרעסטער יידישער קהילה. ער האָט מיך אין דעם נאָמען פון אַלע יידן באַגריסט און האָט מיך געבעטן איך זאָל זאָגן דעם עולם אַ פּאָר ווערטער.

איך האָב גערעדט וועגן די יידן אין פּוילן, וואָס זיי לעבן איבער, וועגן היטלערס גרויזאַמקייט, וועגן דעם לעבן פון די יידן אין אַמע־ריקע, וועגן דער הילף וואָס די יידן שאַפן דאָרטן פאַר זייערע אומ־גליקלעכע ברידער אויף יענער זייט ים. גערעדט האָב איך אַן ערך אַ שעה און דריי פערטל. דער עולם איז געזעסן מערקווירדיק רואיק און האָט מיט אינטערעס זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט. 600 יידן זיינען אין שול געווען און ווען איך האָב פאַרענדיקט, גייט צו מיר צו דער ראַבאַי און זאָגט מיר אין אַ שפּאַס: הער כאַנין, שוין עטלעכע יאָר אַז איך בין דער ראַבאַי פון טעמפּל, אַלע פריייטיק־צו־נאַכט קומען אין שול דאַוונען צוויי מנינים יידן, היינט זיינען געקומען אַרום 600. וויפל וואָלט איר געוואָלט שכירות אַ יאָר, אַז איר זאָלט יעדן פרייטיק דאָ רעדן כדי אין שול זאָלן קומען אַזוי פיל מענטשן? אמת, דאָס איז געווען אַ שפּאַס, אָבער אַלע האָבן זיך געוואונדערט אויף דעם באַזוך, אויף דעם אינטערעס צו אַ יידיש וואָרט.

אין שול זיינען געקומען אַלע סאָרטן יידן, פרומע יידן, פריי־געזאָנענע, סאָציאַליסטן. עס איז געווען אַן אינטערעסאַנטע פאַר־זאַמלונג וועלכע איך וועל לאַנג געדענקען.

יידישע אינסטיטוציעס

דער פּאָליקליניק

אין ריאָ־די־זשענעראָ איז דאָ אַ יידישער פּאָליקליניק וועלכער גיט מעדיצינישע הילף צו אַלע יידן וואָס זיינען ניט בכוח אַליין צו באַצאָלן. און ווי רייך די יידישע געמיינדע זאָל ניט זיין, געפינען זיך אויך דאָרטן אַ סך יידישע אָרעמעלייט. קראַנקייטן אין די שטעט זיינען זייער שטאַרק פאַרשפּרייט. די שטאָט ליגט אין אַ טאָל אין גאַנצן אַ פּאָר פוס הויך איבער דער אייבערפלאַך פון ים. אַכט חדשים אַ יאָר איז דאָרטן אַזאַ היץ, אַז עס איז שווער אַ מענטשן דאָס איבערצוטראָגן און פון דעם קומען אַ סך קראַנקייטן. זייער שטאַרק זיינען דאָרטן פאַרשפּרייט, סיי צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג און סיי צווישן די ניי־אָריבערגעקומענע, לונגען־קראַנקייטן. דער פּאָליקליניק איז די באַליבטסטע אינסטיטוציע ביי די יידן פון ריאָ־די־זשענעראָ. ער ווערט באַדייטנד אונטערשטיצט פון דער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע".

ווען איך האָב באַזוכט דעם פּאָלקליניק, דורכגעגאַנגען אַלע צימערן, געזען אַלע מעדיצינישע אינסטרומענטן, באַקאַנט זיך מיט דעם וואָס מע טוט דאָרטן, געזען מיט וואָס פאַר אַ ליבע און איבערגעגעבנהייט די מענטשן אַרבעטן און היטן אָפּ דעם קליניק, האָב איך דערפילט דאָס יידישע האַרץ, די יידישע זאָרג פאַרן קראַנקן און שוואַכן.

דאָס קינדער־הויז

ס'איז צו מיר געקומען אַ קאָמיטעט, אַז איך מוז באַזוכן דאָס יידישע קינדער־הויז אין ריאָ־די־זשענעראָ. איך האָב שוין אין בראַזיליע געזען יידישע קינדערהיימען און האָב ניט געהאַט קיין גרויסן חשק צו פּטרן נאָך אַ טאָג אויף צו זען נאָך אַ קינדערהיים, ווייל מיין צייט



אַ קינדערהיים אין ריאָ־דע־זשענעראָ

איז אין ריאָ זייער און זייער געווען באַגרענעצט. אָבער איך האָב זיך ניט געקענט העלפן און האָב די איינלאַדונג אָנגענומען. נאָך דעם ווי איך האָב אין דעם קינדער־הויז פאַרבראַכט אַ פּאָר שעה, האָט מיך גאָרניט פאַרדראָסן וואָס איך האָב די שיינע יידישע אינסטיטוציע געזען, וואָס איך האָב זיך מיט איר באַקענט.

פאַרשיידענע קינדער געפינען זיך דאָרטן: יתומים, קינדער פון אָרעמע עלטערן ביי וועמען אין שטוב עס פייפט דער דלות, קינדער פון קראַנקע עלטערן וואָס דאַרפן אליין האָבן אַ היים און אויפפּאַסונג.

קוקנדיק אויף די קינדערלעך, אויף זייער וואוקס, אויף זייערע פּנימער, אַריינקוקנדיק אין זייערע שוואַרצע יידישע אייגעלעך, האָב איך געפילט, אַז יעדעם קינד באַזונדער דערציילט מיר מיט זיין אויסזען וואָס פאַר אַן אומגליקלעכע קינדהייט עס האָט געהאַט. איך האָב געזען ווי די אויפפּאַסערס, אַלע פרויען, צערטלען די קינדער. כמעט אַלע אָנגעשטעלטע זיינען יידישע פרויען, דייטשישע פּליטים. עס האָט מיך שוין דעריבער ניט איבערראַשט די אָרדענונג און ריינקייט אין דעם קינדער־הויז. דאָס איז שוין אַ טייל פון דער דייטשישער קולטור. איך האָב אָבער באמת באַוואונדערט די ווייכקייט, די מוטערלעכע צערטלעכקייט מיט וועלכער די דייטשישע יידישע פרוי באַהאַנדלט די קינדער.

מיט דער קינדערהיים פאַרוואַלט אַ פרויען־פאַראיין, יידישע מאַמעס פון פּוילן, רוסלאַנד און אוקראַינע וואָס וואוינען שוין אַ סך יאָרן אין ריאָ־די־זשענעראָ.

די עלטסטע פון זיי איז פרוים ווייסמאַן, אַ פרוי אין עלטער פון 65 יאָר. וואָס פאַר אַ מערקווירדיקע פרוי זי איז! וויפל ענערגיע, וויפל איבערגעגעבנהייט זי פאַרמאָגט! זי טראָגט אויף אירע פּלייצעס די קינדערהיים. מע זאָגט, אַז ווען זי גייט אין גאַס מיידן זי יידן אויס, ווייל מע ווייס, אַז ווען פרוי ווייסמאַן וועט באַגעגענען וועט זי אַרויסרייסן אַ פאָר פעזעס פאַר דער קינדערהיים. יאָ, זי רייסט אַרויס און זי בויט און פאַרבעסערט די קינדערהיים.

גראָד דאַן ווען איך בין געווען אין „ריאָ" האָט די פרוי ווייסמאַן גענומען אויף זיך די זאָרג צו בויען אַ שטענדיקע היים פאַר די קינ־

דער. און מערקווירדיק, די ענערגישע פרוי האָט שוין געפונען דאָס געלט פאַר דעם. אמת, ניט די גאַנצע סומע דערווייל, אָבער זי וועט שוין קריגן דאָס איבעריקע און די קינדער וועלן האָבן אַ פּראַכטפולע געביידע פול מיט ליכט, לופט און זונענשיין.

די פרוי וויסמאַן איז ניט אַליין, זי איז ניט די איינציקע. זי האָט מיט איר מוטערלעכקייט, מיט איר איבערגעגעבנהייט צוגעצויגן אַ סך, אַ סך וואָס העלפן איר אָט די קינדערהיים צו בויען. זאָלן באמת זיין געבענטשט אירע הענט!

די וועלטלעכע קינדער־שולן

עטלעכע יידישע וועלטלעכע שולן זיינען דאָ אין ריאָ־די־זשענעראָ. איין שול וואָס הייסט די גימנאַזיע געפינט זיך אין גאַנצן אונטער דער השפעה פון די ציוניסטן. זי איז אַ דריי־שפּראַכיקע שול — פּאָרטוגעזיש, יידיש און העברעאיש. אין דער שול לערנען זיך אַ 300 קינדער. זי האָט אַן אָפּטיילונג אין אַ צווייטן געגנט פון שטאָט.

איך האָב פאַרבראַכט אין גימנאַזיע אַ גאַנצן טאָג, באַזוכט די קלאַסן, געזעסן זיך מיט די קינדער, גערעדט צו די קינדער, פאַרבראַכט מיט די לערערס און איך האָב דאָרט געהאַט אַ סך פאַרגעניגן. זייערע לימודים זיינען ענלעך צו די לימודים אין די שולן פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין קאַנאַדע.

די צווייטע שול פון אַן אַנדער טיפּ וועלכע איז אַ צוויי־שפּראַ־כיקע — פּאָרטוגעזיש און יידיש — געהערט צו די ניט־ציוניסטישע עלעמענטן פון שטאָט. אין דער שפּיץ פון דער שול שטייען ס׳רוב אַריבערגעקומענע בונדיסטן פון פּוילן. דער פּרינציפּאַל, לערער טאַבאַק, קומט פון ווילנע, וואו ער האָט געלערנט אין די „צישאָ״־שולן. ער איז זייער אַן ענערגישער און פעאיקער, סיי אַלס לערער, סיי אַלס פאַרוואַלטער.

אין דער שול געפינען זיך איבער 200 קינדער.

ווען איך בין געקומען אין שול זיינען אַלע קינדער געווען אויס־געזעצט אויפן גרויסן הויף, וואו עס איז געפירט געוואָרן געזאַנג. אַ זעלטענע קינדער־פּאַנאָראַמע. די קינדער האָבן געוואוסט, אַז איך דאַרף קומען און ווען זיי האָבן מיך דערזען אין דער באַגליי־טונג פון אַ פּאָר חברים איז די קינדערשע פרייד געווען אומבאַ־שרייבלעך. קינדערשע הענטלעך האָבן געפּאַטשט. עס איז געווען דער אויסדרוק פון האַרציקער, קינדערשער קאָלעקטיווער באַגריסונג צו אַ גאַסט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. קינדער האַלטן רעדעס, באַגריסן מיך, דעקלאַמירן, זינגען, און איך רעד צו זיי נאָך דעם אַ פּאָר ווערטער, דערצייל זיי אַזוי קורץ ווי נאָר מיגלעך וועגן אונדזערע שולן אין אַמעריקע און די פאַרזאַמלונג ענדיקט זיך.

מיר גייען אַרויף אין די קלאַסן. ווי ציכטיק, ווי ריין.

די וועלטלעכע שול אין ריאָ־די־זשענעראָ איז באמת איינע פון די בעסטע שולן וואָס איך האָב געזען אויף אַלע מיינע רייזעס, מיט דער אויסנאַם פון דער י. ל. פּרץ־שול אין וויניפּעג.

יאָ, שווער איז די אַרבעט פון די יידישע שולטוערס אין „ריאָ". זיי באַגעגענען זיך מיט די זעלבע שוועריקייטן, זיי האָבן די זעלבע פּראָבלעמען וואָס אַלע יידישע וועלטלעכע שולן האָבן אין אַלע לענ־דער פון דער וועלט, אָבער דאָך איז דער ווינקל אויך דאָרטן אַ האַר־ציקער, אַ וואַרעמער.

די רייכסטע יידישע פאַמיליע אין בראַזיליע

מיט פופציק יאָר צוריק איז צו די ברעגעס פון ריאָ־די־זשענעראָ צוגעפאָרן אַ שיף פון ענגלאַנד. זי האָט מיט זיך געבראַכט אַ יידישע אימיגראַנטן־פאַמיליע, פון ווילנע, מיטן נאָמען קלאַבין. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַ פאָטער, אַ מו־טער און אַ פּאָר קינדער.

דער אַלטער קלאַבין איז אין ווילנע געווען אַ ייד אַ הענדלער. ער האָט געהאַנדלט מיט כלערליי סחורות און געהאַט אַ בידנע חיונה. דער עמיגראַציע־שטראָם פון יענע יאָרן האָט אים אויך פאַרכאַפּט. אין איין שיינעם טאָג האָט ער גענומען ווייב און קינדער און זיך געלאָזט קיין אַמעריקע. ער איז אָבער ניט דערפאָרן. אויפן וועג האָט ער, ווי אַ סך אַנדערע עמיגראַנטן, זיך אָפּגעשטעלט אין לאָנדאָן אין דער האָפענונג אַז מיט דער צייט וועט אים געלינגען זיך צו דערשלאָגן צו די ברעגעס פון דער נייער וועלט — אַמעריקע, צו דער שטאָט ניו־יאָרק.

שווער איז געווען דאָס לעבן אין לאָנדאָן. וועגן אָפּשפּאָרן פון די קליינע פאַרדינסטן אויף אַ שיפסקאַרטע קיין ניו־יאָרק האָט קיין רייד ניט געקענט זיין, אָבער פאַרבלייבן אין לאָנדאָן האָט זיך אים אויך ניט געוואָלט. צו אויסזיכטסלאָז האָט דאָס לעבן דאָרטן אויסגעזען.

צום גליק האָט זיך פאַר דער קלאַבין־פאַמיליע באַוויזן אַ רעט־טער. אַ ייד וואָס איז געפאָרן קיין בראַזיליע איז געווען גרייט אויסצולייגן די שיף־הוצאות ביז ריאָ־די־זשענעראָ. אַז מע וועט קומען אויף אַן אָרט און מע וועט אָנהייבן אַרבעטן — וועט אים די פאַמיליע צוריק אויסצאָלן דאָס אויסגעבאָרגטע געלט. אַזוי איז די אָרעמע יידישע פאַמיליע אָנגעקומען אין דעם וויטן, פאַר זיי אומבאַקאַנטן לאַנד, בראַזיליע.

אַרבעט קריגן איז ניט געווען גרינג. אייגנטלעך אוממיגלעך. ס׳איז געווען שווער עפּעס וואָס צו טאָן, ווען מען איז אָן אַ צונג, ווען מע קען ניט די שפּראַך פון לאַנד. האָט דער פאָטער פון דער פאַמיליע איינגעקויפט שטיקלעך סחורה און זיך געלאָזט גיין פון הויז צו הויז, געקלאַפּט אין טירן, די סחורה צו פאַרקויפן. שפּעטער האָט ער פון ריאָ־די־זשענעראָ זיך אַרויסגעקליבן קיין סאַן־פּאַולאָ.

די שטאָט האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן וואַקסן. האָט דער אַלטער קלאַבין געגומען קויפן שטחים לאַנד מיט דעם ביסל אָפּגעשפּאָרטע פּעזעס פון פּעדלערײַ. דאָס לאַנד איז געווען ביליק און קלאַבין האָט אָנגעקויפט טויזנטער און טויזנטער אַקער.

ווען די שטאָט האָט גענומען וואַקסן און מען האָט געדאַרפט האָבן פרייַ לאַנד צו באַבויען, האָט מען געמוזט אָנקומען צו דעם ייִד און אימיגראַנט קלאַבין. אַזוי איז ער געוואָרן שטיין רייַך.

די פאַמיליע קלאַבין איז זיך צעוואַקסן. משפּחה פון דער אַל־טער היים איז געקומען צום רייַכן ברודער, צום רייַכן קרוב. ער האָט אַלעמען צו זיך צוגעטוליעט, פאַר אַלעמען געשעפטן געעפנט, געשעפטן פון אייזן, זייַד; קוילן־גרובן געעפנט, טראַנספּאָרט־שיפן אויפגעבויט. די קלאַבין־פאַמיליע, מיט אַלע אירע אָפּצווייגונגען, איז געוואָרן די רייַכע אינדוסטריעלע פאַמיליע פון לאַנד. צו איר האָבן אַלע ייִדן און ניט־ייִדן גענומען אַרויפקוקן. מען האָט די מיט־גלידער פון דער פאַמיליע באַטראַכט פאַר די פּעאיקסטע און דער־פאָלגרייכסטע מענטשן. אינדוסטריעלער און פּאָליטיקער זייַנען געגאַנגען זיך לערנען שכל ביי די קלאַבינס. דער אַלטער קלאַבין איז שוין לאַנג געשטאָרבן, אָבער זייַנע זין, איידעמס און שוועס־טערקינדער זייַנען די איצטיקע פאַרוואַלטערס פון גרויסן פאַרמעגן.

די יורשים לעבן ניט פון פּראָצענטן, נאָר זעצן פאָר צו בויען, שאַפן און פּראָדוצירן.

זיי זייַנען אָנגעזען אין די רעגירונגס־קרייזן. ווען בראַזיליע איז געווען אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, און האָט געהאַט אַ פּאַרלאַמענט, איז איינער פון די איידעמס, לאַפער, געווען אַ קאָנגרעסמאַן. ער איז ניט איין מאָל געפאָרן קיין אויסלאַנד אין פינאַנציעלע מיסיעס פאַר דער רעגירונג. אַפילו איצט איז די משפּחה ביי דעם דיקטאַטאָר וואַרגאַ זייער אָנגעזען. מיט אירע מיינונגען אין אינדוסטריעלע און פי־נאַנציעלע פראַגעס מוז מען זיך רעכענען.

זיי, די קלאַבינס, האָבן מיט עטלעכע יאָר צוריק אויפגעבויט די גרעסטע פּאַפּיר-פאַבריק, מיט דער מאָדערנסטער מאַשינעריע, וואָס מען האָט געבראַכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דער פאַבריק אַרבעטן טויזנטער אַרבעטער. אויפגעשטעלט האָט מען זי אין אַ וויסטעניש און היינט האָט זיך דאָרטן אויפגעבויט אַ גאַנצע שטאָט, מיט שיינע מאָדערנע פאַבריק-געביידעס און מיט וואוינונגען פאַר די אַרבעטער.

די קלאַבינס האַלטן זיך אָן אַ זייט פון פּאָליטיק, זיי האָבן מורא צו פיל זיך צו וואַרפן אין די אויגן. זיי שטייען אויך אָן אַ זייט פון יידישן לעבן, ניט ווייל זיי ווילן באַהאַלטן זייער יידישקייט. פונקט ווי אַ סך אַנדערע יידן האַלטן זיי, אַז זיי וועלן פאַר יידן קענען אַ סך מער אויפטאָן אויף אַ שטילן, באַהאַלטענעם אופן. מע דאַרף וויסן ווי און ווען און אויך ביי וועמען, ביי וואָסער פּריץ אָנקלאַפּן אין טיר, כדי שטילערהייט אויסצובעטן אַ טובה און ס'וועט שוין אַלץ גוט ווערן. דאָך, אין די שווערע קריזיס-צייטן, ווען אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם האָבן באַהערשט דאָס לאַנד, ווען יידן האָבן געלעבט אין טויטשרעק, האָבן די קלאַבינס געטאָן אַלץ די געפאַרן צו באַזייטיקן.

די קלאַבין-פאַמיליע איז ניט נאָר אַ רייכע, די רייכסטע אין לאַנד, נאָר אויך זייער אָן אינטערעסאַנטע. קינדער, איידעמס און שניר, וואָס זיינען שוין געבאָרן אין בראַזיליע, לעבן און אָטעמען מיט דער קולטור פון לאַנד. איידעמס — דאָקטוירים, קינסטלער וואָס מען האָט געבראַכט פון אַנדערע לענדער — גיבן צו קאָליר און פאַרב דער משפּחה קלאַבין. אָט דאָס איז די מעשה פון אַ יידישער משפּחה, וואָס איז געקומען קיין בראַזיליע פון די אָרעמע ווילנער געסלעך, פון אַ משפּחה, וואָס איז ניט נאָר אַליין רייך געוואָרן, נאָר האָט אויך דאָס לאַנד , בראַזיליע, וואו זי האָט געפונען אַ היים, רייך געמאַכט און זי אויפגעהויבן אינדוסטריעל אויף אַ העכערער מדרגה.

שמד און געמישטע חתונות

געמישטע חתונות זיינען אין אַלע דרום-אַמעריקאַנער רעפּובליקן אַ דערשיינונג זייער און זייער אַן אָפטע. ניט אין אַלע לענדער פון דרום-אַמעריקע קו-מען זיי פאָר אין דער זעלבער מאָס. דאָרטן, וואו די יידישע באַפעלקערונג איז אַ גרעסערע, זיינען די צאָל גע-מישטע חתונות קלענער און, פאַרקערט, וואָס קלענער די יידישע באַפעלקערונג, אַלץ גרעסער איז די צאָל געמישטע חתונות. און מערקווירדיק, זייער זעלטן ווען אַ יידישע מיידל האָט חתונה מיט אַ קריסט, איך וואָלט בעסער געזאָגט מיט אַ לאַטיין-אַמעריקאַנער. אָבער זייער אָפט האָט אַ יידישער בחור חתונה מיט אַ קריסטלעך מיידל; און דאָס וואָס קריסטלעכע מיידלעך האָבן חתונה און זיינען נייגיריק חתונה צו האָבן מיט אַ יידישן בחור, איז אַ רעזולטאַט פון דעם פאַמיליען-לעבן אין די לאַטיין-אַמעריקאַנער רעפּובליקן.

אין דעם פאַמיליען-לעבן פון די לאַטיין-אַמעריקאַנער פעלקער פון דרום-אַמעריקע איז דער מאַן דער אַבסאָלוטער הערשער. עס ווערט באַטראַכט אין דרום-אַמעריקע פאַר אַ זייער נאַטירלעכער דערשיינונג, אַז אויסער דער געזעצלעכער פרוי זאָל דער מאַן האָבן אַ צאָל געליבטע. דאָס ווייב ווייס פון דעם און וואָגט זיך ניט קעגנ-צושטעלן ווי שטאַרק זי זאָל ניט ליידן. דערפאַר פאָדערט דער מאַן פון דער פרוי אַבסאָלוטע טרייהייט און ריינקייט אין פאַמיליען-לעבן. עס איז אויך אַ גאַנץ נאַטירלעכע דערשיינונג אין די דרום-אַמעריקאַ-נער לענדער, אַז דער מאַן זאָל זיין אַ סך עלטער פון דער פרוי. דער מאַן איילט זיך ניט חתונה צו האָבן, צו גרינג און צו פריי איז זיין לעבן, אַז ער זאָל אין די יונגע יאָרן טראַכטן וועגן חתונה האָבן. ער האָט שוין חתונה אין די יאָרן ווען ביי אונדז הייסט מען אַן אַל-טער בחור. און אַפילו אין די עלטערע יאָרן האָט ער ליב חתונה צו האָבן מיט דעם יינגסטן מיידל. ער קלייבט נאַטירלעך אויס די

שענסטע. ער איז אין די יאָרן וואָס ער קען שוין רואיק באַטראַכטן און אויסרעכענען. אָבער נאָך דער חתונה לעבט דער מאַן אין שטענדיקער שרעק, אַז די יונגע פרוי קען נאָך אים פאַרראַטן. פּאַסירט זייער אָפט, אַז ווען דער מאַן דאַרף אַוועקגיין, פאַרשליסט ער די פרוי אין שטוב, און זי קען פון הויז אָן אים ניט אַרויסגיין און קיינער קען אין הויז ניט אַריין ווען ער איז ניטאָ. דאָס פּאַסירט צווישן רייכע פּונקט אַזוי ווי צווישן אָרעמע. די פרויען אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, וועלכע קומען אין נאָענטער באַרירונג מיטן יידישן לעבן, באַוואונדערן די ריינקייט און טרייהייט פון דעם יידישן פאַמיליען־לעבן, און ביי פיל לאַטיין־אַמעריקאַנער מיידלעך איז אַן אידעאַל חתונה צו האָבן מיט אַ יידישן בחור.

מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין יידישע היימען, וואו די שניר זיינען לאַטיין־אַמעריקאַנער, קריסטלעך־קאַטויליש, און זיי היטן אָפּ פּינקטלעך די פרומע יידישקייט, האַלטן אַ כשרע קיך, בענטשן ליכט פרייטאָג־צו־נאַכט און אין די יידישע קרייזן איז דאָס אָנגענומען פאַר אַ גאַנץ נאַטירלעכער דערשיינונג. מע האָט מיר דערציילט, אַז כמעט אין אַלע פאַלן, וואו עס ווערט געבוירן אַ זון ביי אַ געמישט־פאַרהייראַטן פאָרפאָלק, ווערט דאָס קינד געמלט, דאָס הייסט, אַז די מאַמע האָט אין גייסט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן, כאָטש זי האָט ניט איבערגעריסן מיט דעם קאַטוילישן גלויבן. מע דאַרף זיין אין דרום־אַמעריקע, כדי צו זען ווי אַזוינע צוויי ווידערשפּרוכן לעבן זיך איין צוזאַמען. אַ פרוי, וואָס היט אָפּ כשרות אין שטוב, וואָס האָט אַ געמלטן זון, גייט גלייכצייטיק זונטיק אין דער קאַטוילישער קירך. דערציילט מיר טאַקע איינער, וואָס איז פאַרהייראַט צו אַ לאַטיין־אַמעריקאַנער פרוי, אַז כדי צופרידנצושטעלן די פרוי און אַרויסווייזן די זעלבע לאָיאַליטעט, וואָס זי ווייזט אים, גייט ער מיט איר צוזאַמען זונטיק אין קירך, כאָטש ער האָט זיך קיין מאָל ניט געשמדט און ער טראַכט גאָרניט דאָס צו טאָן.

אין אַ יידישער הויז אין בראַזיליע, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַ צוואַנציק פאַמיליעס צו אָרגאַניזירן די הילפאַרבעט פון דער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע”. איך בין דאָרטן געווען דער רעדנער. איך רעד יידיש. אַלע הערן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. אַ גרויסע צאָל פון די אָנוועזנדיקע זיינען קינדער פון אימיגראַנטן, אַליין געבוירן אין בראַזיליע. זיי פאַרשטייען יידיש, רעדן שלעכט, אָבער דאָך רעדן זיי אַ ביסל יידיש. ווי איבערראַשט בין איך אָבער

געווען, ווען מען האָט מיר דערנאָך אָנגעוויזן אויף פיר פרויען, וואָס זיינען דאָרט געווען, אַז זיי זיינען קאַטויליקן, פאַרהייראַטע צו יידישע מענער. מע זאָגט מיר דערביי, אַז אין אַלע יידיש-געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן זיינען די פיר פרויען די אַקטיווסטע. זיי האָבן זיך זייער גוט איינגעלעבט אין דעם יידישן קרייז, און דאָס איז נאָר צוליב דעם, ווייל דאָס יידישע פאַמיליען-לעבן איז אַנדערש ווי דאָס לעבן פון די קאַטוילישע דרום-אַמעריקאַנער. ווען די פרוי האָט חתונה מיט אַ יידישן בחור, פילט זי, אַז זי באַפרייט זיך פון קנעכט-שאַפט און ווערט אַ פרייער מענטש. און אַט דערפאַר איז דער דראַנג אַזוי גרוים ביי קאַטוילישע מיידלעך חתונה צו האָבן מיט יידישע בחורים.

איך האָב געהערט ווי יידן זאָגן, אַז פון די געמישטע חתונות אין דרום-אַמעריקע ווערט יידישקייט פאַרשטאַרקט, ווייל די קאַטוילישע פרויען, וואָס האָבן חתונה מיט יידן, האַלטן מער פון יידישקייט ווי זייערע יידישע מענער.

אַנדערש איז מיט דער שמד-פראַגע. די פראַגע איז אַ קאָמ-פליצירטע און זי איז אַ נייע דערשיינונג אינעם לעבן פון דרום-אַמעריקע. שמד-פאַלן קומען מערסטנטייל פאָר ביי די יידיש-דייטשישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען אַריבערגעקומען די לעצטע צען יאָר. איך האָב געלייענט אין יידישע צייטונגען פון אַמעריקע, אַז אַ סך פון די דייטשישע יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון היטלער-דייטשלאַנד און זיינען געקומען קיין דרום-אַמעריקע, האָבן זיך געגומען שמדן. אַנדערע שמדן ניט זיך אַליין, נאָר די קינדער. אַזעלכע באַהויפּטונגען וועגן דער יידיש-דייטשישער אימיגראַציע אין דרום-אַמעריקע זיינען איבערטריבן. אין אַ גאַנצער ריי שטעט פון דרום-אַמעריקע האָב איך זיך געפונען אין דעם יידיש-דייטשישן קוואַרטאַל. איך האָב געקענט באַאָבאַכטן זייער לעבן און איך וויל זאָגן, אַז אין סאַן-פּאַולאָ איז דאָס יידיש-רעליגיעזע לעבן פיל שטאַרקער און די אָרטאָדאָק-סישע מנהגים און פירונגען מער פאַרשפרייט אין דעם דייטשישן יידישן קוואַרטאַל, ווי אין דעם קוואַרטאַל, וואו עס וואוינען יידן פון מזרח-איראָפּע. אין הייזער פון דייטשישע יידן אין דרום-אַמעריקע האָב איך געזען שאַפעס מיט אַלערליי יידישע ספרים, וואָס ווערן געלערנט פון טאַטן און די קינדער. אין די הייזער פון די דייטשישע יידן האָב איך אָפט געזען יינגלעך טראָגן יאַרמעלקעס. אַ סך יידן, וואָס קענען דעם יידיש-דייטשישן קוואַרטאַל זאָגן, אַז די יידן פון

דייטשלאַנד זיינען צוליב די פאַרפאָלגונגען פון היטלערן, געוואָרן אַ סך פּרימער.

אָבער עס איז אויך דאָ אַ צאָל, וואָס שמדן זיך. ווער זיינען זיי? אָט דאָ איז נייטיק אַן אויפקלערונג.

מע דאַרף געדענקען, אַז היטלער האָט אין דייטשלאַנד ניט נאָר פאַרפאָלגט יידן, נאָר אויך דייטשן, וועגן וועלכע מען האָט פעסטגעשטעלט, אַז זייערע באָבעס אָדער עלטער-באָבעס זיינען פון יידישער אָפּשטאַמונג. אָט די היטלער-קרבנות האָבן וועגן יידישקייט קיין מאָל גאָרנישט געוואוסט, זיי האָבן אפילו אַליין ניט געוואוסט, אַז זייערע באָבעס קומען אַרויס פון יידן. האָט אויך זיי היטלער דערקלערט פאַר יידן און האָט זיי אַרויסגעטריבן פון זייער היים-לאַנד אַלס יידן. ווען זיי זיינען געקומען קיין דרום-אַמעריקע, איז אויף זייערע פּאַספּאָרטן געווען אָנגעשריבן: יידישער גלויבן. פאַר די רעגירונגען אין דרום-אַמעריקע זיינען זיי געווען יידישע אימיג-ראַנטן, כאָטש זיי האָבן קיין מאָל מיט יידישקייט גאָרניט געהאַט צו טאָן. זיי האָבן אָבער ניט געוואָלט אָננעמען דעם יידישן גלויבן נאָר צוליב דעם, ווייל היטלער האָט זיי דערקלערט פאַר יידן. אום צו באַפרייען זיך פון דער יידישקייט, וואָס איז אויף זיי מיט גוואַלד אַרויפגעצוואונגען געוואָרן, האָבן זיי זיך געשמדט, אָבער זיי זיינען דאָך קיין מאָל קיין יידן ניט געווען. אַזוינע געשמדטע זיינען אין דרום-אַמעריקע דאָ אַ סך. פון דעם קומען אַרויס די פאַרשפּרייטע קלאַנגען, אַז דייטשישע יידן שמדן זיך.

מ׳האָט מיר דערציילט וועגן איינצלנע פאַלן, וואו טאַטעס און מאַמעס, פיזיש און גייסטיק צעבראָכענע, געטריבן פון דייטשלאַנד, האָבן באַשלאָסן צו שמדן זייערע קינדער, כדי צו פאַרמיידן, אַז די קינדער זאָלן דורכגיין אין זייער לעבן דאָס, וואָס די עלטערן זיינען דורכגעגאַנגען. איך האָב זיך באַגעגנט מיט איינעם אַזאַ דייטשישן יידן, וועלכער האָט געשמדט זיינע קינדער. איך האָב זיך מיט אים געקענט זייער לייכט צוזאַמענצוריידן, ווייל ער רעדט פאַר-העלטנישמעסיק ניט שלעכט ענגליש, און ער האָט גערעדט מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז ער טאָר ניט איבערלאָזן פאַר זיין קינד זיין יידישע ירושה, אַז דאָס קינד זאָל געפייניקט און געמאַטערט ווערן אַזוי ווי ער איז געפייניקט און געמאַטערט געוואָרן, אַז איך האָב געפילט, אַז דיסקוטירן מיט דעם מענטשן, אָדער איבערצייגן אים, איז געווען אוממיגלעך; אין דעם פּרט, איז ער גייסטיק ניט

געווען קיין געזונטער מענטש. אפשר וועט אים דאָס לעבן היילן, אָבער דיסקוסיעס וועלן זיכער אים ניט העלפן. אַזעלכע מינים יידן זיינען אַזוי קליין אין צאָל, זיי זיינען אַזאַ קליינער אויסנאַם, אַז עס איז ניט כדאי צו ריידן וועגן זיי.

מען זאָגט, אַז דער דייטשישער ייד האָט זייער ווייניק געלערנט פונעם היטלעריזם אין די צען יאָר צייט. עס איז אַ גוואַלדיק גרויסער טעות. מיר, די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, זיינען ווייט פון דעם יידיש־דייטשישן לעבן איצט ווי מיר זיינען געווען אַמאָל, און אויך די דייטשישע יידן זיינען ווייט פון אונדזער לעבן. צוויי קולטורן האָבן אונדז פונאַנדערגעטיילט: אונדזער שטייגער לעבן איז געווען אַן אַנדערער ווי דער שטייגער לעבן פון די דייטשישע יידן, און די פאַרשיידנאַרטיקייט קען ניט אָפּגעמעקט ווערן אַפילו דורך די גרוויזאַמע צען יאָר פון פאַרפאָלגונגען. אָבער אַז דייטשישע יידן זיינען יידיש־נאַציאָנאַלער געוואָרן, אַז דייטשישע יידן טראַכטן וועגן יידישע פּראָבלעמען אַנדערש ווי זיי האָבן געטראַכט פריער — דאָס האָב איך געזען אין די יידיש־דייטשישע קוואַרטאַלן פון דרום־אַמעריקע.

דער פאַשיזם האָט זיי געטראָפן שטאַרקער, ווי אַלע אַנדערע יידן; זיי זיינען געווען איינגעגליבט אין זייער דייטשלאַנד, אין דער דייטשישער קולטור, זיי זיינען געווען מער דייטשן ווי יידן. דייטשלאַנד איז געווען זייער היים, די דייטשישע קולטור איז געווען זייער קולטור. דער נאַציזם האָט זיי דעריבער שווער געטראָפן. עס איז געווען ביטער פאַרטריבן צו ווערן פון דעם לאַנד, וואָס מען האָט ליב געהאַט. די שאַרפע ענדערונג האָט זיי שרעקלעך דערשיטערט. די דערשיטערונג האָט זיי געטריבן, אַז ניט נאָר זיי זאָלן זיך דער־נעענטערן צום יידישן מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם, נאָר זי האָט זיי אויך געטריבן צו באַהאַלטן זיך פון דער וועלט, אָפּגעזונדערט ווערן פון מענטשן. אייניקע זיינען געטריבן געוואָרן צו משוגעת. אָבער דאָס זיינען אַלץ אויסנאַמען. אין אַלגעמיין גענומען, האָבן די דייטשישע יידן זייער אַ סך געלערנט פון דעם היטלעריזם. זיי זיינען געוואָרן אַ סך יידישער און נאַציאָנאַלער.

אין דעם יידיש־דייטשישן קוואַרטאַל פון סאַן־פּאַולאָ האָב איך די הייליקייט פון שבת געפילט שטאַרקער, ווי אין די קוואַרטאַלן פון מזרח־אייראָפּעאישע יידן. דעם שבת האָב איך דאָרטן געשפּירט ניט נאָר אין שטוב, ניט נאָר אין שול, נאָר אויך אין גאַס.

סאַנטאָס

אַלע טוריסטן וואָס פאָרן מיט דער שיף קיין בראַזיליע אָדער אַרגענטינע, מוזן דורכפאָרן דאָס שטעטעלע „סאַנטאָס". עס איז איינע פון די גאָר גרויסע פאָרטן אין בראַזיליע. יעדע שיף פאַרברענגט דאָרטן אַ טאָג אָדער צוויי, און די דורכפאָרערס האָבן אַ געלעגנהייט צו זען דאָס שטעטל. אַלע טוריסטן זיינען דאַנקבאַר דעם צופאַל וואָס אויף זייער רייזע קומט זיי אויס צו זען די שיינע שטאָט.

איך בין געפאָרן מיטן עראָפּלאַן. האָב איך שוין אין סאַנטאָס זיך ניט געקענט אָפּשטעלן. ווען איך האָב פאַרבראַכט אין סאַן־פּאַאָלאָ אַ קורצע צייט, האָבן מיך אַלע גענומען צורעדן איך זאָל צופאָרן אַ קוק טאָן אויפן שטעטעלע „סאַנטאָס". איך האָב זיך דעריבער באַנוצט מיט דער ערשטער געלעגנהייט און צוגעפאָרן.

סאַנטאָס געפינט זיך אַ פופציק מייל פון סאַן־פּאַאָלאָ. דער וועג איז אַ זעלטן שיינער, און אַפילו דורכפאָרן די פופציק מייל און ניט זען דאָס שטעטעלע, איז אויך אַ גרויסער נחת־רוח.

די שטאָט ליגט אין טאָל, אָבער פאָרנדיק צו איר מוז מען זיך אויפהייבן אויף איינעם פון די העכסטע בערג פון בראַזיליע. אַ באַן קען אויף אַ נאַטירלעכן אופן אויפן באַרג ניט אַרויפפאָרן. ווען מע קומט צו אַ געוויסן פונקט וואו דער באַרג דאַרף זיך אָנפאַנגען, ציט מען אַרויף די באַן אויף ספּעציעלע קייטן, אויף עסקעלייטאָרס. ווען איר דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג, שפּרייטן זיך פאַר אייך אויס שטעט און דערפער אויף מיילן ווייט — אַ מערקווירדיקע נאַטור־שיינקייט. פאָרנדיק, קומט אייך פאָר, אַז די באַן הייבט זיך צום הימל, ווייל, קוקנדיק פון טאָל דוכט זיך אייך, אַז דער באַרג דערגרייכט דעם הימל. ביים פוס פון אָט דעם באַרג ליגט דאָס שטעטעלע סאַנטאָס.

די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון אַט דעם שטעטעלע איז 150 טויזנט. אַזוי ווי דאָס איז אַ פּאָרטשטאָט, לעבט די גאַנצע שטאָט פון טראַנספּאָרט. דאָרטן געפינען זיך גרויסע פאַבריק-לאַבאָראַטאָריעס, וואו די קאַווע ווערט אַנאַליזירט. טויזנטער פרויען אַרבעטן אין די פאַבריקן, נאַטירלעך פאַר אַ הונגער-לוין, און צוליב די שווערע אַרבעט-באַדינגונגען, גייען זיי אַרום אַלע קראַנקע. סאַנטאָס איז אויך אַ קוראָרט-שטעטל. עס איז דאָרטן אייביקער זומער, און אַפילו ווען אין גאַנץ בראַזיליע איז ווינטער, ווען די אַרטיקע באַפעלקערונג כאַפּט אַ ציטער פון קעלט, איז אין סאַנטאָס וואַרעם און ווען אין ווינטער וויל זיך אַ סאַן-פּאַאָלער בירגער אָנוואַרעמען, פאָרט ער אַוועק אויף וואַקאַציע קיין סאַנטאָס.

די איינציקע זאַכן וואָס וואַקסן דאָרטן אין אַ גרויסער צאָל זיינען באַנאַנעס און מאַראַנצן. מיט די פלאַנצונגען באַשעפטיקט זיך די אָרטיקע באַפעלקערונג. אַלע איבעריקע פּראָדוקטן אויף צום לעבן דאַרף מען אין שטאָט אַריינפירן.

די יידישע באַפעלקערונג איז דאָרטן ניט קיין גרויסע, 200 פאַמיליעס. אַ גרויסע צאָל פון זיי האָבן ביים ברעג פון ים זומער-האָטעלן און לעבן, ווי מען רופט עס ביי אונדז, פון „באָרדערס" (זומער-געסט). די איבעריקע יידן באַשעפטיקן זיך מיט פּעדלעריי, ווי מען רופט זיי דאָרטן „קליענטשיקעס", ווייל זיי זוכן קליענטן צו פאַרקויפן אַלערליי סחורות. שווער איז דאָס לעבן פון דעם יידישן פּעדלער, דאָך לעבן ניט די יידישע פאַמיליעס אין אָרעמקייט. זיי פירן אַ שווער, אָבער אַ רואיק, געמיטלעך לעבן.

נו, דאָרטן וואו עס איז דאָ אַ יידישער ישוב, ווי קליין ער זאָל ניט זיין, זיינען דאָ יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע טעטיקייטן.

איינגעלאַדן קיין סאַנטאָס האָט מיך די פאַרוואַלטונג פון דער וועלטלעכער שול, אין וועלכער עס לערנען זיך עטלעכע און דרייסיק קינדער. די מענטשן, וואָס זיינען אַקטיוו אַרום דער וועלטלעכער שול, זיינען אויך אַקטיוו אַרום דעם זשיטלאָווסקי-צענטער, וועלכער פאַרמאָגט אַ רייכע ביבליאָטעק און פאַרנעמט אַן אַנגעזען אָרט אין דעם קליינע שטעטעלע. אַרום דעם זשיטלאָווסקי-צענטער קאָנצענטרירן זיך די פּראָגרעסיווע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

עס איז דאָרטן אויך דאָ אַ ציוניסטישע פּראָגרעסיווע שול. אין דער שול ווערן געלערנט ביידע שפּראַכן, העברעאיש און יידיש. די שול האָט אויך אַ ביבליאָטעק און אַרום דער שול קאָנצענטרירן זיך אַלע ציוניסטישע עלעמענטן. נאַטירלעך, צווישן די צוויי שולן גייט אָן אַ שטילער קאַמף: די ציוניסטישע שול האָט זיך אָפּגע־שפּאָלטן פון דער וועלטלעכער שול, ווייל די וועלטלעכע שול האָט ניט געוואָלט אָננעמען דעם ציוניזם אַלס דעם לייטנדן מאָטיוו פון דער שול. פאַרשטייט זיך, אַז דאָרטן איז אויך דאָ אַ תלמוד־תורה.

מיין פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין דעם זשיטלאָווסקי־צענ־טער. גערעדט האָב איך דאָרטן וועגן דעם יידישן לעבן אין איי־ראָפּע. מיט דער פאַרזאַמלונג האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ געלט־קאַמ־פּאַניע פאַר דעם „דזשאָינט" און ווען איך בין שוין געקומען קיין אַמעריקע האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די סומע וואָס זיי האָבן געשאַפן איז געווען אַ באַדייטנדע.

איך האָב פריער געזאָגט, אַז סאַנטאָס איז אַ פּאָרטשטאָט. דער פּאָרט איז איינער פון די שענסטע ביים אַטלאַנטישן ים, ער איז אויך אַ גרויסער. פון איין ברעג פּאָרט ביז דעם צווייטן נעמט מיט אַ טראַמוויי צו פאָרן 40 מינוט. אויף די ברעגעס פון ים, אין דער פּאָרט־געגנט, געפינען זיך זייער אַ סך פאַרווײַלונג־פּלעצער, שיינע רעסטאָראַנען. דער זאַמד ביים ברעג פון ים אין יענער געגנט, רופט ביי אַלעמען אַרויס באַוואונדערונג. איבער אים פאָרן אויטאָמאָבילן אַלץ איינס ווי דאָס וואָלט געווען אַ געברוקירטער וועג און די סאַנטאָסער פירן די געסט איבער די ברעגעס פון ים כדי צו ווייזן די וואונדער פון זייער זאַמדיקן ברעג.

איך בין מיט מיינע פריינד געפאָרן מיילן פאַזע ים און האָב זיך אויך געוואונדערט ווי דער אויטאָמאָביל לאָזט ניט איבער אַפילו קיין סימן אויף דער זאַמדיקער ערד. מיט אַ פּאָר שעה פריער, איידער איך בין אויפן זאַמד געפאָרן, האָב איך זיך געבאָדן אין ים און זיך געוואַלגערט אין דעם זעלבן זאַמד. ער איז געווען ווייך און אָנגענעם.

אַרגענטינע

קאָנגרעס-סקווער, איינער פון די שענסטע פלעצער אין בוענאָס-איירעס



דער מאַרק-פּלאַץ וואו עס קומט פאָר דער יערלעכער יאַריד פון אַגריקולטור-פּראָדוקטן

געקומען אין אַרגענטינע

נאָך דעם ווי איך האָב פאַרבראַכט פינף וואָכן אין בראַזיליע, וואו דער פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם איז זייער שטאַרק איינגעוואָרצלט און וואו די שטימונג ביי די יידן, וואָס וואוינען דאָרטן, איז זייער אַ געדריקטע, איז מיר אַליין אויך גע־וואָרן אומעטיק און שווער אויפן האַרצן.

ווען עס איז געקומען דער טאָג פון מיין אַוועקפאָרן קיין אַר־גענטינע, בין איך געווען צופרידן און אין אַ גוטער שטימונג.

צו פאָרן פון בראַזיליע מיט אַן עראָפּלאַן, נעמט אין גאַנצן זיבן שעה. מע פאָרט אַרויס פון ריאָ־די־זשענעראָ זיבן אַזייגער אין דער פרי, און 2 ביי טאָג קומט מען אָן אין בוענאָס־איירעס.

ווען איך בין אַרויסגעשטיגן פון דעם עראָפּלאַן, האָב איך גע־טראָפן אַ גרויסע צאָל מענטשן, וואָס האָבן מיך אָפּגעוואַרט. צווישן זיי באַקאַנטע ניו־יאָרקער, וואָס געפינען זיך צייטווייליק אין בוענאָס־איירעס, ווי אויך שרייבערס און כלל־טוערס, וואָס לעבן אין אַר־גענטינע זייט יאָרן, אָבער אַ טייל פון זיי זיינען געווען אין ניו־יאָרק און איך האָב דעריבער געהאַט די געלעגנהייט מיט זיי זיך נאָענט צו באַקענען.

צווישן אַט די אַלע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, אָבער אייגענע, היימישע מענטשן, האָב איך זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. נאָך דעם ווי איך בין דורכגעגאַנגען אַלע פאָרמאַליטעטן אין צאָל־אַמט, האָבן מיר זיך אַלע אויסגעזעצט אין אויטאָמאָבילן און באַסעס און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן אין דער געביידע פון דער געזעלשאַפט פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן, וואו אויף אַן אומפאָרמעלן אופן האָט מען מיר געגעבן דעם ערשטן קבלת־פּנים ביי אַ גלעזל טיי. איך

האָב דאָרטן פֿאַרבראַכט אַ פּאָר אָנגענעמע שעה און האָב געהאַט די געלעגנהייט צו באַקענען זיך נעענטער מיט יענע מענטשן, וואָס זיינען מיך געקומען באַגעגענען און מיט וועלכע איך האָב ביז איצט קיין מאָל זיך ניט געטראָפֿן.

געקומען אין בוענאָס-איירעס בין איך מאָנטיק נאָך מיטאָג, און אויף דינסטיק ביי נאַכט איז צוגעגרייט געוואָרן אַ גרויסע פֿאַר־זאַמלונג, ווי אַן אויפֿנאַמע פֿאַר מיר.

דער קבלת-פּנים איז אַראַנזשירט געוואָרן פֿון דער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע אין גרויסן עקסעלסיאָר טעאַטער, אין וועלכן עס האָבן צו יענער צייט געשפּילט די ניו-יאָרקער שוישפּילערס יעקב בן-עמי, בערטאַ גערסטין און יעקב מעסטל.

מאָנטיק אָוונט האָט מען מיר שטילערהייט איבערגעגעבן, אַז עס איז שווער איצט אַרויסצוקריגן אַ דערלויבעניש פֿון דער פּאָליציי צו רעדן אויף פֿאַרזאַמלונגען אין אַן אַנדער שפּראַך, אויסער שפּאַניש, און דעריבער איז פֿאַראַן אַ מורא, אַז אויף דעם מאָרגנ־דיקן קבלת-פּנים וועל איך ניט האָבן די מיגלעכקייט צו רעדן. דער קאָמיטעט איז געווען אין אַ פֿאַרלעגנהייט. מיר באַראַטן זיך וואָס צו טאָן. און מיר באַשליסן מאָרגן, דינסטיק אין דער פֿרי, צו זען זיך מיטן אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר און אים בעטן, אַז ער זאָל פּרוּוון באַקומען פֿאַר מיר, אַלס אַמעריקאַנער בירגער, אַ דער־לויבעניש צו רעדן אין יידיש.

אַלע זיינען געווען זיכער, אַז דער אַמבאַסאַדאָר וועט געוויס די דערלויבעניש קריגן. ער וועט נאָר דאַרפֿן גאַראַנטירן, אַז איך בין ניט קיין „פֿאַשיסט", אָדער „קאָמוניסט".

דאָס געזעץ ניט צו רעדן אויף אַנדערע שפּראַכן, אויסער שפּאַ־ניש, איז אָנגענומען געוואָרן צוליב דעם קאַמף מיטן נאַציזם, וועלכער האָט זיך אין לאַנד איינגעוואָרצלט זייער שטאַרק.

אַרגענטינע האָט אַ גרויסע דייטשישע באַפֿעלקערונג. די הויפּט-פֿאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין אַרגענטינע איז די גאַנצע צייט געפֿירט געוואָרן אין דער דייטשישער שפּראַך, צווישן דער דיי־טשישער באַפֿעלקערונג, וועלכע פֿאַרנעמט אַן אַנגעזען אָרט אין דער פּאָליטיק פֿון לאַנד און באַהערשט אַ גאַנצע ריי וויכטיקע עקאָ־נאָמישע פּאָזיציעס.

ארגענטינע איז אָפיציעל אין דער היינטיקער מלחמה „נייטראַל". זי וויל איר נייטראַליטעט אָנהאַלטן, הגם דער קאָנגרעס און דער סענאַט זיינען אויף דער זייט פון ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן. צו פאַרבאָטן נאָר די דייטשישע שפּראַך, אויף וועלכער עס ווערט געפירט די פאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וואָלט געווען אַ צייכן פון נייטראַליטעט־ברוך. כדי צו בלייבן נייטראַל, האָט מען באַשלאָסן צו פאַרבאָטן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען אין אַלע שפּראַכן, אויסער שפּאַניש. דאָס געזעץ וואָס פאַרווערט עפנט־לעך צו רעדן אין אַנדערע שפּראַכן האָט דריי אויסנאַמען: מע מעג שפּילן טעאַטער אין אַנדערע שפּראַכן, דורכפירן רעליגיעזע צערע־מאָניעס, ווי אויך לעקציעס איבער קולטור־פּראָבלעמען, וואָס טראָגן ניט קיין פּאָליטישן כאַראַקטער. ווען אַ לעקציע אויף אַ קולטור־טעמע דאַרף דורכגעפירט ווערן, מוז דער לעקטאָר צושטעלן זיין געשריבענעם רעפעראַט אין שפּאַניש, אין פּאָליציי־דעפּאַרטמענט. אָבער וואָס פאַר אַ קולטור־טעמעס מען זאָל ניט צושטעלן, ווי אומ־פּאַרטייאיש און ניט־פּאָליטיש זיי זאָלן ניט זיין, געפינט שוין דער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט אַ צוטשעפּעניש. ער דערקלערט יעדן רעפע־ראַט פאַר אַ פּאָליטישן און זאָגט זיך אָפּ די דערלויבעניש צו געבן. די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז שטרענג פאַרבאָטן אין לאַנד, און ווען עס קומט אַ יידישער רעדנער, האָט מען מורא, אַז ער וועט אַריינשמוגלען קאָמוניזם אין די רעדעס און לעקציעס, וועלכע ער וועט האַלטן. האָבן מיר גערעכנט, אַז אויב דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר וועט פאַרזיכערן דעם פּאָליציי־דעפּאַרטמענט, אַז איך בין ניט קיין קאָמוניסט, וועל איך זיכער אַ דערלויבעניש קריגן.

דינסטיק אין דער פרי בין איך צוזאַמען מיט אַ קאָמיטעט אַוועק צום אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, דערלאַנגט אים אַלע מיינע פּאַ־פּירן און רעקאָמענדאַציעס, וואָס האָבן דעם אַמבאַסאַדאָר גע־דאַרפט איבערצייגן, אַז איך בין ניט קיין קאָמוניסט. דער אַמבאַ־סאַדאָר האָט באַפולמעכטיקט זיינעם אַ סעקרעטאַר, אַז ער זאָל צו־זאַמען מיט דער דעלעגאַציע גיין אין פּאָליציי־דעפּאַרטמענט און בעטן, אַז מען זאָל מיר געבן אַ דערלויבעניש צו רעדן. נאָך אַ גאַנצער ריי געשפּרעכן אין פּאָליציי־דעפּאַרטמענט פון פאַרטרעטער פון אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, האָט מען פאַרזיכערט, אַז מען וועט מיר אַזאַ דערלויבעניש געבן, אָבער מע דאַרף זיך דורכרעדן וועגן

דעם מיטן אינערן־מיניסטער, און דעם אינערן־מיניסטער וועט מען ניט קענען זען ביז 7 אזייגער אין אָונט. אזוי גיך ווי זיי וועלן זיך מיט אים זען און קריגן די דערלויבעניש, וועלן זיי דעם ענט־פער געבן דעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר. דער קאָמיטעט איז אַוועק פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט מיט דער אַבסאָלוטער איבערציי־גונג, אַז איך וועל קענען אין אָונט רעדן. און ווי איבערראַשט מיר זיינען אַלע געווען, ווען 8:30 אין אָונט האָט מיר אָנגעקלונ־גען דער אַמבאַסאַדאָר אין האָטעל און מיר איבערגעגעבן, אַז, ליי־דער, האָט דער אינערן־מיניסטער די דערלויבעניש ניט געגעבן. די אַנטוישונג און די געדריקטע שטימונג ביי די, וואָס האָבן פאַר מיר דעם קבלת־פּנים אָרגאַניזירט, איז ניט צו באַשרייבן. דער ענט־פער פון אינערן־מיניסטער איז געווען אַ גאַנץ קאָמישער: מע דער־לויבט מיר נאָר צו רעדן אין שפּאַניש. שפּאַניש קאָן איך ניט, און אויסצולערנען זיך אין איין טאָג שפּאַניש איז געווען אַן אויפגאַבע זייער און זייער אַ שווערע, „כמעט״ אַן אוממיגלעכע...

עס איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן דורכצופירן נאָר דעם קאָנצערט, און אַז איך זאָל אַרויפגיין אויף דער בינע, ווייזן זיך שטומערהייט פאַרן עולם און מיט דעם זאָל די באַגריסונג זיך פאַר־ענדיקן.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דעם טעאַטער, וואו די פאַר־זאַמלונג און דער קאָנצערט האָבן געדאַרפט פאָרקומען, איז דער עולם געווען זייער אַ גרויסער און מען האָט דיסקוטירט, צי וועט מען מיך לאָזן רעדן, צי ניט. דער טעאַטער איז געווען אַ געפּאַק־טער. אין קאָנצערט האָבן זיך באַטייליקט אַזוינע חשובע און אָנ־געזעענע אַרטיסטן, ווי איזאַ קרעמער, יעקב בן־עמי, דזשעני גאָלד־שטיין און הערץ גראָסבאַרט. די גאַנצע קאָנצערט־פּראָגראַם איז דורכגעפירט געוואָרן זייער שיין.

אויסער די קאָנצערט־נומערן, וואָס יעדער אַרטיסט האָט גע־געבן, האָט כמעט יעדער איינציקער פון זיי, וואָס איז געווען אין אַמעריקע, און וואָס קען יעדע אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער איך בין פאַרבונדן, גערעדט וועגן די אָרגאַניזאַציעס, וועגן זייער באַדייטונג אין יידישן לעבן, און זיי האָבן אפילו ניט אויפגעהערט צו רעדן אויך וועגן גאַסט. אַרטיסטן מעגן רעדן אין יידיש, ווען זיי זיינען אויף דער בינע. דאָס ווערט באַטראַכט ווי אַ טייל פון זייער פּראָגראַם.

דער לייענער קען זיך שוין פֿאָרשטעלן ווי איך אַליין האָב זיך געפֿילט. אַלע קענען רעדן אויף מיין קבלת־פּנים, אויסער איך אַליין, פֿאַר וועמען דער קבלת־פּנים איז צוגעגרייט געוואָרן.

ווען דער פּאָרזיצער, דער באַקאַנטער זשורנאַליסט שמואל ראָזשאַנסקי, האָט מיך פֿאָרגעשטעלט, און איך בין אַרויף אויף דער בינע, אַ מאַך געטאָן מיט די הענט, אַ בייג געטאָן צום עולם דעם קאָפּ, איז די אָוואַציע געווען אַזוי גרויס, אַז דער זאַל האָט געשטורעמט. אין דער דעמאָנסטראַציע איז געלעגן אַ טיפֿער פּראָטעסט קעגן דער מאַכט, וואָס האָט מיר ניט געגעבן די דערלויבעניש צו רעדן. איך האָב ביי זיך געטראַכט, אַז אויב דער דערפֿאָלג פֿון אַ קבלת־פּנים ווערט געמאָסטן מיט די שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן וואָס דער גאַסט באַקומט, האָט דער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט מיר שטאַרק אַרויסגעהאָלפֿן אין מיין דערפֿאָלג. וואָרעם ווען דער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט גיט מיר די דערלויבעניש צו רעדן, וואָלט דער שטורעם פֿון די אַפּלאָדיסמענטן מסתמא ניט געווען אַזאַ גרויסער...

נאָך דער פֿאַרזאַמלונג זיינען צו מיר צוגעגאַנגען פֿיל מענטשן, וועלכע לעבן אין לאַנד שוין צענדליגער, צענדליגער יאָרן, אייניקע געבוירן אין לאַנד, און אויסגעדריקט זייער פֿאַרדרוס, וואָס מען האָט מיר פֿאַרבאָטן צו רעדן. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין איין פֿאַרענטפֿערן, אַזוי ווי זיי וואָלטן אַליין אין דעם געווען שולדיק, אַז דאָס ניט לאָזן רעדן איז אַ געזעץ נאָר אַ ציטווייליקער, אַז דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון דער וועלט־צעמישעניש, וואָס היטלער האָט געבראַכט. איידער היטלער איז געקומען, איז אַרגענטינע געווען דאָס פֿרייסטע לאַנד. ווען היטלער וועט איינעמען אַ מפּלה, ווען די וועלט וועט ווערן נאָרמאַל, ווערט אויך אַרגענטינע ווערן צוריק דעמאָקראַטיש, אַזוי ווי זי איז געווען אין די פֿריערדיקע צייטן.

דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע

אַרגענטינע איז אין שטח אַ גרויס לאַנד. די ערד — אַ פּרוכטבאַרע. זי איז הויפּטזעכלעך אַן אַגרי־קולטור־לאַנד.

די גאַנצע באַפעלקערונג פון לאַנד באַשטייט פון 13 מיליאָן מענטשן. איבערן גאַנצן לאַנד געפינען זיך 300 טויזנט יידן.

פון די 300 טויזנט יידן, וואָס אַרגענטינע פאַרמאָגט, געפינען זיך 200 טויזנט אין איין שטאָט, אין בוענאָס־איירעס. אַרום 40 טויזנט — אין די יידישע קאָלאָניעס פון דער „איקאָ" און אַנדערע קאָלאָניעס. די איבעריקע זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער פאַר־שיידענע שטעט און דערפער פון לאַנד.

דאָס יידישע לעבן אין בוענאָס־איירעס איז זייער אינטערע־סאַנט, פילפאַרביק, גוט אָרגאַניזירט. עס זעט אויס אַ סך אַנדערש ווי דאָס יידישע לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ניט אַזוי קאָ־כיק, ניט אַזוי רוישיק, ווי ביי אונדז. אין די יידישע קוואַרטאַלן פילט איר די געמיטלעכקייט פון דער אַמאָליקער היימישער שטאָט אָדער שטעטל.

די באַדינגונגען פון לאַנד האָבן אין אַ גרויסער מאָס מיטגע־האָלפן מע זאָל קענען אָנהאַלטן די געמיטלעכקייט פון דער אַלטער היים. די אַרגענטינער באַפעלקערונג איז אַ רואיקע און געמיטלעכע.

ניין אַזייגער אין דער פרי עפענען זיך די געשעפטן. מיט אַ שעה פריער — די פאַבריקן. פון 12 ביז 2 רוט מען. דאָס געשעפט אָדער די פאַבריק איז ניט ווייט פון וואוין־הויז, און די גרעסטע צאָל אַרבעטער און סוחרים גייען אַהיים עסן מיטאָג, לייגן זיך צו שלאָפן, רוען זיך אויס, און דער טאָג פון אַרבעט אָדער פון געשעפט הייבט זיך פון דאָס ניי אָן. 6 אַזייגער פאַר נאַכט ווערט אַלץ געשלאָסן.

מע גייט ווידער צו זיך אַהיים, מע עסט אָפּ וועטשערע, מע רוט זיך אָפּ, און ערשט 9 אַזייגער אין אָוונט לאָזט מען זיך אַרויס באַזוכן טעאַטערס, פאַרזאַמלונגען, אָדער מע גייט איינער צו דעם צווייטן אין געסט. דאָס לעבן איז מער אַ ביינאַכטיקס. פון 9 אַזייגער אין אָוונט ביז 2 אַזייגער ביי נאַכט פאַרברענגט די שטאָט אין פאַרשיידענע פאַרוויילונג-פּלעצער. אַ טעאַטער אָדער אַ פאַרזאַמלונג זאָל זיך ענדיקן פאַר איינס אַזייגער ביי נאַכט, איז אַ זעלטענע דערשיינונג. ווען די אַרטיסטן אָדער די רעדנערס פאַרענדיקן פריער, איז דער עולם אומצופרידן און מען האַלט, אַז מען האָט ניט געקראָגן גענוג.

איך האָב אין קיין לאַנד, אויסער אַרגענטינע, און אין קיין שטאָט, אויסער בוענאָס-איירעס ניט באַגעגנט יידן מיט אַזאַ רואיקן, באַלעבאַטישן געמיט. די געמיטלעכקייט און רואיקייט האָט זייער ענערגיע ניט פאַרשלעפּערט. זיי האָבן מיט עקשנות אַנטוויקלט אַ סך אינדוסטריעס אין לאַנד. זיי האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין דער נייער היים. זיי האָבן אויפגעבויט אַ שטאַרק יידיש אָרגאַניזירט לעבן.



אַ קאָלאָניסטן-הויז אין אַ נייער קאָלאָניע

די יידישע שווערקייטן אין אַרגענטינע

די יידישע אימיגראַציע אין אַרגענטינע איז ווייט ניט געווען אַזאַ גליקלעכע ווי אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען יידן געקומען, ווען דאָס לאַנד איז שוין עקאָנאָמיש און פּאָליטיש געווען שטאַרק אַנטוויקלט. זיי האָבן שוין אין לאַנד געטראָפן אַ רייכע קולטור מיט איינגעווּאָרצלטע פרייהייטן און איינגעוואָרצלטע דעמאָקראַטישע באַגריפן; גרויסע שטעט מיט גרויסע אינדוסטריעס, אַן אַרבעטער-באַוועגונג, וועלכע איז אפשר ניט געווען אַזוי אינטערעסאַנט און פאַרבנרייך, ווי די אַרבעטער-באַוועגונגען אין אַ גאַנצער ריי אייראָפּעאישע לענדער, דאָך אַן אינטערעסאַנטע. צוזאַמען מיט דער גרויסער יידישער מאַסן-אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, איז אויך געקומען אַ גרויסע יידישע אינטעליגענץ מיט אַ סך אידעאַליזם, מיט גרויסע האָפענונגען אויף דער פרייער מיגלעכקייט דורכצופירן דאָ אַ גאַנצע ריי רואיקע סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן. די אינטעליגענץ איז געווען דער היוון, דער כוח, וואָס האָט שפּעטער געבויט דאָ אין לאַנד די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג.

יידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען געקומען אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן ביים אָנהייב פון איינאָרדענען דאָ זייער לעבן, געמוזט גיין אין שאָפּ אַרבעטן. די אַריבערגעקומענע, אַפילו ווען זיי זיינען געווען אין דער אַלטער היים אינטעליגענטן אָדער לופטמענטשן, „מנחם-מענדלס“, שוחטים אָדער מלמדים, האָבן זיך געמוזט נעמען צו פיזישער אַרבעט, איידער זיי האָבן פאַר זיך אויסגעטראָטן זייער וועג אין דער נייער היים.

גאַנץ אַנדערש איז געווען דער שיקזאַל פון דער יידישער אימיגראַציע אין אַרגענטינע. דאָס לאַנד איז געווען אינדוסטריעל ניט אַנטוויקלט, לעבן פון פיזישער אַרבעט איז כמעט געווען אוממיגלעך,

און מען האָט געמוזט בלייבן ביי דער באַשעפטיקונג פון דער אַל־טער היים, ביים האַנדל.

און נאָך אַ זאַך. איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע יידישע אימיגראַציע קיין אַרגענטינע, איז שוין דאָס לאַנד געווען פאַרפלייצט פון יידן הענדלערס מיט ווייסע שקלאַפן. אויף יעדן אַריבערגעקומענעם יידן איז געלעגן דער פאַרדאַכט אַז ער איז אַ שקלאַפן־הענדלער. און מערקווירדיק, די ערשטע אויפגאַבע פון די יידישע אימיגראַנטן אין אַרגענטינע איז געווען צו אָרגאַניזירן זיך אין קאַמף קעגן דעם יידישן שקלאַפן־הענדלער, קעגן דעם פאַר־שפרייטער פון פראָסטיטוציע אין לאַנד. יידן האָבן אינסטינקטיוו געפילט, אַז אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן פון יידישן לעבן אין אַרגענטינע ניט פאַרטרייבן די מיאוסע יידישע באַשעפטיקונג, וועט זייער לעבן אין לאַנד זיין ביטער, וועלן זיי זיך פילן מאָראַליש און גייסטיק דערשלאָגן, און וועלן פון אַלעמען באַטראַכט ווערן ווי אַ פלעק, ווי אַ קרעץ אויף דעם אַרגענטינער פאָלק.

פראָסטיטוציע אין אַרגענטינע איז היינט־צו־טאָג אין גאַנצן פאַרבאָטן, פאַרטריבן פון דער עפנטלעכקייט דורך די געזעצן פון לאַנד. אויב פראָסטיטוציע איז היינט אַ זאַך פון דער פאַרגאַנ־גענהייט, איז דאָס אַדאַנק דעם קאַמף פון דער יידישער אימי־גראַנטן־מאַסע.

די ערשטע יידישע אימיגראַנטן, וואָס געדענקען יענעם קאַמף, רעדן מיט פרייד, וואָס זיי האָבן געהאָלפן פאַרטרייבן די פראָסטי־טוציע פון אַרגענטינע. זיי דערציילן וועגן די חרמס, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף די שקלאַפן־הענדלערס; וועגן די פיזישע קאַמפן, וואָס מען האָט דורכגעפירט קעגן זיי אין די יידישע טעאַטערס, אויף יידישע פאַרזאַמלונגען און אין אַלגעמיינעם יידישן לעבן, וואו די הענדלערס מיט פראָסטיטוציע האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן. יענע יידישע „פרויען־הענדלערס, וואָס אַ טייל פון זיי לעבט נאָך, זיינען שוין לאַנג אַוועק פון דער מיאוסער פראַפעסיע, אָבער זיי קענען נאָך אַלץ קיין אָרט ניט באַקומען אין יידישן לעבן. זיי ווערן נאָך אַלץ באַטראַכט פאַר אומריינע און אומווירדיקע.

איצט איז דער פלעק אויפן יידישן לעבן אין גאַנצן אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. יידן קענען זיך אָפּגעבן מיט אָרגאַניזירן און דערהויבן דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע.

די גרעסטע יידישע אָרגאַניזאַציע אין בוענאָס-איירעס

ווען יידישע אימיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן קומען קיין אַרגענטינע, האָבן זיי געהאַט צוויי מינים זאָרג: די זאָרג ווי אַזוי עקאָנאָמיש זיך איינוואָרצלען אין לאַנד כדי זיי זאָלן קענען פירן אַ מענטשלעך לעבן. זיי האָט אָבער אויך געמאַטערט אַ צווייטע פראַגע וואָס וועט זיין... נאָכן טויט? אמת, אַז טאָג־טעגלעך האָבן זיי געמאַטערט די עקאָנאָמישע דאגות, אָבער די צווייטע פראַגע איז אויך געווען אַ וויכטיקע.

די הערשנדיקע רעליגיע אין אַרגענטינע איז די קאַטוילישע, איר גייסט פילט זיך שטאַרק אין לאַנד. די קאַטוילישע קירך האָט שטענדיק געשטרעבט דערצו, אַז אַלע וואָס וואוינען אין קאַטוילישע לענדער זאָלן אָננעמען דעם קאַטוילישן גלויבן. אויך די קאַטוילישע קירך אין אַרגענטינע איז געגאַנגען אויף די זעלבע וועגן. קיין גוואַלדמיטלען, אַז יידן זאָלן זיך שמדן, האָבן די קאַטאָליקן ניט אָנגענומען. די קאָנסטיטוציע פון אַרגענטינע איז געווען אַ שטאַרק דעמאָקראַטישע. רעליגיעזע פרייהייט איז געווען פאַרזיכערט פון דער קאָנסטיטוציע און קיין גוואַלדמיטלען האָט מען ניט געקענט אָנווענדן אַפּצושמדן יידן. דאָך האָט מען אויף מענטשן פון אַן אַנדער רעליגיע געקוקט זייער קרום. מען האָט זיי געדולדיקט, אָבער זייער זיין אין לאַנד האָט מען ניט באַטראַכט ווי אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. אַלס רעזולטאַט פון אַזאַ איינשטעל האָט מען ניט דערלויבט קיין אנדערע בית-עולמס אויסער קאַטוילישע, און די ערשטע יידן, וואָס זיינען געשטאָרבן אין אַרגענטינע, האָט מען געבראַכט צו קבורה אויף אַ קאַטוילישן בית-עולם.

מען קען זיך פאָרשטעלן ווי אַזוי יידן פלעגן אין אַזעלבע פאַלן זיך פילן. ווי לאַנג יידישע אימיגראַנטן פלעגן קומען פון שפּאַניע אָדער פאָרטוגאַל און אפילו פון דייטשלאַנד, איז די טראַגעדיע ניט געווען אַזוי גרויס, אָבער ווען עס האָט אָנגעהויבן צו שטראָמען די מזרח-אייראָפּעאישע אימיגראַציע, און עס זיינען געקומען רע־

ליגיעזע פאמיליעס פון אוקראינע, ליטע אדער פוילן, איז די פראגע פון אן אייגענעם בית-עולם געווארן אן ערנסטע, אן אנגעווייטיקטע.

אין דער געשיכטע פון די יידן אין ארגענטינע און אנדערע דרום-אמעריקאנער לענדער, פארנעמט דער קאמף פאר א בית-עולם זייער א וויכטיק און אנגעזען ארט. עס האט גענומען יארן ביז מען האט דעם קאמף געוואונען. דאס רעכט אויף א בית-עולם האט מען גע-געבן ניט צו פריוואטע פערזאנען, נאר צו דער יידישער קהילה. איז פאקטיש די חברה-קדישא געווארן די יידישע קהילה. אמת, אז פון אנהייב האבן די חברה-קדישא-יידן זיך ניט באשעפטיקט מיט קיין אנדערע יידישע אנגעלעגנהייטן. אבער שפעטער איז די חברה געווארן א גרויסער כוח אין דעם יידישן לעבן פון בוענאס-איירעס.

יעדער ייד, וואס וויל זיך פארזיכערן דאס רעכט באערדיקט צו ווערן אויף דעם יידישן בית-עולם, מוז ווערן א מיטגליד פון דער חברה-קדישא. ער צאלט חודשלעך א געוויסע סומע צו דער חברה און דאן ווערט ער באטראכט פאר א געזעצלעכן מיטגליד, און ער צוזאמען מיט דער משפחה זיינען בארעכטיקט באערדיקט צו ווערן אויפן יידישן בית-עולם. די חברה-קדישא פארמאגט איצט א מיט-גלידערשאפט, אין בוענאס-איירעס אליין, פון ארום 25 טויזנט משפחות. איר פארמעגן איז געווארן זייער גרויס.

עס ווערן יעדן יאר דורכגעפירט וואלן צו דערוויילן די דירעק-טארן פון דער חברה. די וואל-סיסטעם איז א דעמאקראטישע און עס ווערט שטענדיק געפירט א לעבעדיקע וואל-קאמפאניע, פול מיט ברען און אימפעט. יידישע הייםען ווערן פארפלייצט מיט ליטערא-טור, גרופעס און „פארטייען" פירן א קאמף ווער עס זאל זיין דער פרעזידענט און ווער עס זאלן זיין די דירעקטארן.

אדאנק דעם גרויסן פארמעגן פון דער חברה-קדישא, האט זי א מיגלעכקייט אויסצוטיילן גרויסע סומעס געלט אויף פארשיידענע יידישע באוועגונגען און אויף פארשיידענע ייִדיש-געזעלשאפטלעכע טעטיקייטן. די חברה-קדישא שטיצט מיט א ברייטער האנט די תלמוד-תורה, דעם וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט, די ציוניסטישע בא-וועגונג, קאמפאניעס פאר מלחמה-קרבנות און פארשיידענע יידישע אינסטיטוציעס. זי האט אנגעהויבן אפילו צו שטיצן די יידיש-וועלטלעכע שולן. אמת, דער אנהייב איז געווען א שווערער. די ערשטע יערלעכעביישטייערונג איז געווען א קליינע. דאך איז דער אנהייב געמאכט געווארן.

יידישע פרנסות אין אַרגענטינע

מע דאַרף זיין אין בוענאָס-איירעס צו זען און באַגרייפן וואָס פאַר אַ מערקווירדיק שטאַרקן צופּאַסונגס-כוח עס האָבן די יידישע מאַסן, וואָס אימיגרירן אין נייע, ווייטע לענדער.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט די יידישע אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט זיך דער אָנגעקומענער יידישער אימיגראַנט געפילט איינזאַם און פאַרלאָרן. ער האָט געדאַרפט אָנהייבן זיין לעבן פון דאָס ניי, און דאָס איז געווען ביטער-שווער. דאָך האָט זיך שוין דאָ, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, דעמאָלט געפונען אַ באַדייטנדע צאָל יידן פון דייטשלאַנד, וועלכע האָבן זיך דאָ איינגעאָרדנט, האָבן שוין גענומען אַנטוויקלען געשעפטן און אינדוסטריעס, און די יידישע אימיגראַנטן פון מזרח-אייראָפּע האָבן געקענט ווי ניט איז צו זיי זיך צוטוליען. עס זיינען געווען שעפער, אין וועלכע די יידישע אימי-גראַנטן האָבן געקענט גיין אַרבעטן. עס איז אויך דעמאָלט געווען אַ סך גרינגער זיך צוצופּאַסן.

אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע האָבן זיך געפונען די יידישע אימי-גראַנטן אין אַרגענטינע. די יידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען גע-פאָרן קיין אַרגענטינע דורך דער „איקאַ" (באַראָן הירש געזעלשאַפט), האָבן זיך באַזעצט אויף די פעלדער, ווייט איינע פון די אַנדערע, און זייער ווייט פון אַ גרויסער שטאָט. פאַר די, וואָס זיינען געקומען אין די שטעט, איז ניט געווען קיין איין געזעלשאַפטלעכע אינסטי-טוציע, וואָס זאָל זיי אויפנעמען און וואָס זאָל זיך פאַר זיי זאָרגן. האָבן זיי געדאַרפט אַליין זיך דורכשלאָגן זייער לעבנס-וועג. אין שטאָט איז קיין אינדוסטריע ניט געווען. נעמען זיך צו פיזישער אַרבעט איז געווען אוממיגלעך. האָבן זיך די יידישע אימיגראַנטן

געדאַרפט אַ קער טאָן צו דער אַלטער באַשעפטיקונג — האַנדל. ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואָלט ווערן הענדלערס, נאָר עס איז פאַר זיי אין לעבן קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען.

כדי צו ווערן אַ הענדלער, דאַרף מען האָבן געלט אָדער קרע־דיטן. די ערשטע יידישע אימיגראַנטן האָבןביידע זאַכן ניט געהאַט. קיין אַרגענטינע איז ניט געפאָרן דער יידישער גביר. עס איז גע־פאָרן דער יידישער לופטמענטש, אָדער דער יידישער אַרבעטער. קיין קאַפּיטאַלן האָבן זיי מיט זיך ניט געבראַכט. ווער האָט זיי געקענט געבן קרעדיטן? די בענק פון אַרגענטינע? אָבער אויף וואָס פאַר אַ חשבון און אויף וועמעס פאַרזיכערונג? האָבן יידן אין בוענאָס־איירעס גענומען אַנטוויקלען קאָאָפּעראַטיווע ליי־ און שפּאָר־קאַסעס. יעדע לאַנדסמאַנשאַפט האָט געגרינדעט אַ ליי־ און שפּאָר־קאַסע וועלכע האָט געגעבן קרעדיטן צו די אַריבערגע־קומענע לאַנדסלייט. די קאָאָפּעראַטיווע ליי־ און שפּאָר־קאַסעס זיי־נען געווען די בויערס פון דעם יידישן עקאָנאָמישן לעבן אין אַרגענ־טינע. שפּעטער האָבן זיך די ליי־ און שפּאָר־קאַסעס פאַרוואַנדלט אין קאָאָפּעראַטיווע יידישע בענק.

ווען מען שפּאַצירט איצט איבער דער שיינער, ברייטער יידי־שער געשעפט־גאַס קאָריענטעס, ציען אייער אויפמערקזאַמקייט עטלעכע נייע שיינע געביידעס. דאָס זיינען די געביידעס פון די דערפאָלגרייכע יידישע קאָאָפּעראַטיווע בענק.

די יעניקע, וואָס זאָגן, אַז יידן זיינען ניט צוגעפּאַסט פאַר קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען, קענען פון יידישן לעבן אין אַר־גענטינע זיך איבערצייגן, ווי פאַלש זייער מיינונג איז. דער יידישער ישוב אין בוענאָס־איירעס איז געבויט אויף גרויסע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען. די יידישע בענק זיינען אַ לעבעדיקער און שיינער ביישפּיל פון יידישער צוזאַמענאַרבעט. די גרויסע „יידישע באַנק", וואָס האָט זיך פאַראייניקט מיט זיבן אַנדערע יידישע בענק, איז אַ מוסטער פון ווירקזאַמער קאָאָפּעראַטיווער הילף פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

די „יידישע באַנק" און די קלענערע יידשע בענק געהערן צום כלל. קיינער האָט ניט קיין פּראָפיטן פון זיי. אַ גרויסער טייל פון

די פּראָפיטן, וואָס די בענק מאַכן, ווערט צעטיילט אויף געזעל־שאַפטלעכער טעטיקייט.

ווען איך האָב באַזוכט די בענק, האָב איך געזען און פאַרשטאַנען ווי די יידן פילן זיך דאָרטן. די בענק זיינען זייער צווייטע היים. אין דער באַנק און אַרום דער באַנק ווערן דיסקוטירט און דערליי־דיקט אַלע פּראָבלעמען. ווען אַ קאָמיטעט פון דער באַנק איז מיט מיר אַרומגעגאַנגען פון שטאָק צו שטאָק, פון אָפּטיילונג צו אָפּ־טיילונג, האָט דער קאָמיטעט געפילט, אַז ער ווייזט מיר, דעם צפון־אַמעריקאַנער יידן, אַ געזעלשאַפטלעך פאַרמעגן, וואָס האָט גע־בראַכט גרויס נוצן דעם יידישן ישוב פון אַרגענטינע.

פרעגט מיך אַ ייד, וואָס גיט מיר פריער אָפּ אַ ברייטן שלום־עליכם, גלייך ווי ער קען מיך שוין גאָר, גאָר לאַנג:

— נו, הער כאַניך, ווי געפעלט אייך אונדזער געשעפטל? זאָגט מיר, — פרעגט ער מיך, — ביי אייך אין צפון־אַמעריקע זיינען אויך דאָ אַזעלכע בענק, וואָס באַלאַנגען צו אַלעמען, ווי מע רופט זיי ביי אונדז קאָאָפּעראַטיוו?

איך האָב אים, דעם יידן, געענטפערט, אַז מיר האָבן אויך יידישע בענק, אָבער פּריוואַטע. זייער אַ סך פון אונדזערע צפון־אַמעריקאַנער יידישע בענק האָבן באַראַבעוועט די יידן, אָבער גע־האָלפן יידן האָבן זיי זייער ווייניק.

יאָ, די יידישע בענק אין אַרגענטינע זיינען גרויסע און וויכ־טיקע אויפטוען, אין זיי האָט דער יידישער אימיגראַנט אַריינגע־לייגט זיין נשמה. דאָס יידישע לעבן האָט זיך אין זיי געניטיקט. אָן אָט די בענק וואָלטן יידן געוואָרן קרבנות פון שווינדלערס און פּראָצענטניקעס. דעם יידישן מיטלקלאַס האָבן די קאָאָפּעראַטיווע בענק אין אַרגענטינע געראַטעוועט.

די טעכנישע שול פון „אָרט"

פאַר מיין אָפּפאָרן קיין דרום-אַמעריקע האָבן מיר די פירערס פון „אָרט" דערציילט וועגן דער טעכנישער שול, וואָס דער „אָרט"-קאָמיטעט פון אַרגענטינע האָט געעפנט מיט אַ קורצער צייט צוריק. די אַרבעט פון „אָרט" איז מיר נאָענט. איך האָב מיט דער אַרבעט פון „אָרט" זיך באַקענט ניט פון דעם, וואָס מען האָט מיך דורך רעדעס באַאיינפלוסט, ניט פון די אַרטיקלען, וואָס איך האָב געלייענט אין צייטונגען און זשורנאַלן, איך האָב די אַרבעט פון „אָרט" געזען, געזען זי אין דעם אַמאָליקן פרייען דייטשלאַנד, אין פוילן און אין סאָוועט-רוסלאַנד. פאַר מיר איז נאָך איצט פריש אין זכרון און עס שטייען נאָך איצט פאַר מיינע אויגן, די „אָרט"-קאָלאָניעס פון אָדעסער ראַיאָן, אין סאָוועט-רוסלאַנד, די יידישע גערטנעריי אין פינסק און אַרום וואַרשע. די מעכאַנישע זייד-פאַבריק און שול אין לאָדזש, די שניידער-שולן פאַר מענער און פרויען אין וואַרשע, דער טעכניקום אין ווילנע און דווינסק. איך געדענק דאָס אַלץ. איך ווייס, ווי גליקלעך עס זיינען געווען די יידישע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן זיך אין די שולן געלערנט, און איך געדענק די דאַנקבאַרקייט פון אָט די בחורים, וואָס דער „אָרט" האָט זיי געראַטעוועט פון אונטערגאַנג. עס האָבן צו מיר גערעדט מיט ליבע וועגן „אָרט" די האָרעפּאַשניקעס אויף די פעלדער און אין די גערטנער לעבן וואַרשע און פינסק. איך האָב זיי אַלעמען געזען פריילעכע און צופרידענע אין טעג פון אַרבעט. אַ וואַרעם געפיל נעמט מיך נאָך היינט אַרום, ווען איך דערמאָן זיך די באַגעגעניש מיט די, נעכטן דעקלאַסירטע, און היינט אמתע פויערים, יידן-קאָלאָניסטן אין די „אָרט"-קאָלאָניעס פון סאָוועט-רוסלאַנד. אָט די אַלע באַגעגענישן זיינען ביי מיר פאַרבליבן ווי אַ ליכטיקע דערינערונג אויף מיין גאַנצן לעבן.

דאָך, ווען מען האָט מיר דערציילט וועגן דער „אָרט"-שול אין בוענאָס-איירעס, האָב איך זיך צו דעם באַציגן זייער סקעפּטיש. פאַר וואָס? די לעצטע יאָרן זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט מען אין אַ סך קרייזן, אויך אין אונדזערע, גענומען מאַכן צו קליינגעלט די אַרבעט פון „אָרט". ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען, אָבער אויך איך האָב זיך גענומען סקעפּטיש באַציען אין דעם איצטיקן מאָמענט צו דער „אָרט"-אַרבעט. איך לייען וועגן אַלץ, וואָס דער „אָרט" טוט אין דעם היינטיקן דייטשלאַנד און פראַנקרייך, אין די געטאָס פון פּוילן. ווען איך לייען וועגן דעם, ווער איך דערוואַרעמט, אָבער דער „גיפּטיקער" פּעסעמיזם און צווייפל פון דעם אַרום ווירקט. ער גנבעט זיך אַריין ניט באַמערקטערהייט. איז ווען די „אָרט"-טוער פלעגן מיר דערציילן וועגן דער טעכנישער שול אין בוענאָס-איירעס, פלעג איך זיך טאַקע אויפמערקזאַם צוהערן אָבער איך האָב דאָך געצווייפלט. דערפון מיין נייגיר צו באַזוכן די שול און זי צו זען.

איך בין געקומען אין בוענאָס-איירעס גראָד דאַן, ווען ס'איז דערוויילט געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג פון „אָרט". דער יום-טוב צוליב דער געלעגנהייט איז פאַרגעקומען אַ זונטיק אין דער פרי אין דער געביידע פון דער טעכנישער שול. ווען איך בין אין דער געביידע אַריין, האָב איך גלייך דערשפּירט אַ יום-טובדיקע שטימונג. יום-טובדיק און פייערלעך איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע זיצונג. דערנאָך זיינען מיר אַלע אַוועק זיך באַקענען מיט די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען פון דער שול און וואָס עס ווערט אין איר פּראָדוצירט. איך בין ווידער אָנגענעם איבערראַשט געוואָרן פון דער אַרבעט פון „אָרט". מיר איז נאָך אַ מאָל קלאָר געוואָרן די וויכטיקייט און ניצלעכקייט פון „אָרט". איבער 100 סטודענטן, וואָס לערנען זיך קאָמפּליצירטע מעכאַנישע אַרבעטן; מע לערנט זיך מאַכן אַ צווענגל און אַ סאָבע, אַ זעג און אַ טראַקטאָר. מיט מיר גייט אַרום דער אינזשינער אַוועגבערג, וועלכער האָט אַמאָל געלעבט אין אַמעריקע, חתונה געהאַט ביי אונדז אין קאָנעקטיקוט. אַ זייער פאַרמעגלעכער. די אַוועגבערגס זיינען עטלעכע ברידער, וואָס האָבן אַליין אַ גרויסע מעכאַנישע פאַבריק. דער עלטערער ברודער מיט דער צושטימונג פון די איבעריקע גיט דער שול פריי אַוועק דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט. ער טוט דאָס

מיט ליבע און איבערגעבנהייט. ווען ער רעדט וועגן דער שול, איז אַלץ איינס ווי אַ פאַרליבטער וועגן זיין געליבטער. די ברידער זיינען אויך אַקטיוו אַרום דער שול און זיינען גליקלעך, וואָס דער ברודער איז פאַרליבט . . . און גיט זיין געליבטער — דער „אָרט"־שול — אַוועק זיין גאַנצע צייט. די גרעסטע צאָל שילער זיינען פּליטים־אימיגראַנטן. מען לערנט זיי אַרבעטן וואָס קענען זיין ניצלעך פאַר דעם לאַנד, פאַר זייער נייער היים.

דער פּרעזידענט פון „אָרט־אָזע" איז אַרנאָלד טויבענשלאַג, אַ רוסישער ייד, וועלכער פאַרנעמט אַן אַנגעזען אָרט אין יידישן לעבן. נאָך איינער וואָס איז געטריי דער אַרבעט פון „אָרט" איז ד"ר זעלדער, אַ זון פון אַ קאָלאָניסט, זיך אויפגעהאָדעוועט אויף די יידישע פעלדער פון אַרגענטינע. איצט פּראַקטיצירט ער אַדוואָקאַטור. די שול איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון אליהו טראַצקי. טראַצקי איז אין אַרגענטינע נאָר אַ פּאָר יאָר. אין אייראָפּע איז ער געווען איינער פון די זייער וויכטיקע „אָרט"־טוער.

ער איז אַ פילפאַרביקע און אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט. געבאָרן איז טראַצקי אין פּאָלטאַווער גוברניע אין דער שטאָט ראָמני. ער האָט שטודירט אין פּאָליטעכניקום פון ווין. ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין רוסיש־יידישן זשורנאַל „וואָסכאָד", דער איירָאָפּעאישער קאָרעספּאָנדענט פון דער טעגלעכער רוסישער, אַמאָל זייער פאַרשפּרייטער, צייטונג „רוסקאָיע סלאָוואָ", געשריבן אין דייטשישע, פראַנצייזישע און סקאַנדינאַווישע זשורנאַלן און צייטונגען.

אין אַרגענטינע איז ער געקומען אין 1936 אין די אינטערעסן פון „אָרט־אָזע". ער איז איצט אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער פון דער טעגלעכער יידישער צייטונג „די יידישע צייטונג", ווי אויך פון מאָנאַטלעכן זשורנאַל „דער שפּיגל". אַדאַנק זיין ענערגיע און אינטעליגענץ איז מיגלעך געווען, אַז אין בוענאָס־איירעס זאָל אויפגעבויט ווערן אַזאַ אינטערעסאַנטע און וויכטיקע אינסטיטוציע ווי די „אָרט"־שול.

פאַרלאָזנדיק די „אָרט"־שול, האָב איך זיך נאָך אַ מאָל פון אייגענער דערפאַרונג באַקאַנט מיט דער גוטער און שיינער, ניצלעכער און ווערטפולער אַרבעט פון „אָרט".

אָבער אויך דאָ האָט מען מיר געפּרואווט אַריינשפּריצן טראָפּנס פון סקעפּטיציזם. דעם זעלביקן טאָג וואָס איך האָב באַזוכט די „אָרט"־שול, האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַן אָנגעזעענעם ציוניסט. איך האָב אים דערציילט וועגן דער שול און ער האָט מיר מיט אַ מינע פון גלייכגילטיקייט געזאָגט: „מערקווירדיק פון וואָס איר קענט באַגייסטערט ווערן. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די אַלע זאַכן, וואָס מען בויט אין גלות אויף פרעמדער ערד. וואָס פאַר אַ ווערט האָט די אַרבעט פון אייער „אָרט", פון „דזשאָינט", פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, אויך אַפילו די יידישע קאָלאָניזאַציע ניט נאָר אין אייער סאַנטאָ־דאָמינגאָ, נאָר אויך אין אונדזער אַרגענטינע? ווער דאַרף דאָס און וואָס פאַר אַ נוצן קען דאָס אונדז דאָ ברענגען? מיר גייען דאָך אַלץ איינס אונטער אין גלות. איר גלותיסטן זייט אַן אומגליק פאַר דער אויפלעבונג און דעם אויפבוי פון אונדזער פאָלק אין אונדזער אַלטן היסטאָרישן היימלאַנד ארץ־ישראל. דער „אָרט" בויט שולן, דער „דזשאָינט" גיט הילף, דער „אַגראָ־דזשאָינט" בויט קאָלאָניעס, צוליב וואָס? פאַר וועמען? איר לעבט מיט פאַלשע אילוזיעס, אַז מיר, יידן, האָבן אַ צוקונפט אין דער פרעמדער וועלט".

אויף מיין פראַגע, פאַר וואָס האָט דער וועלט־קאָנגרעס צוגעזאָגט פאַר דעם „אָרט" געלט פאַר זיין טעטיקייט? פאַר וואָס קלייבט דער „וועלט־קאָנגרעס" הילף פאַר די מלחמה־קרבנות? איז דער ענטפער געווען: „מיר מוזן זיך דרייען אין קאַראַהאָד, אַזוי ווילן די מאַסן, אָבער עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע וועלן פאַרשטיין, אַז דאָס זיינען פאַליאַטיוון (קאַלטע פּריפּאַרקעס), וועלכע וועלן אונדז גאָרנישט געבן, וועלכע וועלן אונדז צו ערגעץ ניט דערפירן".

מיך פאַרדריסט, וואָס איך האָב געדאַרפט פאָרן אין אַרגענטינע צו הערן אַזאַ ברוטאַלע אָפּנהאַרציקייט פון אַ ציוניסט, אָבער אויך ער האָט ניט אָפּגעשוואַכט מיין גלויבן אין דער גליקלעכער צוקונפט פון די מיליאָנען יידן אין גאַר דער וועלט. דער „אָזע" האָט אין בוענאָס־איירעס אַ מעדיצינישע קליניק. ליידער, האָב איך קיין צייט ניט געהאַט די אינסטיטוציע צו זען און מיט איר זיך צו באַקענען.

די יידישע פרעסע

ווען מיר רעדן וועגן דעם יידישן קולטור-לעבן אין אַרגענטינע, האָבן מיר אין דעם מאָמענט אין זינען נאָר איין שטאָט, און דאָס איז בוענאָס-איירעס. דאָס יידישע קול-טור-לעבן אין דער פּראָווינץ, און דאָס מיינט אין די יידישע קאָ-לאָניעס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

אין בוענאָס-איירעס ווערן אַרויסגעגעבן דריי טעגלעכע יידישע צייטונגען. די גרעסטע איז די „יידישע צייטונג”. איר אַרויסגעבער איז מר' סטאָלער. זי איז די איינפלוסרייכסטע יידישע צייטונג אין גאַנץ אַרגענטינע. זי האָט די גרעסטע צאָל לייענערס; אַ גרויסע צאָל מיט-אַרבעטער, סיי אין בוענאָס-איירעס גופא און סיי אין אויסלאַנד. זי ווערט באַטראַכט ווי אַן אומפּאַרטייאישע צייטונג מיט שטאַרקע ציוניסטישע נייגונגען. די גרעסטע צאָל מיט-אַרבעטער זיינען ציוניס-טיש געשטימט. אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם האָט די צייטונג אַ חוש פאַר אמתער אומפּאַרטייאישקייט און אָביעקטיווקייט און זי רופט זיך ברייט אָפּ אויף אַלע יידישע פּראָבלעמען אין אַלע לענדער.

די צווייטע צייטונג איז „די פּרעסע”. זי איז אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג. צום דעם קאָאָפּעראַטיוו געהערן עטלעכע און צוואַנציק מענטשן פון אַלע אָפּטיילונגען, וועלכע שטעלן די צייטונג צונויף. דאָס גאַנצע אייגנטום און די רווחים פון דער צייטונג גע-הערן צו די, וואָס פאַרמאָגן אַקציעס אין קאָאָפּעראַטיוו. דער צוזאַמענשטעל פון קאָאָפּעראַטיוו איז אידייאיש אַ פאַרשיידנאַר-טיקער: סאָציאַליסטן, פּראָגרעסיווע קולטור-טוער, שטאַרקע סימ-פּאַטיקער פון סאָוועט-רוסלאַנד אאז"וו. און פון דעם באַקומט זיך, אַז די צייטונג דאַרף צופרידנשטעלן אַלעמען. אַזוי ווי דער רעדאַקטאָר איז אַלע מאָל זייער פּראָ-סאָוועטיש געשטימט, איז דער כאַראַקטער פון דער צייטונג אין מערסטע פאַלן, אַ פּראָ-סאָוועטישער. נאַטירלעך,

ביי אַזאַ צוזאַמענשטעל און אַזעלכע פירונגען זיינען דאָ אַ סך אינערלעכע רייבונגען. „די פּרעסע" איז אַ קאָפּיע פון דעם וואָס די ניו־יאָרקער יידישע צייטונג „דער טאָג" איז געווען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק: געדינט אַלעמען, און ס'רוב די קאָמוניסטן. אויך „די פּרעסע" פאַרמאָגט טאַלאַנטפולע זשורנאַליסטן סיי פון בוענאָס־איירעס און סיי פון אויסלאַנד און זי פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט אין דעם יידישן קולטור־לעבן פון לאַנד.

די דריטע טעגלעכע צייטונג איז די „מאָרגן צייטונג", זי איז אַן אויסגעשפּראָכענע ציוניסטישע צייטונג מיט רעוויזיאָניסטישע טענדענצן. דער טיראַזש פון דער צייטונג איז אַ גאַנץ קליינער, דאָך דערשיינט זי טעגלעך און האָט איר ווינקעלע אינעם יידישן לעבן פון אַרגענטינע.

אויסער די טעגלעכע צייטונגען, גייען אַרויס מאָנאַטלעכע זשורנאַלן. דאָס בכבודיקסטע אָרט צווישן די מאָנאַטלעכע קולטור־זשורנאַלן, פאַרנעמט „דער שפּיגל", אונטער דער רעדאַקציע פון ב. גרוזמאַן.

עס גייט אויך אַרויס אַ מאָנאַטלעכע אַנאַרכיסטישע צייטונג „דאָס פרייע וואָרט"; אַ וועכנטלעכע ציוניסטישע פּאַרטיי־צייטונג און אַ מאָנאַטלעכע קאָמוניסטישע צייטונג. ווי איר זעט, וואָס שייך דער יידישער פּרעסע, איז אַרגענטינע ניט הינטערשטעליק לגבי די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין איין פּרט זיינען די יידישע צייטונגען אין אַרגענטינע אין אַ בעסערער לאַגע, ווי די יידישע צייטונגען אין אַמעריקע: די יידישע צייטונגען אין אַרגענטינע האָבן נאָך אַלץ אַ סך רווחים פון זייערע צייטונגען און זיי דערגרייכן דאָס אויף אַ מערקווירדיק אָריגינעלן אופן. ווען איר נעמט אַן אַרגענטינער צייטונג, וואַרפן זיך אייך גלייך אין די אויגן די גרויסע צאָל אַנאָנסן, וואָס דאַרטן ווערן געדרוקט. דאָס זיינען אַנאָנסן זייער גוט באַצאָלטע, פון אַ גאַנץ אָריגינעלן כאַראַקטער. די צייטונגען געפינען שוין אויס ווער עס האָט חתונה, ביי וועמען עס ווערט געבוירן אַ קינד, ביי וועמען עס איז דאָ אַ לוויה, און זיי זעען, אַז ביי יעדער געשעעניש פון דעם כאַראַקטער זאָלן קרובים און פריינד אַריינגעבן באַגריסונגען. אָט, למשל,

האָט אַ באַלעבאָס געקויפט אַ נײַ הויז, דאָס הויז וועט ער פאַרדינגען צו שכנים און וועט בײַ זײ נעמען אַלע מאָנאַט דירה־געלט. פאַנגען זיך אָן באַגריסונגען אין די צײַטונגען פון פרײַנד און קרובים צום „באַלעבאָס” צו דער געלעגנהייט, וואָס ער האָט געקויפט אַ נײַ הויז אויף דער און אויף דער גאַס. און עס גייען שוין אַרײַן בילדער פון דעם „באַלעבאָס”. פון אַזעלכע באַגריסונגען פאַרדינען די צײַטונגען געלט.



די געביידע פון דער „יידישער צייטונג” אין בוענאָס־איירעס

יידישע דערציאונג אין אַרגענטינע

ווי אין אַלע לענדער פון דער וועלט, וואו יידן וואוינען, זיינען אויך אין אַרגענטינע דאָ פאַרשיידענע טיפּן פון יידישע דערציאונגס-אַנשטאַלטן. אין בוענאָס-איירעס זיינען דאָ 35 תלמוד-תורות, ניט אַלע פונעם זעלביקן שניט און כאַראַקטער, אייניקע תלמוד-תורות זיינען שטרענג אָרטאָדאָקסישע און אַנדערע פּראָגרעסיווע. זיי ווערן אַלע געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט פון דער רייכער חברה-קדישא. די חברה-קדישא האָט אַ ספּעציעלן בילדונגס-קאָמיטעט, וועלכט פּאַסט אויף אויף די שולן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם דערציאונגס-קאָמיטעט פון דער חברה-קדישא. עס זיינען דאָרטן אויך דאָ דריי טיפּן וועלטלעכע שולן, איינגעטיילט כמעט אַזוי ווי די וועלטלעכע שולן ביי אונדז אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. פּועלי-ציוניסטישע שולן, וואָס האָבן מער אָדער ווייניקער די זעלבע פּראָגראַם וואָס די שולן פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער-פאַרבאַנד און שולן פון די לינקע פּועלי-ציון. די שולן פון די לינקע פּועלי-ציון האָבן געהאַלטן ביי פאַרענדיקן אַ נייעם שול-בנין אין הארץ פונעם יידישן קוואַרטאַל, וועלכער וועט זיין אַ מוסטער פון אַ יידישן שול-בנין אין דרום-אַמעריקע. עס זיינען דאָרטן אויך דאָ שולן פון אַ ספּעציעלער יידישער שול-געזעלשאַפט, וועלכע זיינען לויט זייער כאַראַקטער און פּראָגראַם אַזוי ווי אונדזערע אַרבעטער-רינג-שולן.

במשך פון דער קורצער צייט, וואָס איך בין געווען אין אַרגענטינע, האָב איך געהאַט די מיגלעכקייט גענויער צו באַקענען זיך מיט די שולן וואָס ווערן פאַרוואַלט פון דער יידישער שול-געזעלשאַפט. זיי האָבן איצט אין בוענאָס-איירעס צוויי קינדער-גערטנער, אין וועלכע עס לערנען זיך אַרום 160 קינדער אין דעם עלטער פון פיר ביז זעקס יאָר און צוויי עלעמענטאַר-שולן, אין וועלכע עס לערנט זיך כמעט די זעלבע צאָל קינדער. סיי די קינדער-גערטנער און סיי

פארוואלטער פון דער
וועלטלעכער שול-אר-
גאניזאציע אין בואנעס
איירעס.

די עלעמענטאַר-שולן זיינען נאָכמיטאָג-שולן, אָבער זיי זיינען גוט אָוועקגעשטעלט, און איך בין געווען אָנגענעם איבערראַשט, ווען איך האָב פאַרבראַכט מיט די קינדער אין די שולן, געהערט זייער גוטן יידיש און זיך איבערצייגט, אַז זיי פאַרמאָגן גוטע ידיעות אין די לימודים, וואָס מע לערנט מיט זיי.

די שולן ווערן אויפגעהאַלטן פון פּריוואַטע בײשטייערונגען און פון אונטערנעמונגען, וואָס ווערן דורכגעפירט פון די אַקטיווע טוערס אַרום דער שול-באַוועגונג. אַרום דער שול-אָרגאַניזאַציע האָט זיך קאָנצענטרירט אַ גרויסע גרופּע פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון דעם יידישן לעבן אין שטאָט. אַלע שרייבער און געזעלשאַפט-לכע טוער פון אויסלאַנד, וואָס קומען אויף אַ באַזוך קיין אַרגענטינע, ווערן ס'רוב אַרונטערגעבראַכט פון דער יידישער שול-געזעלשאַפט. די שול-געזעלשאַפט האָט זיך דערוואָרבן אין שטאָט זייער אַ גוטן נאָמען. אַפילו די וואָס באַציען זיך קעגנעריש צו דער געזעלשאַפט, רעדן וועגן איר מיט רעספּעקט און שאַצן אָפּ די איבערגעגעבנקייט, וואָס די מענטשן ווייזן אַרויס אין זייער אַרבעט.



די געביידעס פון דער ביבליאָטעק און פון דער שול אין דער קאָלאָניע זאָנענסוויל

יידיש טעאַטער

דאָס יידישע טעאַטער פאַרנעמט זייער און זייער אַן אַנגעזען אָרט אין דעם יידישן לעבן. היינט זיינען אין בוענאָס-איירעס דאָ דריי יידישע טעאַטערס. צוויי, אין וועלכע מען שפּילט בעסערע יידישע דראַמעס, און איין טעאַטער, אַ מעלאָ-דראַמאַטישער, ווי ביי אונדז אין ניו-יאָרק, למשל, קלינטאָן-סטריט-טאַטער. דער יידישער טעאַטער-גייער איז אַן אַנדערער ווי ביי אונדז. די גרעסטע צאָל יידן, וואָס באַזוכן אונדזער יידישן טעאַטער אין ניו-יאָרק באַקומען זייערע בילעטן דורך בענעפיטס. ווען די בענעפיט-סיסטעם וואָלט דאָ ניט געווען אַזוי פאַרשפּרייט, וואָלטן אַ סך וויניקער יידן באַזוכט דאָס יידישע טעאַטער. אַנדערש איז עס מיט דעם יידישן טעאַטער אין בוענאָס-איירעס: דאָרטן זיינען בענעפיטס אַ זעלטענע דערשיינונג. די וואָס קומען אין טעאַטער, גייען צו דער קאַסע קויפן בילעטן און צאָלן גאַנץ הויכע פּרייזן.

גראָד ווען איך בין געווען אין בוענאָס-איירעס האָט מאָריס שוואַרץ דאָרטן גאַסטראָלירט, געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג „די ברידער אשכנזי", און יידן האָבן געצאָלט אַזעלכע פּרייזן ווי 4 פּעזעס פאַר אַ בילעט, און זאָלן די לייענער האָבן אין זינען, אַז 4 פּעזעס דאָרטן איז אַלץ איינס ווי 4 דאָלער דאָ. און געשפּילט האָט ער 7 וואָכן צייט ביי געפּאַקטע הייזער. ביי די יידן אין בוענאָס-איירעס איז דאָ אַ ליבע, אַ פּאַטריאָטיזם צו יידישן טעאַטער.

טעאַטער אין בוענאָס-איירעס פאַנגט מען אָן צו שפּילן אַ פערטל נאָך צען אין אָוונט און ענדיקן ענדיקט מען קיין מאָל ניט פריער פון אַ פערטל אָדער האַלב נאָך איינס ביי נאַכט. אַ פּיעסע וועלכע ענדיקט זיך פריער פון איינס אַזייגער ווערט באַטראַכט פאַר אַ ניט-געראָטענער פּיעסע, און די טעאַטער-באַזוכערס רעכענען אַז מען האָט זיי אָפּגענאַרט. און ניט איין מאָל האָב איך געזען,

ווי נאָך איינס אַזייגער ביי נאַכט, ווען דער עולם איז אַרויס פון טעאַטער, זיינען די באַזוכערס נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן טראָטואַר אַ מאָל ביז צוויי און האַלב נאָך צוויי ביי נאַכט, און מען האָט דיס־קוטירט די פּיעסע.

ניט ווייט פון די צוויי גרויסע יידישע טעאַטערס געפינט זיך די גרויסע יידישע קיבעצאַרניע, און ווען מען פלעגט צוויי אַזייגער ביי נאַכט אַוועקגיין פון טעאַטער, פלעגן גרופּעס אַריינגיין אין קיבעצ־צאַרניע פאַרצוזעצן די געשפּרעכן. מען איז אַוועק אַהיים 4 פאַר טאָג. וועט איר פרעגן, ווען שלאָפט מען? איז דאָס לעבן אין בוענאָס־איירעס איינגעשטעלט געוואָרן אַזוי, אַז מען שלאָפט אין „אינסטאַלמענטס". 9 אַזייגער אין דער פרי עפנט מען דאָס גע־שעפט, 12 פאַרמאַכט מען אים ביז צוויי, מען גייט אַהיים, מען עסט אָפּ, און מען כאַפּט אַ דרעמל. דאָס געשעפט ווערט פאַר־מאַכט 6, עסט מען וועטשערע און מען רוט זיך ווייטער ביז 9, אָדער האַלב נאָך ניין אַזייגער, און דערנאָך גייט מען אַוועק אין טעאַטער און מען קומט אַהיים פון טעאַטער דריי, אָדער פיר. און אַזוי ווי דאָס לעבן איז דאָרטן זייער רואיק, עס איז דאָרטן ניטאָ דאָס יאָגעניש, דער כאַפּ־לאַפּ, דאָס פאָרן ווייט מיט סאָבוויים אָדער מיט טראַמווייען, איז דאָ גענוג צייט אי צו שלאָפן, אי פאַר געשעפטן, אי צו פאַרברענגען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אין אַלע דריי טעאַטערס שפּילן כמעט יעדן ווינטער — דאָס מיינט, יעדן סעזאָן — געסט פון ניו־יאָרק, אַמאָל אויך פון פּוילן. די „סטאַר"־סיסטעם איז אין בוענאָס־איירעס זייער שטאַרק אַנט־וויקלט, אָבער אויך אַ „סטאַר" קען מער ווי 7־8 וואָכן ניט שפּילן אין בוענאָס־איירעס. נאָך דער צייט ווערט ער שוין אַלט געבאַקן, דאָס טעאַטער הייבט שוין אָן צו ווערן ליידיק און מען דאַרף זוכן אַ נייעם „סטאַר" דאָס טעאַטער אָפּצופרישן, כדי מענטשן זאָלן אָנהייבן ווייטער צו קומען.

איך האָב געזען אונדזערע ניו־יאָרקער „סטאַרס" שפּילן טעאַטער אין בוענאָס־איירעס. וואָס פאַר אַ גוטע קאָמפּאַניס ווי גוט און טאַלאַנטפול עס זיינען געווען די שפּילער פון דעם גאַנצן אַנסאַמבל. אין בוענאָס־איירעס געפינט זיך איצט אַ גרויסע צאָל שוישפּילער פון פּוילן. זייער אַ סך גוטע, טאַלאַנטפולע אַקטיאָרן. און דאָך, איז אָט די גוטע טעאַטער־קאָמפּאַניס, די דאָזיקע גוטע אַקטיאָרן, ווען זיי בלייבן אָן אַ „סטאַר", קענען זיי דערפאָלגרייך טעאַטער ניט

שפּילן. דאָס יידיש טעאַטער אין בוענאָס־איירעס דאַרף און מוז האָבן אַלע אַכט וואָכן אַ נייעם „סטאַר" און יעדער „סטאַר" איז אַנגעלייגט און מע לויפט אים זען. אָבער, ער דאַרף טאַקע אויך „דערליווערן די גודס", ווי מע זאָגט אין אַ ריינעם אַמעריקאַנער יידיש. קען ער דאָס ניט, האָט ער ניט קיין הוצאות אויף צוריק.

מ. שוואַרץ איז געקומען קיין בוענאָס־איירעס מיט אַ רייכן רעפּערטואַר, אָנגעהויבן מיטן „וואַסער־טרעגער" און עס איז ניט געגאַנגען, אַריבער צו „סענדער בלאַנק" און עס האָט זיך פון אָרט ניט גערירט, ביז וואַנען ער האָט אָנגעהויבן מיט די „ברידער אשכנזי" און די דאָזיקע פּיעסע האָט אַזוי אָנגעריסן, אַז יעדן אָוונט, אין פאַרלויף פון 7 וואָכן נאָך אַנאַנד, האָט שוואַרץ געשפּילט פאַר אויספאַרקויפטע הייזער. זעט אויס, אַז די יידישע טעאַטער־באַזוכערס פון בוענאָס־איירעס האָבן אַן אָפּמאַך מיט די יידישע טעאַטער־באַזוכערס אין ניו־יאָרק, אַז דאָס וואָס איינעם געפעלט, געפעלט דעם צווייטן, און פאַרקערט, דאָס וואָס עס האָט ניט קיין דערפאָלג אין ניו־יאָרק, האָט אויך ניט קיין דערפאָלג אין בוענאָס־איירעס.

אין צווייטן בעסערן טעאַטער האָבן געשפּילט, יעקב בן־עמי, בערטאַ גערסטין און יעקב מעסטל. זיי האָבן אויפגעפירט אַ ריי פּיעסן פון רוסישע און יידישע דראַמאַטורגן. אויך זייער טעאַטער איז ניט שלעכט באַזוכט געווען. זיי האָבן געשפּילט מיט דערפאָלג. יעקב בן־עמי איז אין בוענאָס־איירעס ביי דעם בעסערן טעאַטער־באַזוכער באַליבט און נאָר ער האָט געקענט ווי־ניט־איז אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון שוואַרצן מיט זיין גרויסן פאַרנעם און גרויסן דערפאָלג.

דער מעלאָ־דראַמאַטישער טעאַטער געפינט זיך אין האַרץ פון יידישן בראָנזוויל פון בוענאָס־איירעס. אויך דאָרטן דאַרפן זיין „סטאַר"־אַרטיסטן. דעם ווינטער־סעזאָן האָט געשפּילט זייער דערפאָלגרייך אין מעלאָ־דראַמאַטישן טעאַטער די ניו־יאָרקער מעלאָ־דראַמאַטישע אַקטריסע, נעלי קעסמאַן. שפּעטער, ווען נעלי קעסמאַן איז אַוועקגעפאָרן קיין מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי, האָט געשפּילט דער ניו־יאָרקער מעלאָ־דראַמאַטישער אַרטיסט בערלין. געשפּילט האָבן ביידע פאַר געפּאַקטע הייזער.

מערקווירדיק, דער באַזוכער פון די צוויי בעסערע טעאַטערס באַזוכן זעלטן און זייער ווייניק דעם יידישן מעלאָ־דראַמאַטישן טעאַ־

טער.ביידע מינים טעאַטערס האָבן זייערע באַזוכערס און זיי קאָנ־קורירן ניט איינער מיט דעם אַנדערן.

דאָס יידישע טעאַטער אין בוענאָס־איירעס איז אַ וויכטיקער טייל פון דעם יידיש־קולטורעלן לעבן אין לאַנד. דערציילט מיר טאַקע אַ יידישער אַדוואָקאַט, אַז זיין גוטן יידיש האָט ער זיך אויס־געלערנט, באַזוכנדיק דעם בעסערן יידישן טעאַטער. ער איז אין דעם פאַל ניט קיין אויסנאַם. אין טעאַטער גייען אין בוענאָס־איירעס כמעט אַלע יידן ניט געצוואונגענערהייט דורך בענעפיט־בילעטן, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן דאָס טעאַטער ליב, ווייל דאָס טעאַטער איז פאַר זיי זייער אַן אָנגענעמע פאַרווייִלונג.



די געביידע פון דער יידישער באַנק אין בוענאָס־איירעס

דער יידיש-וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט

אַרגענטינע האָט אויך אַן אָפּטיילונג פון דעם יידיש-וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. די אָפּטיילונג איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרן פאַר דעם צוועק צו שאַפן געלט פאַר דעם ווילנער וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. און אויף דעם געביט האָבן די טוערס זיך אויסגעצייכנט. אָבער מיט דער צייט האָבן די אַקטיווע טוערס אַרום וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט דערפילט די נויטווענדיקייט צו אויפבויען אַן אייגענע אָפּטיילונג פון וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. דער יידישער זשורנאַליסט ש. ראָזשאַנסקי איז דער פירער און פאַרוואַלטער פון דעם אינסטיטוט. דער אינסטיטוט האָט אַן אמת גרויסע און רייכע ביבליאָטעק, מיט פאַרצווייגטע אָפּטיילונגען. פון דער עלטסטער יידישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק ביז דער מאָדערנסטער פון היינטיקן טאָג. אַלץ איז איינגעשטעלט מיט אַזאַ סיסטעם און מיט אַזאַ אָרדענונג, אַז עס איז פשוט אַ פאַרגעניגן. ווען איך בין אריינגעגאַנגען אין אינסטיטוט, האָב איך דאָרטן געטראָפן מענטשן לייענען, אַרבעטן, ווייל אין אינסטיטוט האָבן די, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט ליטעראַרישער אַרבעט, אַלץ צו דער האַנט, יעדע אינפאָרמאַציע, יעדעם בוך, יעדן זשורנאַל, וואָס איז זיי נייטיק. דער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין אַרגענטינע האָט אַרויסגעגעבן אַ רייך בוך, „די ייוואָ-בלעטער פון אַרגענטינע”.



די געביידע פון דעם קינדערגאָרטן און דער מוסטער-שול אין בוענאָס-איירעס

ווי האַלט עס מיט דער יידישער שפּראַך אין אַרגענטינע?

די פראַגע האָבן מיר געשטעלט זייער אַ סך מענטשן אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט, ווען איך בין געקומען פון מיין רייזע קיין דרום־אַמעריקע. נו, וועגן דעם קען איך נאָר ענטפערן אויפן גרונט פון די איינדרוקן, וואָס איך האָב געהאַט אין דער קורצער צייט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין בוענאָס־איירעס. די באַפעלקערונג אין בוענאָס־איירעס איז אַרום צוויי מיליאָן און פון זיי 200,000 יידן. די מלוכה־שול אין שפּאַניש איז אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע קינדער. דאָך איז די ווירקונג פון דער יידישער שפּראַך אויף דער יידישער באַפעלקערונג פון אַרגענטינע אַ סך אַ גרעסערע, ווי אויף דער יידישער באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אפשר איז דאָס דערפאַר וואָס דער יידישער ישוב איז אַ יינגערער. ווען איר גייט אין די גאַסן, וואו ס'וואוינט אַ יידישער עולם, איז צו הערן רעדן יידיש אַ נאַטירלעכע זאַך. דאָס איז די שפּראַך ניט נאָר פון דער באָבען און דער מאַמען, נאָר די שפּראַך פון די קינדער. די שפּראַך, אויף וועלכער איך האָב מיט אַלעמען גערעדט איז געווען יידיש און איך בין געווען איבערראַשט ווי גרינג עס איז מיר געווען מיט אַלעמען זיך צונויפצורעדן, אַפילו מיט יידן, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין אַרגענטינע.

אַ גרופּע יידישע אינטעלעקטואַלן, אַרום פופציק אָדער זעכציק אין צאָל, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין אַ הויז פון אַ יידישן אינזשינער. איך האָב פאַר זיי געדאַרפט ריידן וועגן דער הילפאַרבעט פון „דזשאָינט". ווען איך בין געגאַנגען צו דער צוזאַמענקונפט, איז געווען ביי מיר אַ מורא, אַז איך וועל זיך אויף יידיש מיט זיי ניט קענען צוזאַמענריידן. עס זיינען געווען אויף דער פאַרזאַמלונג אינזשינערן, דאָקטוירים, יידיש־שפּאַנישע זשורנאַליסטן און אַנדערע פראָפעסיאָנאַלן. נאָך דעם ווי איך האָב גערעדט יידיש אַ גאַנצע שעה, בין איך געווען איבערראַשט, אַז ניט נאָר האָבן די פאַרזאַמלטע

מיך פארשטאנען, נאר זיי האבן מיר אויך געגומען שטעלן פראגן אין א פליסיקן יידיש.

אדער אט איז א צווייטער פאל: דער דירעקטאר פון דער „יידישער צייטונג" לאדט איין צו זיך אין שטוב אויף אן אוונט א גאנצע ריי געסט. די געסט זיינען איינגעלאדן געווארן צו באגע־גענען זיך מיט מארים וואלדמאן, דעם סעקרעטאר פון דעם „אמערי־קען דזשואיש קאמיטע", וואס האט אין יענער צייט פארווײלט אין בוענאס־איירעס, און מיט מיר. צווישן די איינגעלאדענע געסט איז אויך געווען דער זייער באריממטער יידיש־שפאנישער שרייבער אלבערטא גערשונאוו. גערשונאוו איז געבראכט געווארן קיין אר־גענטינע, ווען ער איז אלט געווען איין יאר. ער איז א זון פון א יידישן קאלאניסט, וועלכער איז געקומען פון בעסאראביע. היינט־צו־טאג ווערט ער באטראכט פאר איינעם פון די גרעסטע סטיליסטן פון דער שפאנישער שפראך נישט נאר אין ארגענטינע, נאר אין דער גאנצער שפאנישער ליטעראטור. ער איז א וויכטיקער מיט־ארבע־טער פון איינער פון די גרעסטע שפאנישע צייטונגען אין לאנד. און ווי איבערראשט בין איך געווען, ווען איך האב אים געהערט רעדן א זאפטיקן יידיש. נו, האב איך געמיינט, אז דאס זיינען „איבערבלייבעכצן" פון די קינדער־יארן, פון טאטע־מאמעס הויז. נאר ער לייקנט דאס אפ. ער זאגט מיר, אז לעבנדיק אין בוענאס־איירעס קען א יידישער יונגערמאן זיך אויסלערנען גלענצנד די שפאנישע שפראך, אבער יידיש קען ער נישט פארגעסן, סיידן ער ווערט אין גאנצן אפגעריסן פון יידישן לעבן. יידיש ווערט ביי אים ספעציעל באנייט און דערפרישט אדאנק דעם יידישן טעאטער, וועלכן די יידישע אינטעליגענץ פון בוענאס־איירעס באזוכט זייער גערן. ער איז נישט קיין אויסנאם. אט שטעלט מען מיך פאר פאר איינעם פון די אנגעזעענע יידיש־שפאנישע דראמאטורגן. באגעגנט האב איך זיך מיט אים צופעליק אין א יידישן רעסטאראן, און מיר זיצן און מיר פירן א געשפרעך אין א גאנץ פליסיקן יידיש. איך וואלט געקענט ברענגען נאך און נאך ביישפילן צו באווייזן ווי יידיש איז היינט־צו־טאג א לעבעדיקע שפראך אין דעם יידישן לעבן פון ארגענטינע.

יוניאָנס און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג

אַרגענטינע האָט אַ גאַנץ־אייגנאַר־טיקע אַרבעטער און סאָציאַליסטישע באַוועגונג. עס איז אַ לאַנד מיט אַ קליין־אַנטוויקלטער אינדוסטריע. אַרגענטינע לעבט פון דעם וואָס די פאַרמערס פּראָדוצירן, און דאָס איז ברויט און פלייש. די פאַרם־פּראָדוקטן ווערן געוויינלעך אַרויסגעשיקט אין אַ גרויסער צאָל לענ־דער פון דער וועלט, און פון דעם עקספּאָרט לעבט די גאַנצע באַפעל־קערונג. די שטעט פון אַרגענטינע לעבן הויפּטזעכלעך פון דעם, וואָס זיי זיינען פאַרמיטלערס צווישן דעם דאָרף וואָס פּראָדוצירט די פאַרם־פּראָדוקטן און די לענדער וועלכע קויפן זיי. די שטאָטישע פאַבריקאַציע איז אַ קליינע און אַ ווייניק אַנטוויקלטע.

די לעצטע פאָר יאָר, זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, און דרום־אַמעריקע קען ניט מער שיקן אירע פאַרם־פּראָדוקטן קיין אייראָפּע און קען אויך פון אייראָפּע גאָרנישט באַקומען צוליב דער ענגלישער בלאָקאַדע אויף די ימים, האָבן זיך ביסלעכוויז אָנגע־הויבן אַנטוויקלען אינדוסטריעס, וואָס אַרבעטן אויס אַרטיקלען, וואָס פלעגן אַמאָל אַריינגעפירט ווערן פון אַנדערע לענדער.

די צאָל שטאָטישע אַרבעטער, אינדוסטריעלע אַרבעטער, איז נאָך אַפילו היינט ניט זייער גרויס. דאָך זיינען אין אַרגענטינע, ספּעציעל אין בוענאָס־איירעס, דאָ אַ געוויסע צאָל יוניאָנס, שטאַרקע און איינפלוסרייכע, ווי, צוםביישפּיל: די יוניאָן פון אַרבעטער אויף שטאָטישע טראַמוויען, ווי אויך די יוניאָן פון רעגירונגס־אָנגע־שטעלטע. ניט נאָר זיינען די אַרבעטער פון די אויסגערעכנטע פאַכן שטאַרק אָרגאַניזירט, נאָר זיי האָט זיך אויך איינגעגעבן אויסצו־קעמפן אַ גאַנצע ריי וויכטיקע סאָציאַלע געזעצן, ווי סאָציאַלע פאַר־זיכערונג, מינימום שכירות, מאַקסימום שעהן פון אַרבעט.

אַן ערשטע־מאַי דעמאָנסטראַציע אין בוענאָס־איירעס

לויט זייער כאַראַקטער זיינען די יוניאָנס, שפּאַניש-סינדיקאַליסטיש. זיי זיינען זייער שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. אָפיציעל האַלטן זיי זיך אָפּגעזונדערט פון פּאָליטישע קאַמפּאַניעס. זיי זיינען ניט פאַראינטערעסירט צו באַאיינפלוסן דאָס לאַנד אין דעם וואָס פאַר אַ רעגירונג עס זאָל דאָרטן זיין. זיי האָבן זייער שטאַרק געהאַלטן, ביז ניט לאַנג צוריק, פון „דירעקטער אַקציע", וואָס דאָס מיינט סטרייקס און דעמאָנסטראַציעס.

איצט איז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין אַרגענטינע פאַרבאָטן, אָבער ווען די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז אין אַרגענטינע געווען לעגאַל, האָבן די קאָמוניסטן געפּרואווט אַריינרייסן זיך אין די יוניאָנס און זיי באַהערשן. היינט אָבער האָט דער קאָמוניסטישער איינפלוס קיין שום ווערט ניט. עס זיינען דאָ און דאָרט פאַראַן קאָמוניסטישע קלייזלעך, וועלכע זיינען טעטיק אונטער פאַרשטעלטע נעמען, אָבער דער דערפאָלג פון אַזעלכע קלייזלעך איז אַ קליינער און אַן אומבאַדייטנדיקער.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַרגענטינע איז צוליב די אויבן דערמאָנטע אורזאַכן ניט צוזאַמענגעגאַנגען מיט דער טרייד-יוניאָן-באַוועגונג. די טרייד-יוניאָן-באַוועגונג און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין לאַנד זיינען קיין מאָל ניט געגאַנגען האַנט-אין-האַנט, כאָטש די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געטאָן אַלץ וואָס איז געווען מיגלעך צו באַאיינפלוסן די טרייד-יוניאָנס.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַרגענטינע פאַרמאָגט צווישן אירע מיטגלידער אַ זייער גרויסע צאָל אינטעלעקטואַלן (פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און ענלעכע פּראָפעסיאָנאַלן). צו איר געהערן אויך, אַלס יחידים, אַ גרויסע צאָל אַרבעטער. אָבער די סאָציאַליסטישע אַרבעטער האָבן אין די יוניאָנס אַ קליינעם איינפלוס.

די הויפּט-פעסטונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַרגענטינע איז אין דער שטאָט בוענאָס-איירעס. אין די אַנדערע שטעט פון אַרגענטינע, אָדער אין די דערפער, האָט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַ קליינעם איינפלוס.

אין מיין לאַנגן געשפּרעך מיט דעם סעקרעטאַר פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָב איך אויך אויסגעפונען, אַז יידן אין דער פּאַרטיי זיינען זייער שוואַך פאַרטראָטן.

אמאל איז אין ארגענטינע געווען א יידישער סאציאליסטישער פארבאנד. ער האט אפילו ארויסגעגעבן אן אייגענע צייטונג. דאס איז געווען אין יענע יארן, ווען יידישע אימיגראנטן, וועלכע זיינען געקומען פון ליטע, פוילן און רוסלאנד און זיינען אין זייערע היימען געווען אקטיוו אין דער סאציאליסטישער באוועגונג, האבן אויך אין ארגענטינע אנגעהויבן בויען א יידיש-סאציאליסטישע באוועגונג. אויף דעם ארגענטינער ישוב האט אין יענער צייט די יידיש-סאציאליסטישע באוועגונג געהאט א גרויסן איינפלוס, אבער איצט איז פון דעם יידישן סאציאליסטישן פארבאנד פארבליבן ניט מער ווי א קליינע גרופע.

די אלגעמיינע סאציאליסטישע באוועגונג האט אויף איינער פון די זייער שיינע גאסן אין בוענאס-איירעס — אויף דער גאס רי-וואדאוויא, — א גרויס און שיין פאלקס-הויז. אין דעם הויז ווערן דורכגעפירט אלע סאציאליסטישע אונטערנעמונגען. די סאציאליסטישע פארטיי גיט ארויס אן אייגענע טעגלעכע צייטונג — "לא וואנגווארדיא". די דרוקעריי פון דער צייטונג געפינט זיך אין דער אייגענער געביידע פון דער סאציאליסטישער פארטיי. דארטן ווערט ניט נאר געדרוקט די צייטונג, נאר אויך א גאנצע ריי סאציאליסטישער ביכער און זשורנאלן.

די צייטונג האט ניט קיין סך לייענער, אבער זי פארמאגט דאך א גרויסן איינפלוס. די צייטונג האט אלס אירע מיט-ארבעטער א צאל וויכטיקע פראפעסארן, דאקטוירים און אדוואקאטן, וואס זיינען פאפולער ביי דער ארגענטינער באפעלקערונג, מען הערט זיך צו צו זייער ווארט, מע ווארט מיט נייגיר אויף דעם, וואס די צייטונג און אירע מיט-ארבעטער האבן טעגלעך צו זאגן.

אין דעם סאציאליסטישן פאלקס-הויז געפינט זיך א גרויס ביכער-געשעפט, וואס פארשפרייט א סך ביכער פון סאציאלן אינהאלט און סאציאליסטישן כאראקטער. איך האב געהאט א געלעגנהייט אין דעם פאלקס-הויז צו באזוכן פארזאמלונגען פון דער יוגנט-אפטיילונג און פון דער סאציאליסטישער פרויען-ארגאניזאציע, און אלץ האט אויף מיר געמאכט א גוטן איינדרוק.

דער פארלאמענט פון ארגענטינע פירט אן א שטארקע אונטערזוכונג וועגן די פאשיסטישע טעטיקייטן אין לאנד. די סאציאליסטישע

פּאַרטרעטערס פון פּאַרלאַמענט זיינען אין דער אונטערזוכונגס־קאָ־מיסיע שטאַרק פאַרטראָטן. זיי זיינען היינט־צו־טאָג די וויכטיקסטע קעמפּער קעגן פאַשיזם. סיי אין פּאַרלאַמענט, און סיי אין זייערע צייטונגען און זשורנאַלן, פירן זיי אָן אַן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן דעם איינפלוס פון פאַשיזם אין לאַנד, און די דערגרייכונגען פון דעם קאַמף זיינען וויכטיקע. דאָס סאָציאַליסטישע פאָלקס־הויז איז פאַקטיש געוואָרן דער צענטער פון אַנטי־פאַשיסטישער פּראָפּאַגאַנדע, דער צענטער פון קאַמף קעגן היטלערס איינפלוס.

די פּאַרטיי פאַרמאָגט אַרום 25 טויזנט מיטגלידער, אָבער דער כוח אירער ליגט ניט אין דער מיטגלידערשאַפט, נאָר אין דעם איינפלוס וואָס זי האָט אויף דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון בוענאָס־איירעס, ווי אויך אין דער אַנטי־פאַשיסטישער אַגיטאַציע וואָס זי פירט איבערן לאַנד. די סאָציאַליסטן האָבן אין קאָנגרעס און אין סענאַט פינף פאַרטרעטערס. דאָס זיינען מענטשן מיט זייער אָנ־געזעענע נעמען אין לאַנד, און צו זייער וואָרט הערט מען זיך צו.

דער גייסטיקער און פאַקטישער פירער פון דער פּאַרטיי איז ענריקאָ דיקמאַן. ער איז אַ ייד, און ער האָט דורכגעמאַכט אין לאַנד אַ שיינע און אינטערעסאַנטע קאַריערע.

ענריקאָ דיקמאַן איז געקומען קיין אַרגענטינע, צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, פון בעסאַראַביע, ווען ער איז אַלט געווען 12 יאָר. זיינע עלטערן האָבן זיך באַזעצט אין איינער פון די באַראָן הירשס קאָלאָניעס. פאַר אים, דעם יונגן יינגל, איז דאָס לעבן אין די קאָ־לאָניעס געווען צו ענג. ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן און איז געקומען קיין בוענאָס־איירעס. דאָס יונגע יינגל האָט געאַרבעט אויף אייזנ־באַנען, אויף די שיפּינג־יאַרדס, ער האָט אָבער אויך גלייכצייטיק זיך געלערנט און האָט געענדיקט אַן אוניווערסיטעט. ער איז געוואָרן אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון בוענאָס־איירעס, וועלכע איז אין יענער צייט געגרינדעט געוואָרן פון דעם פאָרשטאָר־בענעם סאָציאַליסטישן טעאָרעטיקער אין אַרגענטינע ד"ר כואַן ב. הוסטאָ.

ענריקאָ דיקמאַן איז זייער אַ גוטער רעדנער, אַ גלענצנדער דעבאַטאַנט. ער האָט מיט זיין שאַרפער קריטיק ניט איין מיניסטאָרן־קאַבינעט אַראָפּגעוואָרפן. פאַר זיינע שאַרפע פּאָליטישע רעדעס

האָט מען מורא, און דאָס פאָלק הערט זיך צו זיי צו מיט גרויס אינ־טערעס. ער איז געווען אַ מיטגליד אין פּאַרלאַמענט דרייסיק יאָר צייט. אין אַרגענטינע ווערט ער באַטראַכט פאַר דעם פעאיקסטן און קליגסטן פּאָליטיקער. ער איז שוין אַלט 70 יאָר, און דאָך איז ער מונטער און קאַמפּלוסטיק. ווען זיין נאָמען ווערט אַנאָנסירט אַלס רעדנער, קומען אים הערן טויזנטער מענטשן. ער צייכנט זיך אויס אין זיין ריידן מיט אַ שאַרפן הומאָר, מיט פּאָליטישער סאַטירע, און די מאַסן האָבן פאַר אים אַ סך דרך־ארץ און האָבן אים ליב. זיי פאַרגעטערן אים פשוט. ער איז אַ קאָמבינאַציע פון די צוויי פאַרשטאָרבענע סאָציאַליסטישע פירערס פון די פאַראייניקטע שטאַטן: יודזשין וו. דעבס, דער גלענצנדער מאַסן־רעדנער, און מאָרים הילקוויט, דער קלאָרער קאָפּ און סאָציאַליסטישער טעאָ־רעטיקער.

איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו באַגעגענען מיט ענריקאָ דיקמאַן צוויי מאָל אין דעם פאָלקס־הויז פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. מיט זיין אויסזען מאַכט ער דעם איינדרוק פון אַ יידן אַ למדן. ער האָט אַ גרויסן שטערן און טיפע אויגן, מיט גרויסע ברעמען און אַ בליק, וועלכער דרינגט אין אייך טיף אַריין.

כאָטש אין דער קאָלאָניע, ביי זיין טאַטן, איז ער געווען בלויז אַ קורצע צייט, דאָך דערפילט מען אין אים גלייך די צוגעוואַקסנ־קייט צו דער ערד, די איינפאַכקייט פון אַ פאָלקס־מענטשן און דאָס ברייטע האַרץ פון אַן אוקראַינער יידן. זיין יידישע קאָנצעפּציע איז אַסימילאַציע. ער איז ניט קיין קאָסמאָפּאָליט, וואָס שייך אַרגענטינע איז ער, אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, שטאַרק נאַציאָנאַליסטיש. ער רעדט גוט יידיש, און דערפאַר איז מיר געווען זייער גרינג מיט אים זיך צוזאַמענצורעדן, געמיטלעך און אָנגענעם מיט אים צו פאַר־ברענגען און אַדאַנק אים זיך צו באַקענען מיט דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אַרגענטינע.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַרגענטינע, ווי איך האָב פריער געזאָגט, איז ניט קיין גרויסע, אָבער זייער אַן ענערגישע און אַן אַקטיווע. דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דעם ענערגישן און קאַמפּלוסטיקן פירער ענריקאָ דיקמאַן.

דער איצטיקער קאַמף, וואָס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַרגענטינע פירט קעגן פאַשיזם, האָט זי געמאַכט זייער פּאָפּולער און אָנגעזען. די סאָציאַליסטן ניצן אויס אויף אַ פּעאיקן אופן די אַנטי־פאַשיסטישע שטימונגען אין לאַנד. ווי געזאָגט: די פּאַרטיי איז אַ קליינע, אָבער ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז אויך די באַפעלקערונג אין לאַנד איז ניט קיין גרויסע און אַז די אַרבעטער־באַוועגונג איז ניט זייער שטאַרק, דאַרף די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אַרגענטינע באַטראַכט ווערן פאַר אַ זייער וויכטיקער און אינ־טערעסאַנטער אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דער וועלט. אין דער צייט, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען אין איראָפּע זיינען פאַרניכט געוואָרן, און ווען אין אַ גאַנצער ריי פרייע לענדער איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג באַדייטנד אָפּגעשוואַכט געוואָרן צוליב פאַרשיידענע אינערלעכע און אויסערלעכע סיבות, איז די אַר־גענטינער סאָציאַליסטישע באַוועגונג געבליבן גאַנץ און אייניק. די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין אַרגענטינע האָט אין פאַרלויף פון עט־לעכע און צוואַנציק יאָר אויסגענוצט אַלע יעזואיטישע מיטלען, וואָס איז נאָך מיגלעך געווען, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי צו שפּאַלטן, אָבער די קאָמוניסטן האָבן קיין שום דערפאָלג ניט געהאַט.

ווען אין בראַזיליע — דאָס גרעסטע לאַנד פון דרום־אַמעריקע — הערשט אַ דיקטאַטור און אַלע פּאַרטייען זיינען דאָרטן פאַרווערט, איז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַרגענטינע אַ וויכטיקער, גע־זעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער פאַקטאָר אין קאַמף קעגן פאַשיזם ניט נאָר אין אַרגענטינע, נאָר אין אַלע אַנדערע לענדער פון דרום־אַמעריקע.

אין וואָס פאַר אַ לאַנד פון דרום־אַמעריקע איך האָב זיך ניט אָפּ־געשטעלט האָט מען מיר דערציילט וועגן דעם איינפלוס וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרלאַמענט־פאַרטרעטערס אין אַרגענטינע האָבן — דורך זייערע רעדעס אין פּאַרלאַמענט, דורך זייערע פאָדערונגען צו דער רעגירונג, דורך דעם קאַמף וואָס זיי פירן פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע — אויף די באַפעלקערונגען פון די איבעריקע דרום־אַמעריקאַנער לענדער. די צייטונגען אפילו פון די פאַשיסטישע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער זיינען געצוואונגען איבערצוגעבן די נייס וועגן די קאַמפן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַר־גענטינע.

אין די באַמיאונגען, וואָס רוזוועלט מאַכט צו דערנעענטערן דרום-אַמעריקע צו די פאַראייניקטע שטאַטן, שפּילן די סאָציאַליסטן פון אַרגענטינע זייער אַ וויכטיקע ראָלע. אין די געשפּרעכן, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו פירן מיט די סאָציאַליסטישע פירער פון אַרגענטינע, האָבן זיי מיט דעם גרעסטן אינטערעס מיך אויסגעפרעגט אַלץ מער און מער וועגן דער ראָלע פון רוזוועלטן סיי אין דער אינער־לעכער און סיי אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק פונעם לאַנד. זיי האָבן באַוואונדערט דאָס, וואָס דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכער איז ניט קיין סאָציאַליסט, האָט אין לאַנד דורכגע־פירט אַזוי פיל געזעצן, וואָס זיינען גינסטיק פאַר די אַרבעטער. זייער גאַנצע טעטיקייט, דער גאַנצער קאַמף פאַר אינערלעכער דעמאָ־קראַטיע סיי אין אַרגענטינע און סיי אויף דער גאָרער וועלט, ווערט אין אַ גרויסער מאָס באַאיינפלוסט פון רוזוועלטס אינערלעכער און אויסערלעכער פּאָליטיק.



אויף אַ באַזוך אין דעם קינדערגאָרטן פון די יידישע וועלטלעכע שולן אין בוענאָס־איירעס

די יידישע קאָלאָניעס

נאָך די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן, ווען אַלעקסאַנדער דער דריטער איז געוואָרן דער קייסער פון רוסלאַנד, האָט דער גרויסער יידישער פילאַנטראָפּ פון פראַנקרייך, באַראָן הירש, געגעבן אַ גרויסע סומע געלט און געגרינדעט אַ יידישע קאָלאָניזאַציע-געזעלשאַפט, וואָס איז היינט-צו-טאָג באַקאַנט אַלע יידן פון דער וועלט אונטער דעם נאָמען „איקאַ”. דער צוועק פון דער געזעלשאַפט איז געווען צו קריגן אַ לאַנד, וואָס איז ניט באַזעצט, וואו דער באָדן זאָל זיין אַ גוטער, דער קלימאַט אַ פּאַסיקער און אַריבערפירן אַהין אַלע יידן פון רוסלאַנד. דער יידישער פילאַנטראָפּ האָט געהאַט אין יענער צייט זייער גרויסע פאַנטאַזיעס. ער איז געווען זיכער, אַז מיט די עטלעכע מיליאָן דאָלאַר וועט ער אויפטאָן צוויי זאַכן: ערשטנס, וועט ער ראַטעווען דאָס רוסישע יידנטום פון פּאָגראָמען און אַלערליי אַנדערע פאַרפאָלגונגען, און צווייטנס, וועט ער מיט דעם וואָס ער וועט אַרויסנעמען די יידן פון רוסלאַנד, ברענגען אַזוי פיל שאָדן דער רוסישער רעגירונג, אַז סיי אַלעקסאַנדער דער דריטער און סיי אַלע אַנדערע יידישע שונאים וועלן באַגרייפן וואָס פאַר אַ ניצלעכער עלעמענט די יידן זיינען פאַר יעדן לאַנד און ספּעציעל פאַר רוסלאַנד, און ווי שווער עס איז אויסצוקומען אָן זיי.

איך געדענק, ווען איך בין נאָך גאָר אַ קינד געווען, וויפל שמועסן עס פלעגן געפירט ווערן אין בית-המדרש צווישן מנחה און מעריב וועגן דעם גרויסן יידן באַראָן הירש און וועגן זיינע גרויסע פּלענער. און וואָס עלטער איך בין געוואָרן, אַלץ מערער האָט מיך געצומען אינטערעסירן די יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. איך האָב וועגן איר אַ סך געהערט און אַ סך געלייענט און מיין נייגיר צו זען די קאָלאָניעס איז אַלץ געוואַקסן.

ווען איך בין געקומען קיין בוענאָס-איירעס, האָב איך אויפן צווייטן טאָג שוין געוואָלט פאָרן זען אַ יידישע קאָלאָניע. איך האָב זיך אָבער זייער-גיך דערוואוסט, אַז פאָרן אין די קאָלאָניעס אין יולי אָדער אויגוסט, ווען אין אַרגענטינע איז ווינטער און עס גיסן שטענדיקע רעגנס, איז ניט אַזוי גרינג. אויף צו פאָרן מיט אַן אויטאָמאָביל זיינען די וועגן זייער שלעכטע. די קאָלאָניעס געפינען זיך וויניקסטנס אַ זעקס-זיבן הונדערט מייל פון בוענאָס-איירעס און קיינער קען קיין מאָל ניט וויסן, ווען מען וועט מיט אַ מאַשין קענען קומען אין אַ יידישער קאָלאָניע און צי מען וועט בכלל קומען. איז דער איינציקער וועג — פאָרן מיט דער באַן, און דאָס איז אַ וועג ניט קיין גרינגער. מען מוז פאָרן פון 15 ביז 16 שעה

אַ יידישער פאַרמער פון אַרגענטינע

און ווען מען קומט שוין אַהין איז די פּראָבלעם די זעלבע. צוליב די רעגנס זיינען די בלאָטעס אַזוי גרויס, אַז צו דער קאָלאָניע איז שווער צוצוקומען.

גראָד האָט גערעגנט זייער שטאַרק אין בוענאָס-איירעס אין דער ערשטער וואָך פון מיין זיין דאָרטן, און אַרויספאָרן אין די קאָלאָניעס איז געווען אוממיגלעך. מיר האָט געשראָקען דאָס הארץ, אַז איך וועל זיין אין אַרגענטינע און וועל די קאָלאָניעס ניט קענען זען.

די ביוראָ פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע-געזעלשאַפט אין בוענאָס-איירעס האָט זייער שטאַרק געוואָלט, אַז איך זאָל די קאָלאָניעס זען און יעדן טאָג פלעגט זי טעלעפאָניש זיך פאַרבינדן מיט די קאָלאָניעס, כדי אויסצוגעפינען, צי עס רעגנט דאָרטן און צי די בלאָטעס וועלן מיר ניט שטערן קומען. די ערשטע טעג האָט מען אַלץ געהאַלטן אין איין ענטפערן: עס רעגנט, עס איז אַ בלאָטע, און פאָרן קען מען ניט.

אויף דער צווייטער וואָך פון מיין זיין אין בוענאָס-איירעס האָבן זיך די רעגנס אָפגעשטעלט און עס זיינען געוואָרן שיינע, וואַרמע, זוניקע טעג. אָבער די באַריכטן פון די קאָלאָניעס זיינען געווען די זעלבע: עס גיסן שטאַרקע רעגנס, מען קען ניט פאָרן. און אַט האָבן מיר שוין דערהאַלטן באַריכטן, אַז אויך אין די קאָלאָניעס הייבט אָן צו שיינען די זון און אַז די רעגנס האָבן אויפגעהערט און איך האָב אָנגעהויבן צו גרייטן זיך אין וועג.

די קאָלאָניעס זיינען אַזוי צעוואָרפן איבער אַלע פיר עקן פון אַרגענטינע, אַז צו זען אַלע קאָלאָניעס דאַרף ווינציקסטנס דויערן אַ פּאָר מאָנאַטן. מיין צייט איז אָבער געווען זייער באַגרענעצט. מער ווי אַ וואָך איז מיר געווען אוממיגלעך צו פאַרברענגען אין די קאָלאָנים. דעריבער איז אויפגעקומען די פראַגע, וועלכע קאָלאָניע און אין וועלכער געגנט עס איז פאַר מיר וויכטיק צו באַזוכן. און אויך די פראַגע — צו וועלכער קאָלאָניע דויערט ווייניקער צוצוקומען.

די יידן פון צפון-אַמעריקע איז גוט באַקאַנט די יידישע קאָלאָניע מאָזעסוויל. יעדער איינציקער, וועלכער האָט באַזוכט אַרגענטינע און האָט עפּעס וועגן אַרגענטינע געשריבן, האָט אויך באַשריבן די יידישע קאָלאָניע אין מאָזעסוויל ווי אַ זייער דערפאָלגרייכע יידישע קאָלאָניע. מערקווירדיק, גראָד די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין אַרגענטינע טראַכט ניט אַזוי וועגן דער קאָלאָניע מאָזעסוויל. און

ווען איך האָב מיין ערשטן פאַרלאַנג אויסגעדריקט צו פאָרן זען מאָזעסוויל, האָבן מיר מענטשן, וועלכע קענען זייער גוט די יידישע קאָלאָניעס, אָפּגערעדט דערפון:

— צוליב וואָס, פריינד כאַנין, — האָבן זיי מיר געזאָגט, — דאַרפט איר פאָרן קיין מאָזעסוויל, איר ווילט דאָך זען יידישע קאָלאָניסטן וואָס אַרבעטן אויף די פעלדער און מיט זייער אייגענער פראַצע, מיט שוויים און מי שניידן זיי די פרוכט פון דער אַרגענטינער ערד. איר ווילט זען דאָס לעבן פון דעם קאָלאָניסט, באַקענען זיך מיט זיינע שווערע פראָבלעמען, זען זיין פרייד און צער, און דאָס אַלץ וועט איר ניט זען אין מאָזעסוויל. די יידישע קאָלאָניסטן אין מאָזעסוויל האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין קאָלאָניסטן; זיי זיינען אייגנטימער פון גרויסע שטחים ערד און פון אַ סך בהמות. מיט פעלדאַרבעט באַשעפטיקן זיי זיך ניט. ניט זיי זייען, ניט זיי שניידן, נאָר איין מאָל אין זיבן יאָר פאַרזייען זיי אויף זייערע פעלדער דאָס גראָז וואָס הייסט אַלפאַלפאַ, וועלכע איז די געזינטסטע און פעטסטע שפייז פאַר פיצוכט. פאַרזייען פאַרזייען דאָס גויים, געדונגענע. אויך אויפפאַסן אויף די פי פאַסט אויף דער געדונגענער גוי. דער ייד, דער אייגנטימער פון די פי, איז אַ גרויסער סוחר און שטעלט צו פלייש פון די בהמות, וואָס ער האָדעוועט. אויב,



יידישע קאָלאָניסטן טרינקען דעם אַרגענטינער נאַציאָנאַלן געטראַנק „מאַטע״

פריינד כאַנין, איר וועט באַזוכן נאָר מאָזעסוויל, וועט איר, אמת, זען אַ יידיש אייגנאַרטיק לעבן, אָבער אמתע יידישע קאָלאָניסטן וועט איר דאָרטן ניט זען. און אַזוי ווי אייער צייט איז קורץ, באַזוכט יענע יידישע קאָלאָניעס, וואו יידן אַרבעטן שווער אַליין, און אין די עטלעכע און פערציק יאָר וואָס זיי לעבן אויף דער ערד, האָבן זיי מיט זייערע אייגענע כוחות דאָס לאַנד אַנטוויקלט. טאַקע דאָרטן, אין די אמתע קאָלאָניעס, וועט איר זען דעם טאַטן, דעם אימיגראַנט, דעם יידן פון אוקראַינע, און אויך זיינע אַרגענטינער געבאָרענע קינדער, וועלכע אַרבעטן שווער אין דער קאָלאָניע.

האָב איך טאַקע באַשלאָסן קיין מאָזעסוויל ניט צו פאָרן און מיר האָבן אויסגעקליבן צו באַזוכן די געגנט „דאָמינגעז”, וואו עס געפינען זיך די עלטסטע און די בעסטע יידישע קאָלאָניעס.

אויך נאָך אַ וויכטיקע זאַך האָט מיך באַוועגן צו פאָרן אין די קאָלאָניעס אַרום דעם „דאָמינגעז” : דאָרט וועל איך האָבן די מיג־לעכקייט צו זען און צו באַקענען זיך מיט דעם אינזשינער מיכל סאַ־כאַראָוו, וועלכער איז אין די קאָלאָניעס געקומען מיט עטלעכע און פערציק יאָר צוריק. סאַכאַראָוו איז איינער פון די גאָר ערשטע יידישע קאָלאָניסטן און ווערט באַטראַכט ווי די נשמה פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. ער ווערט פאַרגעטערט סיי פון די קאָלאָניסטן און סיי פון דער יידישער באַפעלקערונג אין בוענאָס־איירעס.

אָט פאָרן מיר שוין. מיט מיר צוזאַמען פאָרט דער יונגער יידישער זשורנאַליסט י. האָרן. ער איז אין די קאָלאָניעס עטלעכע מאָל געוועז, ער קען זיי זייער גוט. ער וועט מיר פאַרגרינגערן מיין רייזע און מיר העלפן צו זען אַלץ וואָס איז וויכטיק און אינטערעסאַנט.

די באַנען אין אַרגענטינע זיינען געבויט געוואָרן פון ענגלענדער מיט פופציק־זעכציק יאָר צוריק. די ענגלישע קאָמפּאַניעס, וועמעס אייגנטום די באַנען זיינען, האָבן געטאָן אַלץ וואָס מער פון די באַנען אַרויסצונעמען, וואָס גרעסערע רווחים צו מאַכן. זייער ווינציק האָבן זיי זיך געזאָרגט וועגן דעם ווי אַזוי די באַנען צו פאַר־בעסערן. דערפאַר האָבן די באַנען זייער ווייניק באַקוועמלעכקייטן. זיי שלעפּן זיך לאַנגזאַם און אַ רייזע אויף די אַרגענטינער באַנען איז ענלעך צו די רייזעס אויף די בערדיטשעווער טראַמווייען, ווי שלום־עליכם האָט זיי באַשריבן.

ווען מען פאָרט קיין „דאָמינגעז”, דאַרף מען אַרום זעקס־זיבן שעה פאָרן אויפן וואַסער, איבער דעם וואונדערבאַר־שיינעם טייך

פון אַרגענטינע „ענטראַ־ריאָס”. ניין, דאָס איז ניט אײן טײך, נאָר אַ צוזאַמענגוס פון אַ סך טײכן, מיט וואונדערבאַר־שײנע אינדזלען. די באַן, מיט וועלכער מיר זײנען אַרויסגעפאָרן, פאָרט אויף דער יבשה ביז צום טײך, דאָרטן ווערט די באַן אַרויפגענומען אויף אַ גרויסער אָפענער שיף און אַזוי פאָרט איר מיט דער באַן איבער דער גאַנצער ברײט פון טײך ביז איר קומט אין דער געגנט פון די יידישע קאָלאָניעס. די זיבן שעה אויפן וואַסער זײנען זײער אַנגענעמע און איר האָט באמת הנאה פון דער רײזע. דאָס וואַסער איז שטיל, די שיף מיט דער באַן פאָרט זײער רואיק און נאָך דער קדחת־רײזע, וואָס מען האָט מיט דער באַן, איז די רײזע אויפן וואַסער אַן אָפּרו. אויסער דעם, זעט מען אַ שײן ווינקעלע אין דער גרויסער און ברײטער אַרגענטינע.

אויף דער סטאַנציע אין „דאָמינגעז” האָבן אונדז באַגעגנט צוויי יונגעלײט, אײנער דער פאַרוואַלטער פון די פאַרמער־קאָאָפּעראַציון, אַן אָנגעשטעלטער, פרײנד מזרחי, און דער צווײטער — אַ קאָלאָניסט, אַ מאַן פון אַ יאָר דרײסיק, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין דער קאָלאָניע און איז הײנט אַ זעלבשטענדיקער קאָלאָניסט, אַרבעט שווער, האָט די אַרבעט ליב און האָט אויך ליב דאָס לעבן אין דער קאָלאָניע.



די געבײדע פון דער יידישער באַנק אין דעם שטעטל „דאָמינגעז”

אין דעם שטעטעלע „דאָמינגעז״ קאָנצענטרירט זיך דאָס גאַנצע געשעפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע לעבן פון אַלע אַרומיקע קאָלאָניעס. אין דעם שטעטעלע געפינען זיך די קאָאָפּעראַטיווע באַנק, די קאָאָפּעראַטיווע געשעפטן, דער האָספּיטאַל, אַ שיין פאָלקס-הויז, וואו עס ווערן אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען און וואו עס געפינט זיך די שטאָטישע ביבליאָטעק. עס איז דאָרטן אויך דאָ אַ האָטעל, — אַזוי רופט מען דאָס. דאָס איז איינער פון שלום-עליכמס האָטעלן, וואָס טראָגט דעם נאָמען האָטעל, נאָר ער האָט גאָרנישט וואָס אַ האָטעל דאַרף האָבן. די אייגנטימער פון דעם האָטעל זיינען יידיש-דייטשישע פּליטים. אַ גאַסט פון ווייטע לענדער זעען זיי אין דעם האָטעל זייער זעלטן, און אַן אַריבערגעקומענער גאַסט פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז פאַר זיי אַן אבן-טוב. מען ווערט פאַרהאַוועט, מען הייבט אָן אויסצורייניקן דאָס צימער, וואו דער גאַסט דאַרף זיך אָפּשטעלן, מען טוט אַלץ וואָס איז נאָר מיגלעך דעם גאַסט זאָל זיין באַקוועם. און באמת, פאַר דער צייט, וואָס מיר זיינען דאָרטן געשטאַנען, האָבן מיר זיך אַזוי היימיש איינגעאָרדנט, אַז איך האָב זיך שוין כמעט אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז איך געפין זיך אין אַ האָטעל. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך געפין זיך ביי זיך אין דער היים, אָדער אין דער היים פון אַ נאָענטן, אַלטן גוטן פריינד.

זייער גיך האָט זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג צווישן די יידישע קאָלאָניסטן, וואָס געפינען זיך אין שטח זייער ווייט איינע פון די אַנדערע, אַז עס איז געקומען אַ גאַסט פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו באַקענען זיך מיט דעם לעבן אין די קאָלאָניעס. מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו קומען אין האָטעל אָפּגעבן „שלום-עליכם״, באַקענען זיך מיטן גאַסט און אויך איינלאַדן אים, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט זאָל ער באַזוכן זייער היים, זייערע פעלדער און זען ווי יידן לעבן אין אַרגענטינע ביי ערדאַרבעט.

נאָך איידער איך בין אַרויסגעפאָרן איבער די קאָלאָניעס, האָב איך פון די געשפּרעכן מיט צענדליגער מענטשן, וועלכע זיינען געקומען מיך זען, זיך באַקענט מיט אַ סך פּראָבלעמען, אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס טראָגן זיך אַרום יידישע קאָלאָניסטן. איך האָב זיך אויך באַקענט מיט דעם גייסט און כאַראַקטער ווי אַזוי די באַראָן-הירש-געזעלשאַפט האָט די יידישע קאָלאָניעס געבויט. זיכער האָבן אַלע בויער געהאַט די בעסטע כוונות און געבויט די יידישע קאָלאָניעס לויט זייער פעאיקייט און לויט זייער פאַרשטענ-

דעניש. אָבער היינט ריידן מענטשן וועגן דעם ווי וועגן אַ פֿאַקט, אַז די פֿאַרטרעטערס פֿון דער „איקאַ” האָבן אַליין געהאַט אַ קליינעם באַגריף וועגן ערדאַרבעט און וועגן אַלע שוועריקייטן וואָס זיינען מיט דעם פֿאַרבונדן. די בּיוראָ פֿון דער געזעלשאַפֿט, דאָס מיינט פֿון דער „איקאַ”, איז געזעסן אין פּאַריז, האָט פֿון דאָרטן געשיקט אירע פֿאַרטרעטערס קיין אַרגענטינע, און זיי, די פֿאַרטרעטערס, זיינען ניט געווען גענוי באַקאַנט מיט די פֿאַרשיידענע קלימאַטן פֿונעם לאַנד, ווי אויך מיט די פֿאַרשיידענע נאַטור-כּוחות, גוטע און שלעכטע, וועלכע דאָס לאַנד, אָדער טיילן פֿונעם לאַנד, פֿאַרמאָגן. און אָט פֿון די אַלע טעותן, וועלכע זיינען, געמאַכט געוואָרן מיט 40 יאָר צוריק, ליידט נאָך דער יידישער קאָלאָניסט ביז היינט-צו-טאָג.

די „איקאַ” האָט די קאָלאָניעס געבּויט לויט אַלגעמיין-אויסגעאַרבעטע כּללים און טעאָריעס, וועלכע האָבן זיך אפשר אין פּאַריז געלייגט אויפֿן שׂכל, אָבער אין אַרגענטינע האָבן זיי ניט געטויגט. זיי האָבן גערעכנט, אַז יידישע קאָלאָניעס דאַרפֿן געבּויט ווערן וואָס ווייטער פֿון שטאָט, כּדי יידן זאָלן פֿון די קאָלאָניעס ניט האָבן וואוהין צו לויפֿן, ווען דאָס לעבן וועט זיין שווער. זיי האָבן געזאָגט, אַז יידן ווערן אַרויסגענומען פֿון די שטעט און שטעטלעך פֿון רוסלאַנד, וואו זיי האָבן דורות לאַנג געפֿירט אַ שטאָטיש לעבן, דאַרף מען זיי אָוועקפֿירן אַזוי ווייט פֿון שטאָט, אַז צו זיי זאָלן אפֿילו די קלאַנגען פֿון שטאָט ניט דערגיין, זיי זאָלן ניט האָבן וואוהין צו לויפֿן, ווען אפֿילו זיי וועט זיין שלעכט. די איינציקע גרויסע שטאָט אין אַרגענטינע איז דעמאָלט געווען בוענאָס-איירעס. האָט מען געקויפֿט ערד, ריזיק גרויסע שטחים, זייער ווייט פֿון בוענאָס-איירעס, טויזנט און פֿופֿצן הונדערט מייל, אין דער ווילדערניש. מען האָט דאָס ווילדע לאַנד איינגעטיילט אין פֿופֿציק העקטאַרס לאַנד אויף אַ קאָלאָניסט, מען האָט אויפֿגעבּויט אַ הויז אויף דעם שטיק לאַנד, מען האָט געבראַכט אַ יידישע פֿאַמיליע און מען האָט איר געזאָגט: אָט האָסטו אַ הויז, אָט האָסטו דאָס ווילדע לאַנד, די נייטיקע מכשירים. אַקער, זיי, בּוי. ווי אומעטיק דיר זאָל ניט זיין, — אָט דאָ דאַרפֿסטו איבּעררייסן מיט דיין גאַנצער פֿאַרגאַנגענהייט, פֿאַרגעסן דיינע אַלטע מנהגים, און בּויען אַ „ניי לעבן”. די ערד האָט מען דעם קאָלאָניסט געגעבן אויף אויסצוצאָלן און אויסגעשטעלט האָט מען די אויסצאָלונגען אַזוי, אַז ער זאָל דאַרפֿן צאָלן זיין גאַנץ לעבן. ביז דער קאָלאָניסט האָט ניט אויסגעצאָלט, האָט די ערד בּאַלאַנגט ניט צו אים, נאָר צו

„איקאַ". די „איקאַ" האָט מורא געהאַט, אַז אויב דער קאָלאָניסט וועט קענען אויסצאָלן דאָס לאַנד אין אַ פּאָר יאָר, וועט ער אפשר דאָס דערנאָך עמעצן פאַרקויפן און אַנטלויפן אין שטאָט. אויס מורא, אַז יידישע קאָלאָניסטן זאָלן זיך ניט פאַרוואַנדלען אין ערד־ספּעקו־לאַנטן, האָט מען געמאַכט, אַז די ערד זאָל ער קיין מאָל ניט קענען אויסצאָלן און ער זאָל זי קיין מאָל ניט קענען פאַרקויפן. אין די ערשטע יאָרן איז דעם קאָלאָניסט געווען שווער צו צאָלן אפילו די קליינע איינצאָלונגען, וועלכע די „איקאַ" האָט פון אים געפאָדערט. האָט מען טאַקע ניט געצאָלט, דער פּראָצענט האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און דער קאָלאָניסט איז געוואָרן אַבסאָלוט פאַרמשכנט ביי דער „איקאַ". די מענטשן פון דער „איקאַ", וועלכע האָבן פאַרוואַלט מיט די יידישע קאָלאָניעס, זיינען געווען יידן פון פראַנקרייך אָדער פון דייטשלאַנד, פּינקטלעכע, שטרענגע, אָן דעם נייטיקן געפיל פון רחמנות און איינזעעניש. די פאַרוואַלטערס האָבן ניט פאַרשטאַנען די קאָלאָניסטן און די קאָלאָניסטן האָבן ניט פאַרשטאַנען די פאַר־וואַלטערס. אַנשטאָט עס זאָל זיין אַ האַרמאָניע צווישן דער „איקאַ" און די יידישע קאָלאָניסטן, האָבן זיך אַנטוויקלט צוויי פיינדלעכע לאַגערן און אַ וועלט מיט מיספאַרשטענדענישן.

זאָגט צו מיר טאַקע אַ קאָלאָניסט, ווען איך בין געשטאַנען אויף זיין פעלד, וועלכע ער באַאַרבעט שוין פערציק יאָר:

— איר זעט: פערציק יאָר, אַז איך זיץ אויף דער ערד. קוקט, וואָס פאַר אַ שוואַרצע, זאַפטיקע ערד דאָס איז. זי איז אַזוי פרוכט־באַר, ווי די ערד פון אוקראַינע. איך דערמאָן זיך אָן די ערשטע יאָרן פון מיין זיין דאָ, ווען מען האָט מיך געבראַכט אין דער ווילדעניש, אָן פריינדלעכקייט, אָן געהעריקער אָנווייזונג פון פאַכמענטשן ווי אַזוי די ערד צו באַאַרבעטן. איך האָב עקשנותדיק געאַרבעט און געשאַפן די פריילעכע רעזולטאַטן, וועלכע איר זעט איצט, און איך זע אַלע יאָר.

ער זאָגט מיר ווייטער:

— די יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע איז אַ פאַרשאָלטע־נע. זי איז געבויט געוואָרן פון „פרעמדע". די בויערס האָבן אויף אונדז געקוקט ווי אויף אומגליקלעכע, וועלכע זיי, פון דער „איקאַ", האָבן געראַטעוועט, און מיר דאַרפן זיי זיין דאַנקבאַר פאַר יעדער קלייניקייט. ווען די אַרגענטינער קאָלאָניזאַציע וואָלט געבויט גע־וואָרן מיט אַזוי פיל ליבע, ווי די יידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, אָדער אין אוקראַינע און אין קרים פון דעם „דזשאָינט",

וואו מען האָט די קאָלאָניסטן אַזוי פיל געהאָלפן, וואָלטן היינט אין אַרגענטינע געזעסן אויף דער ערד אפשר איבער הונדערט טויזנט יידן. זיי וואָלטן געווען גליקלעך, זיי וואָלטן דאַנקבאַר געווען די, וואָס האָבן זיי אויף דער ערד באַזעצט. אָבער אונדזער קאָלאָניזאַציע איז געווען אַ שווערע, געבויט פון אַ קאַלטער פילאַנטראָפישער האַנט. אַליין האָבן מיר זיך געדאַרפט דורכשלאָגן דעם שווערן וועג. אָן צוגרייטונג האָבן מיר זיך געדאַרפט ראַנגלען מיט אַלע קאַפריזן פון דער נאַטור. ניט קוקנדיק אויף דעם זיינען די, וואָס האָבן געהאַט אויסדויער, וואָס האָבן געהאַט כוח און פאַרמאָגט ליבע פאַר דער ערד, פון איר ניט אַנטלאָפן; זיין זיינען פאַרבליבן, אויפגעבויט זייערע נחלות און פילן זיך גליקלעך.

אַ יידישער קאָלאָניסט ביי זיך אויפן פעלד

די רעגנס און די היישעריקן

מער ווי א העלפט פון די יידישע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַרגענטינע, געפינען זיך אין די קאָלאָניעס פון „ענטרע-ריאָס". די ערד איז דאָרטן זייער אַ שוואַרצע, אַ זאַפטיקע. מע קען פאַרזייען און שניידן עטלעכע מאָל אַ יאָר. די הויפט-פּראָדוקציע פון די קאָלאָנים אין דער געגנט איז ווייץ און ליאַן. אָבער אַ סך פון די קאָלאָניסטן פירן אַ גרויסע הינערצוכט און מילך-פּראָדוקציע. אין דער געגנט פון „ענטרע-ריאָס" געפינען זיך די קאָלאָניעס זאַנענוויל, קלאַראַ, סאַן-אַנטאָניאָ און אַנדערע. די קאָלאָניסטן האָבן דורכגעמאַכט אַ שווער און ביטער לעבן און דאָך זיינען ווייניק פון זיי אַנטלאָפן. די שוועריקייטן, וועלכע זיי האָבן דורכגעמאַכט, זיינען ניט געווען צוליב דעם וואָס יידן זיינען ניט צוגעפּאַסט צו ערד-אַרבעט, צו אַ שווער פּויעריש לעבן. די יידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע האָבן דערוויזן, בעסער ווי אין אַלע אַנדערע יידישע קאָלאָניזאַציע-עקספּערימענטן, אַז יידן קענען זיך איינאָרדענען אויף די פעלדער, מיט אייגענע הענט זיי באַאַרבעטן און זיין אַזעלכע דאָרף-מענטשן ווי די פּויערים ביי אַלע אַנדערע פעלקער.

די יידישע קאָלאָניזאַציע אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, געגרינדעט פון דעם „דזשאָינט" און פונעם „אָרט", איז געבויט געוואָרן אויף מיליאָנען דאָלאַר וואָס די צוויי אָרגאַניזאַציעס האָבן געזאַמלט. דער „דזשאָינט" און דער „אָרט" האָבן געהאַט אַ גרויסן פּערסאָנאַל פון פאַכמענטשן, וועלכע האָבן איבער די קאָלאָניעס געוואַכט. אויב איין עקספּערימענט האָט זיך ניט איינגעגעבן, אויב די אָדער יענע תבואה איז ניט געוואַקסן, האָט מען גלייך דורכגעפירט אַן אַנדער עקספּערימענט, אָבער ניט אויפן חשבון פון קאָלאָניסט. איז געווען אַ גערעטעניש, אָדער ניט, דער „דזשאָינט" און דער „אָרט" האָבן דעם קאָלאָניסט באַזאָרגט מיט דעם נייטיקן, וואָס אַ מענטש האָט געדאַרפט האָבן אין סאָוועט-רוסלאַנד אונטער די סאָוועטישע באַדינגונגען. דעם יידישן קאָלאָניסט אין די קאָלאָ-

ניעם האָט זיך געלעבט אַ סך בעסער ווי דעם דעקלאַסירטן יידן אין שטאָט. צו זיין אין סאָוועט-רוסלאַנד אַ יידישער קאָלאָניסט איז געווען אַ פּריווילעגיע. אויך אין ארץ-ישראל איז יידישע קאָלאָני-זאַציע געווען און איז ניט קיין גרינגער ענין. אָבער די ציוניסטישע באַוועגונג האָט מיט ליבע געצערטלט דעם קאָלאָניסט. מען האָט אים געגעבן מאָדערנע מאַשינען, כדי די אַרבעט און דאָס לעבן זאָל אים זיין לייכטער.

ביים בויען די קאָלאָניזאַציע אין קרים און אין ארץ-ישראל איז געווען גרויס פּאַרנעם, ליבע צו דער זאַך און ליבע צו די מענטשן, וואָס מען האָט באַדאַרפט באַזעצן אין די קאָלאָניעס. מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ-ישראל האָט מען געבויט און מען וויל בויען אַ יידיש היימלאַנד. מיט דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועט-רוסלאַנד האָט מען געוואָלט גליקלעך מאַכן די הונדער-טער טויזנטער דעקלאַסירטע יידן, וואָס זיינען געווען רעכטלאָז און אַדאַנק דער סאָוועטישער סיסטעם פאַרמשפּט געוואָרן צום פול-שטענדיקן אונטערגאַנג.

אַנדערש איז געווען דער צוגאַנג צו דער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. באַראָן הירש, דער פאָטער פון דער יידישער קאָלאָ-ניזאַציע אין אַרגענטינע, האָט זיכער פאַרמאָגט אַ גרויסע ליבע צו די יידן פונעם צאַרישן רוסלאַנד. ער האָט זיי געוואָלט ראַטעווען פון פּאָגראָמען. ער האָט זיי געוואָלט פאַרוואַנדלען אין געזונטע, פּראָדוקטיווע מענטשן. ווי אַנדערש איז אָבער געווען די ווירק-לעכקייט! די באַאַמטע פון דער באַראָן-הירש-געזעלשאַפט „איקאַ" זיינען ניט געווען צוגעפּאַסט, האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן ענין יידישע קאָלאָניזאַציע. זיי האָבן געקויפט ערד, געבראַכט פון רוסלאַנד די, וועלכע עס האָבן פון רוסלאַנד געוואָלט אַנטלויפן און זיינען געווען גרייט צו גיין אַפילו ווי מען זאָגט, אין פייער, אַבי אויסצומיידן פּאָגראָמען. מען האָט זיי געבראַכט אויף די אַרגענטינער פעלדער, געגעבן זיי צו שטיקלעך ערד, און איבערגעלאָזן אַ פאַר-טרעטער פון דער „איקאַ", וועלכער זאָל זיי אַ ביסל לערנען און הויפּטזעכלעך וועלכער זאָל קענען זאַמלען די צינזן, וואָס דער קאָלאָ-ניסט האָט זיך פאַרפליכט צו צאָלן דער באַראָן-הירש-געזעלשאַפט. קיין אַנדער הילף האָט מען זיי כמעט ניט געגעבן. קיין שטענדיקע אַגראָנאָמען, וואָס זאָלן זיי לערנען ווי אַזוי צו אַרבעטן, האָט מען פאַר זיי ניט געהאַט. אַלץ האָבן זיי געדאַרפט טאָן אַליין. האָבן זיי אַליין

עקספּערימענטירט, האָבן אַליין געאַרבעט און געאַרבעט שווער, און איצט פרייען זיי זיך מיט די רעזולטאַטן.

איך האָב געזאָגט, אַז די ערד אין די קאָלאָניעס פון „ענטרע־ריאָס" איז אַ פעטע און אַ פּרוכטבאַרע און ווען אַלץ איז נאָרמאַל, איז דאָס לעבן פון די קאָלאָניסטן ניט שווער. אָבער עס זיינען דאָ צוויי נאַטור-דערשיינונגען, וועלכע האַלטן דעם קאָלאָניסט אין שטענדיקער שרעק פאַרן מאָרגן.

דאָס ערשטע זיינען די רעגנס. ווען דער ווינטער פאַנגט זיך אָן, און ער הייבט זיך אָן אין יוני, ווערן די פעלדער פאַרזייט. דער אָנהייב פון ווינטער איז דאָרטן אַ זייער שיינער. אַ ווינטער אָן שניי. אָבער דערנאָך קומען די מאָנאַטן יולי און אויגוסט, מאָנאַטן פון גרויסע רעגנס און זייער אָפט גיסן די רעגנס טאָג און נאַכט, נאַכט און טאָג, אָן אָן אויפהער. דער הימל לייטערט זיך קיין מאָל ניט אויס, און עס קענען אַזוי אַוועקגיין וואָכן. ווען אַזוינע רעגנס קומען, שווענקען זיי אַראָפּ פון די פעלדער אַלץ וואָס איז פאַרזייט געוואָרן און דער קאָלאָניסט, וועלכער קען אין יענער צייט פון שטוב ניט אַרויסגיין, ווייל די שוואַרצע זאַפטיקע ערד האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער בלאָטע, זיצט פאַרשפּאַרט אין שטוב און זעט ווי דער רעגן שווענקט אָפּ זיין גאַנצע אַרבעט, זיין גאַנצע פויערישע מי. דעמאָלט ווייס ער, אַז דאָס יאָר וועט פאַר אים זיין אַ שווערס אַ ביטערס. לעבט טאַקע דער קאָלאָניסט אין שטענדיקער שרעק פאַר די גוס-רעגנס, וואָס קענען קומען. ווען עס טרעפט אַ יאָר, ווען די רעגנס פאַלן נאָרמאַל, איז דער קאָלאָניסט אַ גליקלעכער און שניידט זיינע פעלדער מיט אַ ברייטער האַנט.

די צווייטע שרעק זיינען די היישעריקן. די אָנשיקעניש קומט שוין ניט אַזוי אָפט, אָבער די קאָלאָניסטן ווייסן פון דער דערפאַרונג, אַז אַלע פינף אָדער זיבן יאָר קומען צו פליען היישעריקן אויף זייערע פעלדער. קיינער ווייס ניט פון וואַנען זיי קומען און אַזוי אויך ווייס קיינער ניט וואוהין זיי פאַרשווינדן. זיי קומען צו פליען אין די ביליאָנען. ווען זיי ווייזן זיך, ווערט דער הימל פאַרצויגן מיט איין גרויסער כמאַרע היישעריקן. זיי פאַרדעקן די גאַנצע ערד און עסן אויף אַלץ וואָס איז פאַרזייט געוואָרן. דאַן הייבן זיי זיך ווייטער אויף און פליען אַוועק. ווען די היישעריקן קומען, שטייען די קאָלאָניסטן הילפלאָזע און זעען ווי דער שונא עסט אויף און פאַרניכט אַלץ, וואָס זיי האָבן געזייט, און זיינען הילפלאָז עפּעס צו טאָן.

מען זוכט מיטלען ווי אַזוי קעגן דעם צו קעמפן, אָבער קיין ווירק־זאַמע מיטלען האָט מען דערווייל ניט געפונען. טראַכטן טאַקע איצט די יידישע קאָלאָניסטן ווי אַזוי צו בייטן די תבואות, וואָס זיי פאַרזייען. אויף דעם אָרט פון ווייץ און ליאָן, וואָס עס נעמט לאַנג ביז זיי ווערן רייף, זאָל מען אָנהייבן צו פלאַנצן אַזוינע פאַרם־פּראָ־דוקטן, וואָס דאַרפן פיל ווייניקער צייט אויף רייף צו ווערן, אַזוי אַז אויב די רעגנס וועלן קומען, אָדער אויב היישעריקן וועלן קומען און וועלן איין זייאונג פאַרניכטן, זאָל מען קענען אויף גיך פון דאָס ניי פאַרזייען. די ענדערונג איז שווער צו מאַכן, אָבער אין אַ גאַנצער ריי קאָלאָניעס ווערט זי שוין געמאַכט.

ווען איך בין געפאָרן איבער די קאָלאָניעס און בין געווען דער גאַסט פון יעדן איינציקן קאָלאָניסט אין זיין אייגענעם הויז, האָבן די קאָלאָניסטן אַרויסגעוויזן אַזוי פיל גאַסט־פריינדלעכקייט, וויפל עס קען נאָר אַרויסווייזן אַ גוטער נאַטור־מענטש, וועלכער איז גרייט מיט דעם גאַסט זיך צו טיילן מיט אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט אין זיין הויז. אַרומפאָרנדיק האָט מען געדאַרפט אין יעדן הויז פאַרזוכן די קעז, די סמעטענע וואָס דער פאַרמער מאַכט, די אייער וואָס די הינער לייגן און די מאַראַנצן, וואָס וואַקסן אַרום הויז.

יידישע קאָלאָניסטן ברענען אויס היישעריקן אין פעלד

די יוגנט אין די קאָלאָניעס

אַסך האָב איך זיך אָנגעהערט און אויך אָנגעלייענט וועגן דעם ווי די אַרגענטינער יידישע יוגנט לויפט פון די קאָלאָניעס צוריק אין שטאָט אַריין. דאָס האָט מען אַלע מאָל פאַרגעוואָרפן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. ווען עמע-צער האָט געוואָלט באַווייזן, אַז די יידישע קאָלאָניזאַציע אין אַרגענ-טינע איז דורכגעפאַלן, האָט ער שטענדיק אָנגעוויזן, אַז די יידישע יוגנט, וואָס איז געבאָרן אין די קאָלאָניעס פון אַרגענטינע, פאַרבלייבט ניט דאָרטן. דאָס איז נאָר טיילוויז אמת, און אין דעם איז ניט שול-דיק די יידישע קאָלאָניזאַציע. די יידישע יוגנט ראַנגלט זיך צו בלייבן אויפן לאַנד, צו לעבן אין די קאָלאָניעס, אָבער דאָס איז פאַר איר ניט אַזוי גרינג. פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, אין ס'רוב פאַלן, איז די באַראָן-הירש-געזעלשאַפט, די „איקאַ". שוין 20 יאָר, אַז די יידישע קאָלאָניסטן פירן אַ קאַמף מיט דער „איקאַ", אַז זי זאָל זיי געבן מער לאַנד, כדי די קינדער זאָלן קענען בלייבן אין די קאָלאָ-ניעס און פאַרזעצן דאָרט זייער לעבן. און דער קאַמף האָט נאָך ביז איצט ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. אַט האָט אַ יידישער קאָלאָ-ניסט געקראָגן 50 העקטאַר לאַנד און עס באַאַרבעט. ווען אַלץ זאָל גיין כשורה, ווען עס זאָלן ניט פאָרקומען קיין פאַרפּליצונגען און קיין היישעריקן זאָלן ניט קומען, זיינען די 50 העקטאַר לאַנד גענוג פאַר אַ פאַמיליע צו האָבן אַ באַשיידענע חיונה. אָבער ווען עס וואַקסן אויף דריי, פיר קינדער און זיי דאַרפן טראַכטן וועגן חתונה האָבן און איינאָרדענען אויך פאַר זיך אַ לעבן, איז דאָס אוממיגלעך צו טאָן אויפן טאַטנס ערד, אויף די 50 העקטאַר וואָס מען האָט באַקו-מען פון דער באַראָן-הירש-געזעלשאַפט. פאַרלאַנגט מען פון דער באַראָן-הירש-געזעלשאַפט, אַז זי זאָל געבן ערד אויך פאַר די קינדער און געבן דאָס ניט אומזיסט, זאָגט זיך אָפּ די באַראָן-הירש-געזעלשאַפט

דאָס צו טאָן. פאַר וואָס? אויף דעם איז דאָ איין ענטפער: „די קאָנסטיטוציע”. אין דער קאָנסטיטוציע פון דער באַראָן־הירש־געזעלשאַפט שטייט אָנגעשריבן שוואַרץ אויף ווייס, אַז די געזעלשאַפט האָט זיך געגרינדעט צו באַזאָרגן מיט לאַנד אימיגראַנטן פון די אייראָפּעאישע לענדער. אָבער די קינדער פון די קאָלאָניסטן זיינען ניט קיין אימיגראַנטן, זיי זיינען געבאָרן אין אַרגענטינע, דאַרף זיך די באַראָן־הירש־געזעלשאַפט פאַר זיי ניט זאָרגן. ווערט דאָס לעבן פון דער פאַמיליע אויף דעם קליינעם שטיקל לאַנד פאַר אַלעמען ענג. קויפן אויף אַ פּריוואַטן אופן ערד, איז שווער, און מען קען די ערד ניט קויפן לעבן טאַטע־מאַמע, ווייל די ערד אַרום דעם טאַטנס פאַרם באַלאַנגט צו דער באַראָן־הירש־געזעלשאַפט. דאַרף מען פאָרן ווייט, צו קויפן ערד ביי פּריוואַטע ספּעקולאַנטן, און אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי, אַזוי ווי עס האָבן מיט 50 יאָר צוריק אָנגעהויבן די טאַטעס. דאָס איז זייער שווער, פאַר דעם שרעקט מען זיך. ראַנגלט מען זיך. כל־זמן מע קען זיצן מיט טאַטע־מאַמע און מע באַאַרבעט די פעלדער, אויף וועלכע זיי, די קינדער, זיינען אויפגעהאָדעוועט געוואָרן און וואָס מען האָט זיי ליב. אָבער אַז עס ווערט ענג און מען דאַרף שוין אַנטלויפן, גייט מען אויפן וועג פון גרינגן ווידערשטאַנד, מען גייט אין שטאָט אַריין.

איך האָב זיך באַגעגנט מיט קינדער פון געבוירענע קאָלאָניסטן. זיי האָבן גערעדט מיט טיפן פאַרדרוס און ווייטיק, זיי האָבן פאַרגעוואָרפן די, וואָס פירן אָן מיט דער באַראָן־הירש־געזעלשאַפט, פאַר וואָס זיי היטן אָפּ יעדן פּונקט פון דער קאָנסטיטוציע, וועלכע זאָגט, אַז די געזעלשאַפט דאַרף נאָר העלפן אימיגראַנטן, און פאַר די היי־געבאָרענע האָט זי קיין שום אינטערעס ניט און וויל זיי ניט העלפן. דאָס שטערט אין אַ גרויסער מאָס דער קאָלאָניזאַציע זיך צו צעוואַקסן.

הערנדיק דאָס אַלץ האָב איך געטראַכט, ווי אַנדערש עס זיינען די פּירערס פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע־אַרבעט פון „דזשאָינט” און „אָרט” און פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל אין פאַרגלייך מיט די אָנפירערס פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע, בעסער געזאָגט, מיט די אייגנטימערס פון די לייזיקע שטרעקעס ערד, וועלכע הייסט די „באַראָן־הירש־געזעלשאַפט”.

ניין, די יידישע יוגנט לויפט ניט פון די קאָלאָניעס. די יידישע יוגנט ווערט געטריבן פון די קאָלאָניעס. זי וויל ניט גיין, זי ראַנגלט זיך. אַ גרויסער טייל פון איר גייט פון דער ערד ניט אַוועק. אַ סך קעמפן מיט אַלע שוועריקייטן און אַ טייל קען דעם קאַמף ניט אויסהאַלטן און גייט אַוועק אין שטאָט אַריין. און אפילו די, וואָס זיינען שוין אַוועק אין שטאָט, בענקען נאָכן דאָרף און זוכן מיטלען ווי צוריקצוגיין. עס גייט טאַקע אָן איצט אַ שטאַרקע באַוועגונג אין אַרגענטינע צווישן דער יידישער יוגנט אונטערן לאָזונג: „צוריק צו דער ערד".



אַ יונגע קאָלאָניסטקע פירט מילך

יידישע מיידלעך אין די אַרגענטינער קאָלאָניעס

דער יידישער בחור אין דער פֿאַמיליע פֿון דעם קאָלאָניסט אַרבעט טאָג און נאַכט אויפֿן פֿעלד. ער זייט, פֿאַסט אויף אויף די בהמות, פֿאָרט אַרום אויפֿן פֿערד איבערן טאַטנס פֿעלד אַכטונג צו געבן, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. און רייטן רייט ער אויפֿן פֿערד געשיקט, גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ פֿאַרמער פֿון דור־דורות. אַנדערש איז דאָס יידישע מיידל. זי בענקט נאָך דער שטאָט, און ניט אַזוי נאָך דער שטאָט ווי נאָכן פּרינץ פֿון די מעשה־ביכלעך, וועלכער וואַנדערט ערגעץ אַרום און אָט־אָט וועט ער קומען צו איר, זיין באַשערטער, און וועט זי אַוועקנעמען פֿון שווערן דאָרפֿישן לעבן. קלאָגן זיך טאַקע טאַטעס, אַז זייערע טעכטער ווילן ניט חתונה האָבן פֿאַר די דאָרפֿישע יונגעלייט. כמעט יעדע מיידל האָט אין איר חלום זיך אויסגעמאָלן אַן אַנדער באַשערטן. גייען טאַקע די מיידלעך אַרום מיט געפֿאַרבטע נעגלעך, מיט שיינע, גקרייזטע לאָקן, און דאָס אַלץ האַרמאָנירט ניט מיט דער נאַטור־סביבה וואָס רינגלט זיי אַרום.

די מיידל טוט אויף דער פֿאַרם די סאַמע גרינגסטע אַרבעט. זי גיט אַכטונג אויפֿן הויז, פֿאָרט אין שטאָט איינקויפֿן וואָס מען דאַרף. אָבער ווען מען זעט זי פֿאָרנדיק אין שטאָט, פֿאַרגעסט מען וועגן אַלע אירע חלומות פֿון דעם פּרינץ, וואָס דאַרף צו איר קומען. ווען זי פֿאָרט אויפֿן פֿערד רייטנדיק, האַלט די לייצעס און פֿליט פֿייל־אויסן־בויגן, אָדער ווען זי זיצט אויף דער בריטשקע, מיט די לייצעס אין האַנט און טרייבט דאָס פֿערד שטאַרקער און שטאַרקער, דערקענט איר, אַז אין תוך אַריין איז זי אויך אַ קינד פֿון דער נאַטור. איי, אירע חלומות — זיי וועלן אַוועק. עס וועלן קומען די מער ניכטערע טעג און יאָרן, זי וועט פֿון אירע חלומות זיך אָפּזאָגן און וועט זיך צוריק אומקערן צו דער אַרבעט אויפֿן פֿעלד, וואו עס אַרבעט איר מאַמע און וואו עס אַרבעטן אירע עלטערע פֿאַרהייראַטע שוועסטער. איך האָב זיי געזען אַרבעטנדיק אויפֿן פֿעלד און אַרום דעם הויז.

קינדער פֿאָרן אין שולן

וי שוין דערציילט, זיינען די קאָלאָניסטן ס׳רוב אָפּגעזונדערט איינער פון צווייטן אויף צענדליגער מיילן. די קינדער פון די קאָלאָניסטן וואָס דאַרפן גיין אין שול, האָבן ניט קיין שול נאָענט לעבן זייער היים. דאַרפן זיי פאָרן אין נאָענטסטן שטעטל.

ווען איך האָב אויסגעדריקט מיין פאַרלאַנג צו באַזוכן די שול פון שטעטל, דאָס איז די אָפיציעלע רעגירונג-שול (פאַר יידיש זיינען דאָ באַזונדערע שולן) איז גראָד געווען אַ פאַרוואָלקנטער טאָג. מען האָט מיר געזאָגט, אַז מען דאַרף וואַרטן אויף אַ שיינעם וועטער. אויף מאָרגן איז געווען אַ שיינער טאָג. צען אין דער פרי זיינען מיר אַוועק אין שול. איך בין געווען איבערראַשט צו זען אויפן גרויסן הויף פון דער שול אַ סך צוגעבונדענע פערד. ווען איך האָב געפרעגט וואָס דאָס באַטייט, האָט מען מיר געענטפערט אַז אויף די פערד קומען צו פאָרן רייטנדיק די קינדער פון די וויטע קאָלאָניעס. ווען דאָס לערנען האָט זיך געענדיקט און די קינדער זיינען אַרויס פון שול, האָבן זיי זיך גיך אַרויפגעכאַפט אויף זייערע פערדלעך און אַוועקגעריטן אַהיים. קינדער פון 8, פון 10 יאָר און עלטער, האָבן קיינעמס הילף ניט געדאַרפט ארויפצוזעצן זיך אויף די פערדלעך און קיינער פון זיי האָט קיין מורא ניט געהאַט זיך צו לאָזן אין וועג. אויך די מאַמעס אין דער היים זיינען געווען זיכער, אַז אויף זייערע קינדער קען מען זיך פאַרלאָזן און אַז זיי וועלן בשלום קומען פון שול. און אַז מן קען זיך אויף די קינדער פאַרלאָזן, דאָס האָב איך אַליין

געזען. איך האָב געזען מיידלעך און ייִנגלעך, רײַטנדיק אָפט מאָל צו צוויי אויף אַ פערד. שטיפעריש, מיט הילכיקע געלעכטערס, יאָגן זיי זיך, אָן דעם מינדסטן געפיל פון מורא. פאַר מיר, דעם גרויס־שטאָטישן, וועלכער איז געוויינט געוואָרן צו זען ווי די מאַמעס אין ניו־יאָרק פירן זייערע קינדערלעך ביי דעם הענטעלע אין שול אין גאַנצן אַ גאַס אָדער צוויי פון זייער היים — איז געווען אַ פרייד און אַ נחת־רוח צו זען ווי יידישע קינדער ווערן זעלבשטענדיק אין די פריסטע יאָרן.



זי רייט אין שול זיך לערנען

די אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוון

ווען מע קומט אין די יידישע קאָלאָניעס פון אַרגענטינע, איז ניט גענוג צו זען די פּאַרזייטע פעלדער, די פערד, בהמות, הינער און גענדז. עס איז אויך ניט גענוג צו זיין אין די הייזער פון די קאָלאָניסטן, זיך באַקענען מיט זייער אַרט לעבן און זייער הויז־ווירטשאַפט. ניין דאָס איז ניט גענוג. עס איז וויכטיק און אַבסאָלוט נייטיק מער צו באַקענען זיך מיט דעם אַלגעמיינעם קאָלעקטיוון גייסט אין די קאָלאָניעס. ער דריקט זיך אויס צום שטאַרקסטן אין דער אַגראַר־קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג.

מיט דער אַגראַר־קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג האָב איך זיך גענומען באַקענען נאָך איידער איך בין געפאָרן זען די יידישע קאָלאָניעס.

אין בוענאָס־איירעס געפינט זיך די הויפּטביוראָ פון אַלע קאָאָפּעראַטיוון „די פּראָטערנידאַד אַגראַריאַ", אין פּשוטן מאַמע־לשון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַטיוו. דער פירער פון דער ביוראָ, און דאָס מיינט פאַקטיש פון דער יידישער אַגראַר־קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג אין אַרגענטינע, איז יצחק קאַפּלאַן. ער איז איר האַרץ און נשמה.

יצחק קאַפּלאַן איז געבאָרן אין סוויסלאָטש, ליטע, אין יאָר 1878. ער איז געקומען אין איינער פון די אַרגענטינער יידישע קאָלאָניעס, ווען ער איז אַלט געווען זיבעצן יאָר. אין דער אַלטער היים האָט ער געקראָגן אַ רעליגיעזע דערציאונג. ער האָט עטלעכע יאָר פאַר זיין אַוועקפאָרן קיין אַרגענטינע, געלערנט אין דער ביאַליסטאָקער ישיבה. אין דער קאָלאָניע „קלאַראַ", האָט ער מיט זיינע עלטערן אַ לאַנגע צייט געאַרבעט אויפן פעלד, געפּירט, אָדער געהאָלפן פירן און באַאַרבעטן זיין טאַטנס ווירטשאַפט. דער יונגער קאָלאָניסט,

יצחק קאַפּלאַן, האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער קאָ-אָפּעראַטיווער באַוועגונג פונעם לאַנד, און האָט זיך אויך גענומען צו העלפן בויען אַ קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג צווישן די יידישע קאָלאָניסטן. אין 1914 גרינדעט ער אַ ליי- און שפּאַר-קאַסע פאַר די קאָלאָניסטן. ער ווערט אַלץ מער און מער באַגייסטערט פאַר דעם קאָאָפּעראַטיוון געדאַנק. ער פאָרט אַרום איבער די קאָלאָניעס און פּראָפּאַגאַנדירט דעם געדאַנק פון קאָאָפּעראַציע. דער אינזשינער מיכל סאַכאַראָוו, וועלכער איז אַ סך עלטער פון יצחק קאַפּלאַן און לענגער אין די קאָלאָניעס, האָט שוין לאַנג אַזאַ באַוועגונג אָנגעהויבן, אָבער דער פּראַקטישער און ענערגישער יצחק קאַפּלאַן באַנוגנט זיך ניט מיט דעם וואָס ס'איז שוין פאַראַן. ער גרינדעט נייע קאָאָפּע-ראַטיוון. אין 1928 ווערט קאַפּלאַן דער פאַרוואַלטער פון דער „פראַ-טערנידאַד אַגראַריאַ". אונטער זיין אויפזיכט ווערט די קאָאָפּעראַ-טיווע באַוועגונג איינפלוסרייך און שטאַרק. אונטער זיין רעדאַקציע ווערט אַרויסגעגעבן דער זשורנאַל „קאָלאָניסט-קאָאָפּעראַטאָר". יצחק קאַפּלאַן איז לויט זיינע איבערצייגונגען אַ ציוניסט. עטלעכע יאָר צייט איז ער געווען דער הויפּט-סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי אין אַרגענטינע. אָבער דאַן ווען די גרעסטע צאָל ציוניסטן קוקן אויף דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע מיט ביטול און זוכן שטענדיק די דורכפאַלן אירע, כדי מיט דעם צו באַווייזן, אַז יידישע קאָלאָניזאַציע, יידישע אַרבעט, יידיש לעבן האָט נאָר אַ ווערט אין איין לאַנד—און דאָס איז ארץ-ישראל—טוט יצחק קאַפּלאַן דאָס פאַרקערטע. ער איז מיט זיין גאַנצן האַרצן איבערגעגעבן דער יידישער קאָלאָניזאַציע. די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג איז ביי אים ניט נאָר אַ מיטל ווי אַזוי צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון דעם קאָלאָ-ניסט אָט שוין, היינט, נאָר די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג איז ביי אים אַ גרויסער מענטשלעכער אידעאַל , אַ וועג אויף וועלכן מענטשן וועלן מאָרגן גיין כדי צו קומען צו סאָציאַלער גערעכטיקייט און כדי איינצופירן אַ יושרדיקע וועלט-אָרדענונג. ער אַרבעט צווישן יידן און פאַר יידן, אָבער זיין קאָאָפּעראַטיווע אידיי איז אַן אַל-מענטשלעכע.

אונטער דער אויפזיכט פון דער „צענטראַלע" געפינען זיך היינט 34 אַגראַ-קאָאָפּעראַטיוון, 6 קאָאָפּעראַטיוון וואָס פאַרקויפן סמעטענע, 22 קאָאָפּעראַטיוון פאַר דעם קעז-פאַרקויף, 5 פלייש-קאָ-

אָפּעראַטיוון און איין קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי. דער קאַפּיטאַל פון די קאָאָפּעראַטיוון איז איין מיליאָן מיט 450 טויזנט פּעזעס. זייערע געשעפטלעכע אָפּעראַציעס במשך פון אַ יאָר באַטרעפן אַן ערך זיבן מיליאָן פּעזעס.

די קאָאָפּעראַטיוון נעמען צו ביי דעם יידישן פאַרמער אַלץ וואָס ער נעמט אַראָפּ פון די פעלדער און פאַרקויפן דאָס פאַר אים. דורך די קאָאָפּעראַטיווע קראָמען קריגט דער פאַרמער זיינע פּראָדוקטן, וואָס ער דאַרף פאַרן טאָגטעגלעכן לעבן און פאַר זיין באַלעבאַטיש-קייט. ווען עס טרעפט אַ שלעכט יאָר, דאַרף דער קאָלאָניסט ניט פאַרצווייפלט ווערן. עס איז דאָ די קאָאָפּעראַטיווע באַנק, וואָס באָרגט אים אויס, ווען ער דאַרף נאָר.

איידער די אַגראַר-קאָאָפּעראַטיוון זיינען געוואָרן אַ כוח אין דעם קאָלאָניסטס לעבן, איז דער יידישער קאָלאָניסט געווען אָפּ-הענגיק פון פּריוואַטע סוחרים-ספּעקולאַנטן, וועלכע האָבן ביי אים צוגענומען אַלץ האַלב אומזיסט און געריסן פון אים די הויט, ווען מען האָט אים עפּעס פאַרקויפט. היינט איז דאָס בילד אַ גאַנץ אַנדערש. אַדאַנק דעם אַגראַר-קאָאָפּעראַטיוו „פראַטערנידאַד אַגראַריאַ", וועל-כער באַטראַכט זיך פאַר דעם קאָאָפּעראַטיוו פון די קאָאָפּעראַטיוון האָט דער קאָלאָניסט גענומען לעבן בעסער און רואיקער. די קאָאָפּע-ראַטיווע בענק גיבן אים קרעדיט, ווען ער נייטיקט זיך. דער אַגראַר-קאָאָפּעראַטיוו גיט אים ברויט, ווען עס פעלט אים זריעה אויף צו פאַרזייען. מיט איין וואָרט, ער זאָרגט זיך פאַר דעם וואוילזיין פון קאָלאָניסט.

די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג איז דערפאָלגרייך. די קאָלאָניסטן זיינען פאַר איר באַגייסטערט. די פירער פון די אַגראַר-קאָאָפּעראַ-טיוון האָט זיך איינגעגעבן צו פאַראייניקן די פּראַקטישע נוצן פון היינט מיט אַ גרויסן און וויכטיקן מענטשלעכן אידעאַל. און טאַקע דערפאַר איז די באַוועגונג דערפאָלגרייך.

פּאַרוויילונג, בילדונג און מעדיצינישע אַנשטאַלטן

אין יעדער געגנט פון אַרגענטינע, וואו עס געפינען זיך יידישע קאָלאָניעס, געפינט זיך אַ שטעטעלע, ניט קיין גרויסע, וועלכע איז דער צענטער פון פאַרוויילונגען. אין שטעטעלע איז געוויינלעך אויך פאַראַן אַ שול פאַר יידישע קינדער און אַ שפּיטאַל.

איך בין געווען אין די אַנשטאַלטן, וואָס געפינען זיך אין דער געגנט פון ענטראַ־ריאָס, אין דעם שטעטעלע דאָמינגעז. אין שטעטל געפינט זיך אַ שיינע פאָלקס־הויז. אין פאָלקס־הויז איז דאָ אַ גרויסע ביבליאָטעק פון שפּאַנישע, יידישע און אפילו רוסישע ביכער. די רוסישע ביכער ווערן, נאַטירלעך, געלייענט נאָר פון די עלטערע קאָלאָניסטן. אין דער ביבליאָטעק האָב איך אַלע אָוונט באַגעגנט די יוגנט, וועלכע לייענט און אינטערעסירט זיך מיט אַלץ וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט. די שיינע מיידל, וועלכע פאַסט אויף אויף דער ביבליאָטעק, האָט מיך אַרומגעפירט און געוויזן אַלע אָפּטיילונגען. די גרעסטע צאָל לייענען ביכער אין דער לאַנדשפּראַך, שפּאַניש. ווען מיר זיינען צוגעגאַנגען צו דער יידישער אָפּטיילונג, האָט זי מיר געזאָגט, אַז דאָ לייענט מען אַ סך ווייניקער, און דאָס איז ניט דערפאַר, ווייל דער קאָלאָניסט וויל ניט לייענען קיין יידיש. „איר זעט — האָט מיר די מיידל געזאָגט — די אַלע ביכער, וועלכע מיר האָבן אין יידיש, זיינען שוין פון די קאָלאָניסטן איבערגעלייענט געוואָרן. נייע יידישע ביכער האָבן מיר ווייניק, מיר זיינען ווייניק באַקאַנט מיט דעם, וואָס עס ווערט אַרויסגעגעבן אין יידיש. ווען עס גייט אַרויס אַ בוך אין שפּאַניש, לייענט מען וועגן דעם אין דער שפּאַנישער צייטונג און מע קויפט שוין דאָס בוך. אָבער וועגן יידישע ביכער שרייבט מען אין די צייטונגען זייער ווייניק, און מיר ווייסן ניט וואָס עס ווערט אַרויסגעגעבן, און דערפאַר, כאָטש אונדזער ביבליאָטעק איז אין צאָל יידישע ביכער אַ גאַנץ רייכע, האָט מען שוין אָבער כמעט אָט די אַלע ביכער דורכגעלייענט”.

דער שפּיטאַל פון שטעטל איז ניט קיין גרויסער, אָבער אונטער די פאַרמערישע באַדינגונגען איז דאָס אַ שיינער און באַקוועמער

שפּיטאָל. צוויי דאָקטורים געפינען זיך אין אים. דער שפּיטאָל איז געגרינדעט געוואָרן פון אַ יידן אַן אידעאַליסט, ד"ר יאַרכאָ וועלכער האָט צוליב די פּאָגראָמען אין די 80קער יאָרן פאַרלאָזן רוס־לאַנד און איז געקומען אין די קאָלאָניעס אַרבעטן אַלס דאָקטער.

די קאָלאָניסטן רעדן וועגן אים ממש מיט פאַרגעטערונג. עס איז שוין 20 יאָר זינט ער איז געשטאָרבן, אָבער זיין גייסט און איינפלוס לעבט נאָך. מען רעדט וועגן אים גלייך ווי ער וואָלט נאָך נעכטן געווען צווישן די לעבעדיקע.

דער שפּיטאָל און די דאָקטוירים באַדינען אַלע יידישע קאָלאָ־ניסטן פון יענעם ראַיאָן. ער ווערט אויסגעהאַלטן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג און אַלע ריידן וועגן דער שפּיטאָל ווי וועגן אַ גרויסן און שיינעם אויפטו.

די יידישע שולן אין די קאָלאָניעס זיינען היינט שוואַכער ווי זיי זיינען געווען אַמאָל און איניקע קאָלאָניסטן זאָגן, אַז אויך פאַר דעם איז פאַראַנטוואָרטלעך די „איקאַ". זי האָט געשטיצט און אויפגע־האַלטן נאָר רעליגיעזע העברעאישע שולן. אויף יידיש האָבן די „איקאַ"־פירערס געקוקט ווי אויף אַ נישטיקן זשאַרגאָן, אָבער די העברעאישע שפּראַך איז דער היים פון קאָלאָניסט געווען פרעמד, און דערפאַר זיינען די שולן אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז קוים וואָס זיי עקסיסטירן.

יידישע קינדער אין די קאָלאָניעס ריידן יידיש, אָבער יידיש האָבן זיי זיך אויסגעלערנט פון טאַטע־מאַמע אין שטוב. אין די שולן האָט מען זיי ווייניק יידיש געלערנט.

אין דעם שטעטל דאָמינגעז האָט מען פאַר מיר אַראַנזשירט אַ גרויסע פאַרזאַמלונג. דאָרטן קען מען האַלטן אַ רעדע אין יידיש. אָפיציעל טאָר מען דאָס נישט, נאָר דער פּאָליציאַנט מאַכט זיך נישט וויסנדיק און מען רעדט. צו דער פאַרזאַמלונג זיינען געקומען איבער 200 קאָלאָניסטן. איך האָב גערעדט וועגן דעם יידישן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און וועגן דעם איצטיקן שווערן יידישן לעבן אין איראָפּע. נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט מען זיך אויסגעזעצט ביי שיין געדעקטע טישן און מען האָט געגעסן קוכן און געטרונקען סאָדע־וואַסער, פּונקט ווי נאָך אַן ענלעכער פאַרזאַמלונג אין אַ שטעטל ביי אונדז אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מיכל סאַכאַראָוו

צוליב מיכל סאַכאַראָוו בין איך גע-
פאָרן זען די קאָלאָניעס אין דער געגנט ענטרע-ריאָס. איך האָב אַזוי
פיל וועגן אים געהערט אין בוענאָס-איירעס, אַז איך בין פשוט גע-
וואָרן נייגעריק אים צו זען און מיט אים צו רעדן.

מיכל סאַכאַראָוו איז אַן אינזשינער-אַגראָנאָם און אַן אידעאַליסט.
ער איז איצט 70 יאָר אַלט. געקומען קיין אַרגענטינע איז ער אין
עלטער פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר. וואָס האָט אים אַהער גע-
בראַכט? דאָס איז געווען די פראַגע, וואָס איך האָב אים געשטעלט,
ווען איך האָב אים באַזוכט אויף זיין פאַרם. אָט וואָס ער האָט מיר
דערציילט:

„דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען אין רוסלאַנד האָט זיך
אָנגעהויבן צווישן דער רוסישער אינטעליגענץ די באַוועגונג פון
דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ”. דאָס איז די באַוועגונג, וואָס האָט
אַרויסגעגעבן אַזעלכע הערלעכע געשטאַלטן ווי סאָפיאַ פעראָווסקאַיאַ,
מיכל סאַכאַראָוו איז דאַן געווען אַ סטודענט. ער איז קיין מיטגליד
פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ” ניט געווען, אָבער ער האָט געהאַט
גרויסע סימפּאַטיע פאַר יענע העלדן פון דער רוסישער אינטעליגענץ,
וועלכע האָבן געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פונעם רוסישן פאָלק.
ווען מען האָט געטייט דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן און אין
רוסלאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָגראָמען, איז ער געווען אין
יעקאַטערינאָסלאַוו. אויך דאָרטן איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם. „מערק-
ווירדיק — זאָגט מיכל סאַכאַראָוו — ביז יענע פּאָגראָמען האָב איך
ניט געטראַכט וועגן מיין פאָלק. איך בין געווען אַ רוסישער אינ-
טעליגענט, וועלכער האָט געטראַכט וועגן דעם רוסישן פאָלק. אָבער
די פּאָגראָמען האָבן מיך געמאַכט פאַר אַ יידן. איך האָב באַשלאָסן
צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און פאָרן אַהין, וואוהין עס פאָרן יידן, באַזעצן
זיך אויף ערד און פירן אַ נאָרמאַל פּראָדוקטיוו לעבן”.

ער איז פריער געפאָרן קיין דייטשלאַנד, געענדיקט אַן אַגראַר־שול און דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן קיין בוענאָס־איירעס. געוואָלט האָט ער זיך באַזעצן אין די קאָלאָניעס, נאָר די „איקאַ״ האָט אים אַ לאַנגע צייט אין די קאָלאָניעס ניט געוואָלט אַריינלאָזן. ער איז געווען צו אינטעליגענט, האָבן זיי געזאָגט, צו באַשעפטיקן זיך מיט ערדאַרבעט. אָבער דורך גרוים מי און עקשנות, נאָך איבער־שרייבן זיך מיט דער „איקאַ״־ביוראָ אין פּאַריז, האָט מען אים ענדלעך, נאָך יאָרן און יאָרן, דערלויבט צו ווערן אַ פּאַרמער. ער מיט זיין פרוי האָבן זיך באַזעצט אין איינער פון די קאָלאָניעס און גענומען צופּאַסן זיך צו דעם נייעם לעבן. מיט באַגייסטערונג האָט ער באַאַרבעט זיינע אייגענע פעלדער און געהאָלפן מיט עצות אויך די שכנים־קאָלאָניסטן. און דערפאַר איז ער געוואָרן די נשמה פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע.

אין לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פראַגעס באַטראַכט מען אים אפילו אין די רעגירונגס־קרייזן ווי אַ ספּעציאַליסט. ער וואָלט ביי דער רעגירונג געקאָנט פאַרנעמען אַן אָנגעזעענע שטעל, אָבער ער האָט פון דעם קיין מאָל ניט געוואָלט הערן. ער האָט געוואָלט לעבן און האָט געלעבט ווי אַן איינפאַכער יידישער קאָלאָניסט. דאָס איינציקע מיט וואָס ער האָט זיך אונטערשיידט פון אַלע איבעריקע איז, וואָס ער איז געווען אַ גרעסערער טרוימער פון זיי.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז זיין פרוי געשטאָרבן און זיין גרויסע פאַרם איז רואינירט געוואָרן. האָבן אים די קאָלאָניסטן פון ענטרע־ריאָס געקויפט לעבן דעם שטעטעלע דאָמינגעז אַ שטיקל לאַנד און ער האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבן צו בויען אַ פאַרם, אַ היים פאַר זיך. געטראָפן האָב איך אים אויפן פעלד, ביי אַן אַרבעט אַרום פלאַנצונגען. ער האָט מיך באַגעגנט מיט אַ ברייטער, אוקראַאינישער וואַרעמקייט. מיר זיינען פון פעלד אַוועק אין סאַד, וואו ער האָט אַליין, מיט צוויי יאָר צוריק די ביימער פאַרפלאַנצט מיט עפּל, באַרן און מאַראַנצן. דאָרטן האָבן מיר געשמועסט. פאַרענדיקט זיין געשפּרעך האָט ער, ווי ריידנדיק צו זיך אַליין: „איר זעט, מיין פריינד, שוין באַלד פופציק יאָר, אַז איך לעב דאָ מיט די יידישע קאָלאָניסטן. אין אַלע געגנטן געווען, אַלע שוועריקייטן דורכגעמאַכט, און איצט, אויף אַ פאַרם, איינער אַליין. דאָך פאַרדריסט מיך ניט, וואָס איך האָב מיין לעבן אַזוי אָפּגעלעבט. ווען איך קוק אויף דעם אַרגענטינער

הימל, ווען איך וואַרף אַ בליק אויף די פעלדער און איך טראַכט, אַז אונטער דעם הימל, אויף די פעלדער, האָבן דאָ פופציק יאָר גע־לעבט און געאַרבעט יידן אָן מורא פאַר פּאָגראָמען, אָן דער שרעק אויסגעשאָכטן צו ווערן ווי שעפּסן, פיל איך זיך גליקלעך, וואָס איך בין איינער פון זיי. אין מיין קינדהייט האָב איך די יידן ניט געקענט, איך בין געווען ווייט פון זיי, און אין די קנאַפּע פופציק יאָר וואָס איך לעב מיט זיי צוזאַמען, האָב איך זיי ליב געקראָגן. איר ווייסט ניט, וואָס פאַר אַ גוטע מענטשן זיי זיינען. ווי אָרנטלעך! אמתע קינדער זיינען זיי!״

לאַנג בין איך געזעסן און געשמועסט מיט דעם ליבן, קינדיש־נאַאיוון אַלטן סאַכאַראָוו. די זון האָט זיך אָנגעהויבן צו קייקלען. זי האָט נאָך זיך גענומען איבערלאָזן רויט־ברענענדיקע פאַסן. איך האָב זיך פאַרקוקט אויף דעם זון־אונטערגאַנג.

טוט אויף מיר סאַכאַראָוו אַ קוק און זאָגט מיר מיט פרייד: „איר זעט אונדזער הימל!״ ער איז אָבער גלייך שטיל און אומעטיק געוואָרן. אַ רגע פון שטילשווייגן. דערנאָך טוט ער מיר אַ זאָג מיט אַ טיף־טרויעריקער שטים: אָט בעת אַזאַ זון־אונטערגאַנג איז מיין גאָטזעליקע פרוי געשטאָרבן. פון יענעם טאָג אָן האָט ביי מיר דער פּראַכטפולער זון־אונטערגאַנג די שיינ־קייט פאַרלאָרן.

— יאָ — זאָגט ער מיר — אַלע שרייבן וועגן מיר, וועגן מיין אַרבעט צווישן די קאָלאָניסטן, אָבער קיינער ווייס ניט, אַז ווען ניט מיין פרוי, די צאַרטע גבירישע טאָכטער, די סטודענטקע, וואָלט איך גאָרנישט נישט געווען...

ווען איך האָב פאַרלאָזן די פאַרם פון דעם אינטערעסאַנטן אַלטן מאַן, איז מיר געווען אַ שאָד, וואָס איך האָב זיך געמוזט אַזוי גיך שיידן מיט אים. איך וואָלט מיט אים נאָך געקענט זיצן און זיצן, און הערן די געשיכטע פון דעם פופציקיאָריקן לעבן פון אַ מענטשן, אַ געשיכטע וואָס קלינגט ווי אַ לעגענדע, ווי אַ שיינע, האַרציקע מעשה.

פּאַרמענטאַ אַגראַריאַ

פּאַרמענטאַ אַגראַריאַ איז די יידישע אַגראַר־באַנק אין אַרגענטינע. אירע ערשטע צילן און אויפ־גאַבן זיינען געווען אַרויסצוהעלפן אויף אַ געזעלשאַפטלעכן אופן אַלע יידישע קאָלאָניסטן דורך לייען געלט פאַר מי־נימאַלע פּראָצענט־אָפּצאָלונגען כדי צו פאַרגרינגערן דאָס לעבן פון דעם יידישן קאָלאָניסט. זי איז פאַקטיש גע־גרינדעט געוואָרן כדי צו העלפן דעם יידישן קאָלאָניסט צו פאַר־ריכטן יענע טעותן וואָס די „איקאַ" האָט געמאַכט און מאַכט איצט אויפן געביט פון יידישער קאָלאָניזאַציע. זי וויל פאַרמיידן, אַז יידישע נחלות אין הארץ פון יידישער קאָלאָניזאַציע זאָלן פאַרקויפט ווערן צוליב דער אָרעמקייט פון דעם יידישן קאָלאָניסט, צוליב דעם וואָס ער געפינט זיך אין אַ נויט, צו פּויערים פון אַנדערע נאַציאָנאַלי־טעטן, כדי די יידישע קאָלאָניע זאָל פאַרבלייבן אַן איינהייטלעכע. עס האָט שוין ניט איין מאָל געטראָפן, אַז ווען אַ יידישער פאַרמער האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן און האָט געוואָלט זיין לאַנד פאַרקויפן איז די פּאַרמענטאַ אַגראַריאַ אים געקומען צו הילף, געליען אים געלט אויף די גרינגסטע אָפּצאָל־תנאים. אַזוי איז דער פאַרמער פאַרבליבן אויפן אַלטן אָרט און ווייטער פאַרגעזעצט זיין פריערדיקן לעבן. אָבער אויב דאָס איז פאָרט געווען אוממיגלעך דורכצופירן, האָט די באַנק געזען, אַז די יידישע נחלה זאָל פאַרקויפט ווערן צו אַ צווייטן יידן. אויב דער קויפער האָט קיין געלט ניט געהאַט, האָט מען אים דאָס געלט געליען און מען האָט אים געהאָלפן זיך שטעלן אויף די פיס. די באַנק האָט זיך געזאָרגט וועגן די קינדער פון די קאָלאָניסטן, וועלכע דאַרפן צוליב אָרעמקייט פאַרלאָזן די ערד און גיין אין שטאָט. זי האָט אַ סך יידישע יונגעלייט געגעבן די מיג־לעכקייט צו קויפן ערד און בלייבן ביי פאַרמעריי.

אין דער שפּיץ פון דער „פּאַרמענטאַ אַגראַריאַ״ שטייען אַנגע־זעענע יידישע כלל־טוער, און וואָס מער זיי זיינען פּאַרטאַן אין דער אַרבעט, אַלץ מער ברייטערן זיי זי אויס. אַט האָבן זיי זיך איבער־צייגט, אַז יידישע קאָלאָניזאַציע ווייט פון דער שטאָט איז פאַרבונדן מיט זייער און זייער אַ סך שוועריקייטן, האָבן זיי געמאַכט אַ פּרואוו צו קויפן אַ ריזיקן שטח לאַנד לעבן בוענאָס־איירעס, כדי דאָרטן צו באַזעצן יידן ביי שטאָטישער ערדאַרבעט. דער ייד זאָל וואוינען ניט ווייט פון שטאָט און פאַרזייען יענע גרינסן, וואָס זאָלן קענען טעגלעך אָפּגעזעצט ווערן ביי דער שטאָטישער באַפעלקערונג. זיי האָבן געקויפט 234 העקטאַר לאַנד. דער באָדן איז אַ פּרוכטבאַרער. אַ ברייטער אַספּאַלטענער וועג שניידט דורך יענע געגנט און ער פאַרגרינגערט דעם קאָלאָניסט די פאַרבינדונג מיט דער שטאָט.

די באַנק האָט איצט אַן אייגענעם פאַרמעגן פון 317 טויזנט פּעזעס: דער יערלעכער אומזאַץ פון דער באַנק, איז איבער 500 מיליאָן פּעזעס. דער איצטיקער פירער פון דער „פּאַרמענטאַ־אַג־ראַריאַ״ איז חנא לעווין, אַ זייער פאַרמעגלעכער מענטש און ער איז אָנגעזען אין שטאָט.

חנא לעווין איז אַ ליטוואַק פון קאָוונער גוברעניע. ער איז אַ סך יאָרן געווען אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָבער יידיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן זיינען זיין הויפּט־אינטערעס. דער „פּאַרמענטאַ אַגראַריאַ״ גיט ער אַוועק זיין גאַנצע ענערגיע. עס זיינען אויך אַקטיוו אין דער באַנק דייוויד גרוזמאַן, שלעמענזאָן, דער פאַרוואַלטער פון דער ביוראָ, אַגראָנאָם פּנחס ביצבערג און דער יונגער אימיגראַנט פון פּוילן, דער זשורנאַליסט מאַרק טורקאָוו.

די יידישע קאָאָפּערטיווע באַוועגונג

אויפן געביט פון האַנדל און אינ־דוסטריע האָבן יידן אין אַרגענטינע בייגעטראָגן זייער גרויסן חלק. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַרגענטינע איז דעמאָלט אַזוי ווי איצט אָפּגעריסן געוואָרן פון אייראָפּע, איז זי גע־ווען געצוואונגען צו אַנטוויקלען איר אייגענע פּראָדוקציע. ענגלאַנד און דייטשלאַנד האָבן צוליב דער מלחמה ניט געקענט אימפּאָרטירן די אַלע וויכטיקע אַרטיקלען, אין וועלכע אַרגענטינע האָט זיך גע־נייטיקט. זיינען עס דעמאָלט געווען די יידישע אימיגראַנטן, וואָס האָבן מיטן גרעסטן אימפּעט גענומען אַנטוויקלען אַלץ אין וואָס דאָס לאַנד האָט זיך גענייטיקט. יידן האָבן נאָך אין קיין לאַנד ניט גע־קראָגן די אָנערקענונג, וואָס זיי האָבן פאַרדינט פאַר זייערע גרויסע ביישטייערונגען לטובת דער גאַנצער באַפעלקערונג. יידן אין דייטש־לאַנד האָבן בייגעטראָגן אויף אַלע געביטן פון לעבן, אויף דעם געביט פון פינאַנץ, אינדוסטריע, קונסט, ליטעראַטור, מוזיק און וויסנשאַפט. זיי האָבן דאָס לאַנד באַרייכערט. אָבער וואָס איז געווען דער סוף? אַל דאָס שלעכטס, אַלע אומגליקן האָט מען פאַררעכנט אויף זייער חשבון. אַזוי איז געווען אין דייטשלאַנד. אַזוי איז עס אין אַלע לענדער. אַזוי איז אויך אין אַרגענטינע. עס וועט זיכער אַמאָל קומען אַ צייט, ווען מען וועט אָפּשאַצן דאָס גרויסע נוצן פון דעם יידן פאַרן לאַנד, זיין לאָיאַליטעט און איבערגעבנהייט צו דעם לאַנד, אָבער דערווייל... דערווייל איז נאָך די צייט ניט געקומען!

דאָס קליינע, אין צאָל פון באַפעלקערונג, לאַנד אַרגענטינע האָבן די יידן אין זייער אַ גרויסער מאָס אַנטוויקלט. יידן האָבן צו אַ גרויסער מאָדערנער הויך אַנטוויקלט די מעבל־אינדוסטריע, דעם האָלצהאַנדל, דעם האַנדל מיט פוטערוואַרג, די אייזן־ און בראָנז־אינ־דוסטריעס, די שוך־ און קליידער־אינדוסטריעס, די וואָל־ און באַנוול־אינדוסטריעס, וואָל־וועשערייען, די זייד־אינדוסטריע, שטריקעריי,

קראַוואַטן-אינדוסטריע, די לעדער-אינדוסטריעס און צענדליגער אַנדערע ניצלעכע אינדוסטריעס. אייניקע פון זיי אַזוי דער-פאַלגרייך, אַז דאָס לאַנד האָט אויפגעהערט זיך נייטיקן אין ענגלישן און דייטשישן אימפאָרט. די אויסגעאַרבעטע אַרטיקלען אין אַרגענטינע זיינען געווען בעסער און ביליקער איידער די אַריבערגעבראַכטע פון אַנדערע לענדער. זיינען טאַקע אַ סך יידן פון פוילן און אוקראַינע שטאַרק פאַרטראָטן אין דעם אינדוסטריעלן לעבן פונעם לאַנד. דאָך זיינען אויך דאָ זייער אַ סך יידן קליינהענדלער. און אויך זיי האָבן געשפּילט און שפּילן איצט אַ גרויסע ראָלע אין פּרט פון אויפהייבן דעם לעבנס-סטאַנדאַרט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. די יידישע קליין-הענדלער זיינען די יעניקע, וואָס האָבן אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען פון לאַנד, צווישן די אָרעמסטע פון די אָרעמע, געבראַכט קליידער, שיך, מעבל, שטריקערייַ, בעטן אויף צו שלאָפן און אַלע אַנדערע סחורות; געגעבן האָבן זיי די אַרטיקלען אויף אויסצוצאָלן אויף גאָר גרינגע באַדינגונגען. ווען ניט די יידישע קליין-הענדלער, וואָלטן נאָך היינט אַ סך אומגעגאַנגען האַלב נאַקעט, געשלאָפן אויפן דיל, אַנשטאָט אין אַ בעט. אָט דער קליין-הענדלער האָט אָבער אַליין קיין גרינג לעבן ניט געהאַט. ער האָט ניט געהאַט די מיטלען איינ-צוקויפן די סחורה אין די גרויסע רייכע געשעפטן פון לאַנד. די רייכע געשעפטלייט האָבן אים עקספּלאָטירט, באַריסן, זייער אָפט באַשווינדלט, און דער אָרעמער קליין-הענדלער איז געווען הילפלאָז. צוליב אָט דער עקספּלאָטאַציע, האָט דער קליין-הענדלער גענומען טראַכטן ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן זיך, כדי זיך צו באַפרייען פון די שטאַרקע און מעכטיקע, וואָס זייגן פון אים אויס, אָן דעם מינדסטן געפיל פון רחמנות, דעם מאַרך פון די ביינער. זיין אויסוועג האָט ער דערזען אין קאָאָפּעראַציע, אין אויפבויען קאָאָפּעראַטיווע איינ-סטיטוציעס. אין 1916 האָט זיך אין בוענאָס-איירעס געגרינדעט דער ערשטער קאָאָפּעראַטיוו פון קליין-הענדלער (פעדלער). ער עקסיסטירט אונטער דעם נאָמען דער „ערשטער יידישער האַנדלס-קאָאָפּעראַטיוו". אין דעם יידישן לעבן פון בוענאָס-איירעס שפּילט ער היינט-צו-טאָג אַ גרויסע און וויכטיקע ראָלע. גראָד ווען איך בין געווען אויף מיין באַזוך אין בוענאָס-איירעס האָט דער קאָאָפּע-ראַטיוו געפייערט זיין 25יאָריקן יובילײ. דאָס איז געווען דער יום-

טוב פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, פון אַלע גרופּעס יידן אין שטאָט.

אין דעם יאָר 1928 איז דער קאָאָפּעראַטיוו געוואָרן אַזוי גרויס, זיינע קאַפּיטאַלן און זיין אומזאַץ האָט זיך אַזוי צעוואַקסן — אַז ער האָט פון די אָפּגעשפּאָרטע פאַרדינסטן זיך געקענט אויפבויען אַן אייגענעם פּילשטאָקיקן בנין, וואָס האָט באַטראָפן די סומע פון אַ מיליאָן פּעזעס, אין אַמעריקאַנער געלט די סומע פון $250,000. די געביידע געפינט זיך אויף איינער פון די שענסטע גאַסן אין שטאָט, אויף וויקטאָריע 2251.

אין דער ריזיק-גרויסער, ליכטיקער געביידע, קען אַ מענטש אַריינגיין און איינקויפן אַלץ, וואָס ער דאַרף סיי פאַר זיך, סיי פאַר זיין משפּחה און סיי פאַר זיין הויז. גרויסע סקלאַדן, מיט גרויסע זאַפּאַסן סחורה, וואָס מע ברענגט זיי נאָך היינט פון אַלע עקן וועלט, אויסער דייטשלאַנד. אייגענע וואַרשטאַטן וואו געוויסע אַרטיקלען ווערן אויסגעאַרבעט.

דער אומזאַץ פון דער געזעלשאַפט איז אין 1933 געווען — 4,117,159 דאָלער אין 1939 — 6,816,617 דאָלער. דאָס קאָאָפּעראַטיווע געשעפט האַלט אין איין גיין באַרג אַרויף. קיין פּריוואַטער מענטש, קיין יחיד, קען אין דעם קאָאָפּעראַטיוו גאַרנישט קויפן, אַפילו פאַר באַרע געלט. דאָס געשעפט באַלאַנגט צו די קאָאָפּעראַטאָרן, וועלכע קויפן דאָרט די סחורה כדי שפּעטער עס צו פאַרקויפן אויף אויסצוצאָלן. מע קומט אַהין מיט קרעדיט-קאַרטלעך פון דעם קאָאָפּעראַטאָר, וואָס האָט דאָרטן אַקציעס און מען קויפט איין אויפן חשבון פון דעם קאָאָפּעראַטאָרס קרעדיט וואָס מען דאַרף נאָר.

דער קאָאָפּעראַטיוו צאָלט אויך זיינע מיטגלידער פאַרשיידענע בענעפיטן. אָט, צום ביישפּיל, ווען אַ מיטגליד שטאַרבט, קריגן די יורשים אויסגעצאָלט די סומע פון 4,000 פּעזעס. ווען אַ מיטגליד דערגרייכט דעם עלטער פון 70 יאָר און קען ניט אַרבעטן, באַקומט ער די זעלבע סומע. ווען איינער ווערט קראַנק, באַקומט ער 100 פּעזעס מאָנאַטלעך. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אויך אַ ליי- און שפּאָר-קאַסע, וועלכע לייט די מיטגלידער די סומע פון ניט מער ווי טויזנט פּעזעס.

אַלע אָפּטיילונגען פון אָט דעם זייער וויכטיקן און אינטערעסאַנטן קאָאָפּעראַטיוו זיינען זייער גוט אוועקגעשטעלט און די

גאַנצע באַפעלקערונג באַציט זיך צו אים מיטן גרעסטן רעספעקט און צוטרוי. ער האָט געהאָלפן דעם קליין-הענדלער אויפהייבן דעם קאָפּ און אים באַפרייט פון די פריערדיקע צרות וואָס ער האָט געדאַרפט אויסשטיין, ווען ער פלעגט דאַרפן אָנקומען צו דעם פּריוואַטן אייגנטימער פון די גרויסע געשעפטן. ווען דער קליין-הענדלער, שיקט איצט זיין קונה אין קאָאָפּעראַטיוו איינצוקויפן אויף אויסצוצאָלן, האָט דער קונה אַ ריזיק גרויסן אויסוואַל. ער נעמט וואָס ער וויל. קיינער טענהט אין אים ניט אַריין, קיינער וויל אים ניט אָפּנאַרן. די קויפער פילן דאָס און פאַרשטייען דאָס, און דערפאַר איז די ראָלע פון דעם קליין-הענדלער איצט די ראָלע פון אַ קאָמאָוואָיאַזשאָר, פון אַ „סיילסמאַן”, אָבער ניט פון אַ פּעדלער. מענטשן וואָס ווילן קויפן אין קאָאָפּעראַטיוו, ווייל מען האָט צוטרוי צו אים, זוכן שוין אַליין אויס דעם קליין-הענדלער ער זאָל זיי פאַרקויפן אויף אויסצאָלן און ער זאָל זיי געבן אַ קרעדיט-קאַרטל.

דער קאָאָפּעראַטיוו ווערט פאַרוואַלט פון אַ דירעקטאָרן-ראַט, וואָס ווערט דערוויילט פון דער מיטגלידערשאַפט דורך געהיימע וואַלן. דער פּרעזידענט וואָס איז דערוויילט געוואָרן אין יאָר 1941 איז אַ בעסאַראַבער ייד מיטן נאָמען א. וויינשטיין. מיר איז שווער צו דערמאָנען זיך אויף אַלע וויכטיקע טוערס, וועלכע האָבן מיר מיט אַלץ מיטגעהאָלפן, איך זאָל קענען געהעריק מיט דער אינסטיטוציע זיך באַקענען, אָבער די פריינד הירש טריוואַקס, וואָס איז מיט יאָרן צוריק געקומען קיין אַרגענטינע פון ביאַליסטאָק, ווי אויך חיים שוואַרץ און סעמועל וועקסלער — זיי וויל איך אויסדריקן מיין דאַנק. זיי זיינען דאָס די מענטשן וואָס פירן אָן מיט דעם קאָאָפּעראַטיוו און זיי זיינען ניט קיין באַצאָלטע באַאַמטע נאָר אַליין קליין-הענדלער מיט אַ געזונטן געזעלשאַפטלעכן חוש פאַר אַרבעט לטובת זייערע מיטמענטשן.

די געזעלשאַפט, מיט איר אָפּגעשפּאַרטן געזעלשאַפטלעכן פאַרמעגן העלפט מיט אַ ברייטער האַנט אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען אין יידישן לעבן.

עס זיינען אין דער שטאָט בוענאָס-איירעס דאָ נאָך אַ סך ענלעכע קלענערע „קאָאָפּעראַטיוון”, ווי, צום ביישפּיל, דער צווייטער האַנדלס-קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער האָט אַ דריישטאָקיק הויז אויף קאַנגאַזשאַגאַס, וועמעס יערלעכער געלט- אָדער געשעפט-אומזאַץ אין 1939

איז געווען איבער 82,700 פּעזעס. עס זיינען אויך דאָ שניידער־קאָאָפּעראַטיוון און נאָך אַנדערע.

דער קאָאָפּעראַטיווער גייסט האָט דער יידישער בוענאָס־איירעס אַ סך גוטס געבראַכט. דאָס האָט יידן צוגעגעבן פּרעסטיזש. דאָס האָט געבראַכט נוצן סיי דער אַרגענטינער באַפעלקערונג, סיי דער יידישער, און די הויפּטזאַך, זי האָט דעם יידישן פּעדלער, דעם קליין־הענדלער פאַר אַ גלייכן מענשן געמאַכט. זי האָט אים פּשוט באַפרייט. ער זאָל מערניט דאַרפן זיין פאַרקויפט, זיין אַ שקלאַף ביי דעם רייכן געשעפטסמאַן.



יידישע קאָלאָניסטן אויפן פעלד

די וואָס ווירקן אין דעם יידישן קולטור-לעבן פון אַרגענטינע

(פען-פּאָרטרעטן)

בעת מיין קורצן זיין אין אַרגענטינע איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען און נעענטער זיך צו באַקענען מיט אַ סך פון די, וואָס שאַפן און באַווירקן דאָס דאָרטיקע יידישע גייסטיקע לעבן.

איך וויל דאָ דערמאָנען אַ טייל פון זיי. אמת, זיי זיינען ניט די איינציקע וואָס ווירקן און שאַפן אין דער יידישער אַרגענטינע. לײדער, האָב איך ניט געהאַט קיין מיגלעכקייט זיך נעענטער צו באַקענען מיט די אַנדערע. איז דעריבער האָף איך, אַז די, וועמען איך לאָז דאָ אויס, וועלן מיך אַנטשולדיקן.

אויך וועגן די וואָס איך רעד, קלייב איך מיר ניט צו געבן אַ פולע אָפּהאַנדלונג. איך דערמאָן זיי נאָר פאַרביייִעענדיק אויף אַזוי פיל, אויף וויפל אַ רייזנדער, וועמען עס איז אויסגעקומען צו מאַכן אַ ווייטע רייזע אין אַ קורצער צייט, קען זיך באַקענען מיט פערזאָנען.

יעקב באָטאָשאַנסקי

אין דער יידישער קולטורוועלט פון בוענאָס-איירעס שפּילט דער זשורנאַליסט יעקב באָטאָשאַנסקי אַ גרויסע און וויכטיקע ראָלע. ער איז איינער פון די גאָר וויכטיקסטע מיטאַרבעטער פון דער אַרגענטינער טעגלעכער יידישער צייטונג „די פּרעסע". ער איז געבאָרן געוואָרן אין דאָרף טשיטשמאַנסק, בעסאַראַביער גובערניע. זיין פאָטער איז געווען אַ שוחט, האָט ער אים געגעבן לערנען אין חדר און שפּעטער אין קישינעווער ישיבה. די וועלט פון חדר און ישיבה איז פאַר דעם יונגן באָטאָשאַנסקי געוואָרן צו ענג. פאָרט ער אוועק קיין אָדעס, לערנט זיך וועלטלעכע לימודים, און וויל זיך צוגרייטן צום אוניווערסיטעט. אָבער אויך די קאַזיאָנע לימודים פון אַ וועלטלעכער שול באַפרידיקן אים ניט און ער פאַנגט אָן זיך צו פאַראינטערעסירן מיט דער אונטערערדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט-מלחמה אַנטלויפט ער קיין רומעניע. דאָרטן ווערט ער שפּעטער אַרעסטירט פאַר סאָציאַליסטישער טעטיקייט. אין רומעניע האָט ער זיך פאַרבונדן אַלס שרייבער מיט דער יידישער פּרעסע, און זייער גיך אַנטוויקלט ער אין זיך אַלזייטיקע זשורנאַליסטישע פעאיקייטן. ער ווערט דער רעדאַקטאָר פון די יידישע זאַמלביכער „ליכט", וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין יאָר 1916. ער רעדאַגירט די צווייוואָכן שריפט „דער האַמער". צוזאַמען מיט יעקב שטערנבערגן האָט ער רעדאַגירט דעם אָרגאַן פון דער יידישער סעקציע פון דער רומענישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „דער וועקער". אין בוקאַווינע האָט ער רעדאַגירט דעם אָרגאַן פון די לינקע פּועלי-ציון „פריהייט", האָט מיטגעאַרבעט אין דער קישינעווער ציוניסטישער פּרעסע „דער איד" און „אונזער צייט", ער האָט געשריבן דערציילונגען; בעסאַראַבישע, מאָלדאַוואַנישע און בולגאַרישע לעגענדעס און מעשהלעך; בילדער פון יידיש-רומענישן

לעבן. ער האָט אָנגעשריבן פאַר דעם יידישן טעאַטער אין רומעניע א ריי איינאַקטערס. אין רומעניע האָט ער אָנגעפירט אַן אַגיטאַציע פאַר יידיש, פּאָפּולאַריזירט דאָס יידישע פאָלקסליד. אין 1923 פאָרט ער אַוועק קיין אַרגענטינע, וואו ער אַרבעט מיט אין דער לינקער פועלי־ציוניסטישער פּרעסע און ווערט דערנאָך אַ וויכטיקע ליטעראַרישע פיגור אין דעם יידישן לעבן פון אַרגענטינע.

אין זיין נאַטור ליגט אַ סך אוקראַינישע ברייטקייט און אַ סך אומרואיקייט. אין זיינע יונגע יאָרן איז ער געווען אַ ציוניסט־סאָציאַליסט. היינט זאָגט ער, אַז ער איז אַן אומפּאַרטייאישער. אויב מען וואָלט אים געוואָלט צושרייבן צו אַ גרופּע אין דעם יידישן לעבן, צו וועלכער ער איז צום נאָענטסטן, איז דאָס די „פאָלקיסטישע" גרופּע, וואָס פּאַראַדירט מיט איר אומפּאַרטייאישקייט. אָבער אין זיינע איבערצייגונגען איז ניטאָ קיין פעסטקייט. ער גלייבט אַלע מענטשן און אַלע פּאַרטייען. אין אים איז דאָ אַ סך נאַאיווע, קינדערישע גוטמוטיקייט. אין מענטשן און אין באַוועגונגען זעט ער אַלע מאָל דאָס גוטע און זוכט דאָס שיינע. ער איז ניט קיין קעגנער פון ציוניזם, דאָך האָט ער ניט קיין טיפע סימפּאַטיעס פאַרן ציוניזם, וואָס פאַרלאַנגט, אַז מע זאָל אַלץ אַוועקגעבן די פינף הונדערט טויזנט יידן פון ארץ־ישראל. ער האָט אַ סך סימפּאַטיעס פאַרן „בונד", ווייל דער „בונד" לעבט און אָטעמט מיט אַלע יידישע פּראָבלעמען פון גאָר דער וועלט.

דאָס יידישע אַרגענטינע האָט אים ליב. זיינע אַרטיקלען אין די צייטונגען ווערן געלייענט פון דעם בעסערן יידישן לייענער. ער איז אַ בירגער פון אַרגענטינע. דאָרטן האָט ער זיין פיזישע און גייסטיקע היים אויפגעבויט. דאָך פילט מען אַלע מאָל אין אים דעם בירגער פון דער וועלט. זיין אומרואיקע נאַטור אָטעמט אין זיך איין אַלץ, וואָס קומט פאָר אין דעם יידישן לעבן פון גאָר דער וועלט.

יעקב באָטאָשאַנסקי איז ניט נאָר אַ זשורנאַליסט, ער איז אויך אַ רעדנער, אַ לעקטאָר. ער איז דער שטענדיקער גאַסט פון אַלע וויכטיקע צוזאַמענקונפטן. מיט זיינע מיינונגען רעכנט מען זיך.

זיין הויפּט־אינטערעס אַלס זשורנאַליסט איז די יידישע ליטעראַטור און דאָס יידישע טעאַטער. ער איז איינער פון די פילפאַרביקע פּערזענלעכקייטן אין יידישן קולטור־לעבן פון אַרגענטינע.

פנחס ביזבערג

געבאָרן אין זגערזש, לעבן לאָדז. ער איז איצט אַלט 43 יאָר. געקומען קיין אַרגענטינע מיט 16 יאָר צוריק אַלס „איקאַ"-אָנגעשטעלטער. איידער ער איז געקומען קיין אַרגענטינע, איז ער מיט דעם יידישן וואַנדער-שטאָק געפאָרן פון לאַנד צו לאַנד. געוועזן אין האָלאַנד, בערלין און פּאַריז. ער האָט אָנגעהויבן אין אַרגענטינע מיטצואַרבעטן אין „שפּיגל" אונטער דער רעדאַקציע פון י. ל. גרוזמאַן. ער האָט ביז היינט אַרויסגעגעבן אין בוענאָס-איירעס אַ באַנד דערציילונגען: „נייע היימען", אַ ביאָגראַפיע פון מיכל סאַכאַראָוו, וואָס איז איינער פון די ליכטיקע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע פון אַרגענטינע.

פנחס ביזבערג איז אויך היינט אַ שטאַרקער אָנהענגער פון יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע. ער קען דאָס לעבן פון דעם יידישן קאָלאָניסט, פון די יידישע קאָלאָניעס; ער ווייס אַלע שווערע פּראָבלעמען, און אַלס אַגראָנאָם טוט ער אַלץ וואָס איז נאָר מיגלעך דער יידישער קאָלאָניזאַציע אינעם לאַנד באַהילפיק צו זיין. פון דער נאַטור אַ מענטש זייער אַ באַשיידענער, אַ שטילער, לעבט ער אָבער און אָטעמט מיט אַלץ, וואָס איז געזונט אין יידישן לעבן פון אַרגענטינע, סיי אין דאָרף און סיי אין שטאָט.

ברוך בענדערסקי

ווען איך בין אַרונטערגעגאַנגען פון באַן אין דער יידישער קאָלאָניע „דאָמינגעז", איז איינער פון די, וואָס האָבן מיך באַגעגנט געווען ברוך בענדערסקי. ס'איז געווען אַן אָנגענעמע און אינטערעסאַנטע באַגעגעניש. ער איז איינער פון די ערשטע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע. געקומען איז ער אַהין מיט זיינע עלטערן פון בעסאַראַביע נאָך גאָר אַ יונגער ייִנגל. היינט איז ער שוין קרוב צו 60 יאָר, און נאָענט פון אַ האַלבן יאָרהונדערט פון זיין לעבן האָט ער אָפּגעלעבט אַלס קאָלאָניסט. מיט זיינע אייגענע הענט באַאַרבעט די פעלדער. ער האָט זיך גע-

ראַנגלט מיט אַלע שווערקייטן פון דער ווילדער אַרגענטינער נאַטור. ניט די שווערע אַרבעט און ניט די נויט האָט אים געקענט פאַרטרייבן פון דאָרפישן לעבן. ער האָט ליב אַלץ וואָס איז פאַר־בונדן מיט דער נאַטור: דאָס פערד און די בהמה אויפן פעלד, די הינדלעך, וועלכע גייען אַרום אויפן הויף, דאָס גראָז און די ביימער, די היץ און די קעלט פון אַרגענטינע, פון דעם אַרגענטינער דאָרף.

ער האָט אָנגעשריבן אַ באַנד פּרעכטיקע דערציילונגען אונטער דעם נאָמען: „אויף יידישע פעלדער". פון יעדער דערציילונג שפּראָצט מיט וואַרעמקייט און מיט טיפער פאַרשטענדעניש פאַר אַלץ, צו וואָס זיין פעדער האָט זיך גענומען.

זיין היים געפינט זיך אין דער קאָלאָניע „זאַנענפעלד" אין דער געגנט פון „ענטרע־ריאָס". דעם איינדרוק, וואָס ער מאַכט ביי דער ערשטער באַגעגעניש איז פון אַ מענטשן אַ שטילן, אַ באַשיידענעם. זיינע אויגן — אַזוינע צאַרטע, טיפע — דריקן אוים בענקשאַפט נאָך עפּעס וואָס איז נאָך ניט דערגרייכט געוואָרן. די שטריכן פון פּנים איידעלע, פול מיט גוטמוטיקייט. אין זיין רעדן פילט מען אַ געוויסע מידקייט, אָבער ניט קיין צעבראָכנקייט און ניט קיין אַנטוישונג. פופציק יאָר לעבן אין די קאָלאָניעס, דאָס שווערע געראַנגל מיט דער נאַטור האָבן איבערגעלאָזן טיפע שטריכן אין זיין כאַראַקטער.

אויף מיין פראַגע פאַר וואָס באַזעצט ער זיך ניט אין שטאָט און לעבט ניט אוים דאָרטן די יאָרן אין אַ מער נאָרמאַלער, באַקוועמער אַטמאָספער, איז זיין ענטפער געווען: „איך האָב צו פיל אָוועקגעגעבן אָט דער ערד, אויף וועלכער עס שטייען איצט מיינע פיס, איך האָב צו פיל ליב אַלץ וואָס רינגלט מיך אַרום, אַז איך זאָל קענען זיך מיט דעם שיידן, פון דעם אָוועקגיין. טראָץ אַלע שווערי־קייטן, וועלכע איך באַגעגן, בין איך דאָך דאָ ווי ביי זיך אין דער היים, אונטער דעם בלויען הימל פון מיין דאָרף, אויף די אויסגע־שפּרייטע פעלדער פון אַרגענטינע. וויל איך דאָ לעבן כל־זמן עס וועט אין מיר צאַפּלען אַ פונק פון אַ לעבעדיקן מענטשן. כל־זמן מיינע פיס וועלן קענען גיין, וועלן זיי גיין אויף דער ערד פון מיין פאַרגאַנגענהייט".

הערץ גראָסבאַרט

וועגן דעם קינסלטער-רעציטאַטאָר הערץ גראָסבאַרט האָב איך נאָך פריער געהערט. מענטשן וואָס זייַנען געווען אין איראָפּע אויף זיינע קאָנצערטן האָבן מיר אַ סך וועגן אים דערציילט.

איך האָב זיך אַלע מאָל געוואונדערט וואָס הערץ גראָסבאַרט איז נאָך קיין מאָל נישט געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט מורא אַהער צו קומען. אַ סך אַרטיסטן, וואָס די יידישע איראָפּע האָט זיי שטאַרק אויפגעהויבן, זיינען געקומען קיין אַמעריקע און האָבן מיט זייער טאַלאַנט קיינעם ניט איבערראַשט. זייער קונסט האָט דאָ ניט אויסגענומען. זייער טאַלאַנט איז געווען גרויס פאַר ווילנע, וואַרשע, לאָדז און קאָווגע, אָבער צו קליין פאַר דער גרעסטער שטאָט פון דער וועלט, פאַר ניו-יאָרק.

אונדזער ניו-יאָרק האָט צו פיל געזען, אַז מע זאָל זי קענען איבערראַשן. וואָס מען זאָל ניט זאָגן וועגן דעם יידישן טעאַטער אין אַמעריקע, לייקנט אָבער קיינער ניט, אַז מיר האָבן דאָ די בעסטע יידישע טעאַטער-קינסטלער.

איך האָב געטראַכט, אַז גראָסבאַרט איז אַ קלוגער ייד. ער וויל ניט קומען קיין אַמעריקע און האָבן דעם מזל פון אַנדערע אַרטיסטן, וואָס זיינען אין איראָפּע געווען אַזוי פּאָפּולער.

ווען איך בין געקומען אין בוענאָס-איירעס האָט זיך דאָרטן געפונען אויך הערץ גראָסבאַרט. ער איז געווען איינער פון די אַרטיסטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם קבלת-פּנים פאַר מיר. מיט אים צוזאַמען זיינען אויפגעטראָטן יעקב בן-עמי, דזשעני גאָלדשטיין און די באַלאַדיסטין-זינגערין איזאַ קרעמער. זיי אַלע זיינען מיר געווען זייער גוט באַקאַנט. איך האָב זיי געזען ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף דעם אויפטריט פון הערץ גראָסבאַרט. איך האָב געטראַכט: וואָס קען ער אין פאַרלעזונגען און רעציטאַציעס געבן מער ווי מאָריס שוואַרץ, סעמועל גאָלדענבערג, לודוויג זאַץ, חנה אַפּעל, און אַנדערע קינסטלער פון ענלעכן פאַרנעם?

אַט רופט אַרויס דער פאָרזיצער גראָסבאַרטן. ווען ער באַווייזט זיך אויף דער בינע שטורעמט דער טעאַטער מיט אַפּלאָדיסמענטן.

ער איז אַ שלאַנקער יונגער מאַן מיט אַ פּנים אַ בלאַסן און אַן אומעטיקן. ער גייט צו צום טישל מיט לאַנגזאַמע טריט. ער פאַרבייגט זיך פאַרן עולם געלאַסן מיט ווירדע. ניטאָ די קונציקע פאַרנייגונגען פאַרן עולם. שטילע באַוועגונגען, אין וועלכע מע דער-פילט גלייך די איינפאַכע זיכערקייט פון אַ קינסטלער. עס נעמט אַ קורצע צייט און אין טעאַטער ווערט מיט אַ מאָל זייער שטיל. אין דער שטילקייט פאַנגט דער קינסטלער אָן.

דער ערשטער נומער איז „לייזער עליע" פון דעם דיכטער משה לייב האַלפּערן. דער קינסטלער איז אַן גרים. אָבער גראָסבאַרט דאַרף עס ניט. דורך מימיק, דורך איידעלע פּנים-ניואַנסן, מאַכט ער אונדז זען אויף דער בינע דעם אמת-פרומען גאַליציאַנער יידן אין זיין הייליקער תפילה צו גאָט. דער קינסטלער — דורך זיינע באַוועגונגען, דורך זיינע אויסטייטשונגען — פירט אייך גייסטיק אַריין אין יענער סביבה, אין וועלכער עס האָבן געלעבט די לייזער עליעס און ער דערהייבט גייסטיק דעם גאַנצן עולם פון טעאַטער.

דער צווייטער נומער איז לוצקים „אַ חתונה אין אַ קליין שטעטל". איך האָב דאָס געהערט רעציטירן אַ גרויסע צאָל אַרטיסטן, און דאָך ווי אַנדערש דאָס איז אַרויסגעקומען ביי הערן גראָסבאַרטן. מיר זיינען צוזאַמען מיט אים געווען אין דעם שטעטעלע, געטאַנצט אויף דער חתונה, געזען אַלץ וואָס דאָס שטעטעלע פאַרמאָגט. איך האָב אויף דער בינע ניט געזען פאַר זיך דעם קינסטלער, נאָר דאָס שטעטל מיט אַלע יידן, מיט זייערע פריידן און ליידן. און אַזוי איז געווען יעדער נומער פון דער פּראָגראַם.

דעם אַרטיסט האָט זיך אַלע מאָל איינגעגעבן אָן גרים, אָן צו בייטן די קליידער, צו ווייזן דעם טיפּ, וואָס ער האָט געמאָלן, אין זיין נאַטירלעכן געשטאַלט. די באַוועגונגען, די פּאָזע אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ, צונויפגעלייגט די הענט, דער אופן ווי ער האָט באַוועגט מיט די אויגן, און שטענדיק געביטן די שטים, — דאָס אַלץ האָט אויפגעלעבט דאָס געשטאַלט פון יעדן איינציקן געמאָלענעם טיפּ. אַדאַנק זיינע רעציטאַציעס זיינען מיר געוואָרן אַ סך קלאָרער די שאַפונגען פון י. ל. פּרצן, פון משה לייב האַלפּע-רינען, פון לוצקין, פון אליעזר שטיינבערגן, פון איציק מאַנגערן און פון אַנדערע.

איך האָב דעמאָלט דערזען, אַז גראָסבאַרט איז אַזאַ אייגנאַר-טיקער קינסטלער, אַז וואו ער זאָל ניט זיין, וואו ער זאָל ניט אויפ-

טרעטן, וועט ער תמיד אַרויסשיינען צווישן אַ סך אונדזערע גרויסע קינסטלער.

הערץ גראָסבאַרט איז געבאָרן אין לאָדז. ער האָט דאָרטן פאַרענדיקט אַ דייטשישע דראַמאַטישע שול. ער האָט געשפּילט מיט דער ווילנער טרופּע. ער האָט אויך געשפּילט אויף דער דייטשישער בינע אין בערלין, און אין פראַנקפורט-אויפן-מיין.

זיין אָריגינעל-אייגנאַרטיקער טאַלאַנט האָט זיך ניט געקענט אַריינפּאַסן אין אַ טעאַטער-טרופּע. זיין טאַלאַנט האָט געפאָדערט, ער זאָל האָבן דעם אָונט פאַר זיך אַליין, ער זאָל שפּילן אָן גרים און אָן אַרויסהעלפער.

הערץ גראָסבאַרט פאָרט שוין פופצן יאָר אַרום איבער דער וועלט. ער האָט באַזוכט אַלע לענדער פון אייראָפּע, אַפריקע און דרום-אַמעריקע. ער איז געפאָרן פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט, פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן, און אומעטום האָט געשטורעמט מיט זיין גרויסן דערפאָלג.

איצט איז ער אין אַרגענטינע. סיי אין בוענאָס-איירעס און סיי אין דער פּראָווינץ האָט מען אים ליב. מע פאַרגעטערט זיין קונסט, זיין גרויסן טאַלאַנט.

זיינע קאָנצערטן באַרייכערן און מאַכן אינטערעסאַנטער דאָס יידישע קולטור-לעבן פון אַרגענטינע.

י. ל. גרוזמאַן

דער זשורנאַליסט י. ל. גרוזמאַן איז אַן אינטערעסאַנטע פיגור אין דעם יידישן קולטור-לעבן פון אַרגענטינע. ער איז דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון דעם ליטעראַרישן קולטור-זשורנאַל „דער שפּיגל”.

י. ל. גרוזמאַן איז געבאָרן געוואָרן אין יעדניצי, בעסאַראַביער גובערניע. די שטוב, וואו ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט, איז געווען אַ שטרענג חסידישע. ער האָט געלערנט אין דער מאָהילעוו-פּאָדאָלסקער ישיבה, און ווען מען כאַפּט אים ביים לייענען העברעאישע און רוסישע ביכער, מוז ער די ישיבה פאַרלאָזן. אין 1915 באַזעצט ער זיך אין אָדעס. ער לערנט זיך דאָרטן אין אַ ישיבה, און שפּעטער

באַזוכט ער אויך לערער־קורסן. אין אַדעם באַקענט ער זיך מיט העברעאישע שריפטשטעלער און הייבט אויך אליין אָן צו שרייבן דערציילונגען אין העברעאיש. פון אַדעם פּאַרט ער אָפּ קיין טשערנאָוויץ, גאַליציע, און ווערט דאָרטן אַ העברעאישער לערער. אין 1920 קריגט ער אַן איינלאַדונג צו קומען קיין בוקאַרעסט און ווערן אַ מיט־אַרבעטער פון „ישורון", וואָס ווערט רעדאַגירט פון ד"ר רייכער. אין 1922 קומט ער קיין אַרגענטינע, וואו ער דרוקט אָפּ אַ ריי דערציילונגען אין דער „יידישער צייטונג". ער ווערט אויך אַ מיט־אַרבעטער אין אַ גאַנצער ריי יידישע זשורנאַלן, וואָס גייען דעמאָלט אַרויס אין בוענאָס־איירעס.

י. ל. גרוזמאַן האָט לויט זיין נאַטור און כאַראַקטער ניט געקענט פאַרבלייבן קיין מיט־אַרבעטער פון אַ טעגלעכער צייטונג. אים איז זייער שווער צו זיין פאַרבונדן מיט טעגלעכע פליכטן. אַ שטענדיק אומצופרידענער, אַן אייביק זוכנדיקער, איז אים שווער אַריינצופּאַסן זיך אין פעסטגעשטעלטע לעבנספאָרמעס. פון דער נאַטור אַ ליבער און גוטער מענטש, איז זיין לעבנס־ווינקל מער איינגעשטעלט אויף דער ליטעראַרישער קאַפּע ווי ערגעץ אַנדערשוואו. ער האָט ליב די יידישע ליטעראַטור און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס ער האָט מיט צוועלף יאָר צוריק אָנגעפאַנגען אַרויסצוגעבן דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „דער שפיגל". אין דעם זשורנאַל האָבן זיך אַנטוויקלט נייע שרייבער, האָבן זיך געדרוקט נייע דערציילונגען און נייע לידער פון מענטשן, וואָס האָבן פריער ניט געהאַט די מיגלעכקייט זיך צו דרוקן אין די איינגעפונדעוועטע, סטאַבילע צייטונגען, אָדער זשורנאַלן. י. ל. גרוזמאַן איז געווען אַ האַרציקער פאָטער צו אַלע אָנפאַנגער, אָבער אין זיין זשורנאַל האָבן זיך אויך באַטייליקט די בעסטע יידישע שריפטשטעלער פון אַלע וועלטטיילן.

דער זשורנאַל איז טאַקע אַ ליטעראַרישער, אָבער ער רעאַגירט אויך אויף אַלע וויכטיקע פראַגעס פון אַרגענטינער געזעלשאַפט־לעכן לעבן. ווי אַן אומאָפּהענגיקער זשורנאַל, קומט „דער שפיגל" אָפט אין צוזאַמענשטויס מיט אָנגענומענע און איינגעפונדעוועטע מיינונגען וועגן יידישן לעבן אין אַרגענטינע. דער זשורנאַל זאָגט מוטיק אַרויס געדאַנקען, וועלכע זיינען אָפט להיפוך צו די אָנגענומענע רעזאָלוציעס פון פאַרטייען און צו די פירונגען פון אינסטיטוציעס. דערפאַר האָט דער זשורנאַל אויך אַ סך קעגנער.

אָבער דאָך באַציט מען זיך צום רעדאַקטאָר און צום זשורנאַל מיט רעספּעקט, ווייל אויב דער זשורנאַל קריטיקירט, אַטאַקירט ער אָבער קיינעם ניט.

די געסט וואָס קומען קיין בוענאָס-איירעס פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, יידישער ליטעראַטור, אָדער יידישן טעאַטער, ווערן אַלע מאָל זייער וואַרעם אויפגענומען, סיי פון דעם רעדאַקטאָר י. ל. גרוזמאַן און סיי פון זיין זשורנאַל „דער שפּיגל". גרוזמאַן טוט אַלץ וואָס איז נאָר אין זיינע מיגלעכקייטן אַז דער באַזוך זאָל פאַר די געסט זיין אָנגענעם און אינטערעסאַנט. ער איז זייער גוט באַקאַנט סיי מיט דעם אַלגעמיינעם, סיי מיט דעם יידישן לעבן פון אַרגענטינע. און אַדאַנק זיין הילף האָבן די געסט אַ מיגלעכקייט צו זען דאָס לעבן פון לאַנד און אַלץ וואָס איז אינטערעסאַנט און וויכטיק פאַר אַ רייזנדן.

„דער שפּיגל" איז זייער גוט באַקאַנט ניט נאָר די יידן אין אַרגענטינע, נאָר אויך אין אַלע יידישע קולטור-קרייזן פון דער וועלט.

פאַר י. ל. גרוזמאַנען איז דער זשורנאַל זיין גייסטיק קינד, וועלכן ער האָט ליב און צערטלט מיט פאָטערלעכער איבערגעבנהייט.

„דער שפּיגל", ווי אַלע יידישע ליטעראַרישע זשורנאַלן, גיט ניט דעם רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער קיין רייכקייט. פאַרקערט, י. ל. גרוזמאַן, ראַנגלט זיך ניט נאָר פאַר זיין אייגענער עקסיסטענץ, נאָר אויך פאַר דער עקסיסטענץ פונעם זשורנאַל. אָבער ער טוט די אַרבעט זיינע מיט ליבע, ווייל דער זשורנאַל איז זיין בית המדרש, וואו ער דינט טריי און איבערגעגעבן זיין גאָט — דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, דער יידישער ליטעראַטור, דעם טעאַטער און אַלץ וואָס עס האָט צו טאָן מיט דעםברייטן יידישן קולטור-לעבן פון אַרגענטינע און אַלע אַנדערע לענדער.

יוסף האָרן

יוסף האָרן איז געבאָרן אין מעזריטש, אַ יידישע אַרבעטער־שטעטל פון פוילן, אין יאָר 1908. געווען אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג פון פוילן, ספּעציעל אין דער יוגנט־באַוועגונג פון „בונד״.

יוסף האָרן באַלאַנגט צו יענעם טיפּ אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס וואו ער זאָל ניט זיין, אין וואָס פאַר אַ קרייז ער זאָל ניט לעבן, וועט ער בלייבן טריי זיין וועלט־אַנשויאונג, טריי דעם סאָציאַליזם, טריי דעם בונד״.

דער בונדישער בליק אויפן לעבן, דער בונדישער צוגאַנג צו יידישע און וועלט־פּראָבלעמען, וועט זיין זיין פירער און וועג־ווייזער אין זיין טאָגטעגלעכער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אפילו ווען ער וועט ניט איינשטימען מיט אַלע פּראָגראַמען און מיט אַלע רעזאָלוציעס, וואָס דער „בונד״ וועט אָננעמען.

ער איז געקומען קיין אַרגענטינע אין 1936, האָט זיך באַטייליקט — און באַטייליקט זיך איצט — אין דעם מאָנאַטלעכן זשורנאַל „דער שפּיגל״, דרוקט פון צייט צו צייט אַרטיקלען אין „דער יידישער צייטונג״, און אין אַ ריי אַנדערע אויסגאַבעס. ער האָט מיטגעאַרבעט ביים צוגרייטן דעם יובל־בוך לכבוד „דער יידישער צייטונג״. איצט איז ער איינער פון די וויכטיקע מיטאַרבעטער פון דעם זאַמלבוך „פּוילישע יידן אין דרום־אַמעריקע״. ער שרייבט איבער קולטור־ליטעראַטור־ און שול־פּראָבלעמען. ער איז אַקטיוו אין אַלע צווייגן פון דעם יידיש־פּראָגרעסיוון לעבן אין בוענאָס־איירעס.

אים וועט איר באַגעגענען אין אַלע קיביצאַרנעס, וואו עס קלייבן זיך צונויף יידישע שרייבער, יידישע אַקטיאָרן, יידישע קולטור־ און געזעלשאַפטלעכע טוער. די געסט, וואָס קומען קיין בוענאָס־איירעס פון אויסלאַנד, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן, אָדער קולטור־לעבן, ווייזט ער אַרוים גרויס פריינד־שאַפט. ער רינגלט זיי אַרום מיט אַ שטאַרק געפיל פון חברישקייט. וואָס פאַר אַ קורצע צייט עמעצער זאָל ניט פאַרברענגען אין בוענאָס־איירעס, ווערט אים יוסף האָרן אַזוי ווי אַן אַלטער באַקאַנטער און ער פילט זיך, ווי ער וואָלט געווען אין דער געזעלשאַפט פון אַן אַלטן, גוטן פריינד.

פּיניע וואַלד

פּיניע וואַלד איז אַ פּילפּאַרביקע פּערזענלעכקייט אין בוענאָס-איירעס. ער איז געבאָרן געוואָרן אין טאָמאַשאָוו, לעבן לובעלסק, פּוילן. אין די יונגע יאָרן האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן „בונד" און איז ביז 1906 געווען זייער אַקטיוו אין דער בונדישער באַוועגונג. ווען די רעוואָלוציע האָט גענומען גיין באַרג אַראָפּ, האָט ער צוליב פּאָליציייִשע טעמים געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס רוסישע פּוילן און איז אַוועק קיין בוענאָס-איירעס.

דער יידישער ישוב אין בוענאָס-איירעס איז אין יענער צייט נאָך געווען זייער אַ יונגער און אַ קליינער, און אויך ניט קיין אָר-גאַניזירטער. דאָס עקאָנאָמישע און קולטור-לעבן פון די יידן איז דאָרטן דעמאָלט געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקן ניוואָ. מיט יוגנטלעכן ברען און אידעאַליזם האָט פּ. וואַלד גענומען בויען אין בוענאָס-איירעס צווישן יידן און יידישע אַרבעטער אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג. ער, צוזאַמען מיט אַנדערע, האָבן געגרינדעט אין בוענאָס-איירעס דעם יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד. ער האָט אויך אַרויס-געגעבן אַ ריי סאָציאַליסטישע זשורנאַלן. ער איז געווען דער טרע-גער פון סאָצאַליזם צווישן די יידישע אימיגראַנטן. ער איז אויך געווען אַקטיוו אין דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. איצט איז ער דער מיט-רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער צייטונג אין בוענאָס-איירעס „די פּרעסע". ער האָט אָנגעשריבן צוויי ביכער, איין בוך אונטער דעם נאָמען „קאָשמאַר" — אַ דערציילונג, אין וועל-כער ער גיט איבער ווי אַזוי די לעצטע מלחמה און די רעוואָלוציעס וואָס זיינען נאָך איר געקומען אין אייראָפּע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין בוענאָס-איירעס. אין זיין צווייטן בוך „בלעטלעך", שילדערט ער טיפן פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין בוענאָס-איירעס. ביידע ביכער זיינען אינטערעסאַנט געשריבן און גיבן אַ באַגריף וועגן דער אַמאָליקער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג פון בוענאָס-איירעס.

פּ. וואַלד איז נאָך היינט פאַרבליבן אַן אָרטאָדאָקסישער סאָציאַ-ליסט און אַ גלייביקער אין דער צוקונפט פון סאָציאַליזם. ער איז שוין ניט קיין יונגער מענטש, אָבער דאָך האָבן די וועלט-געשעענישן ביי אים ניט צעשטערט זיין גלויבן. זיין וועלט-אַנשויאונג האָט זיך ניט געענדערט, ניט צוליב דעם ווייל ער איז אפשר פאַרבליבן פאַר-

מאַרינירט, נאָר ווייל ער איז אַ טיף גלייביקער. פונקט ווי איר קאָנט קיין טענות ניט האָבן צו אַ פרומען יידן פאַר וואָס ער האָט ניט אויפ־געהערט צו גלייבן אין גאָט און האָט זיך ניט צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען און איר באַציט זיך צו דעם אמת פרומען, גלויביקן יידן מיט רעספּעקט און דרך־ארץ, פונקט אַזוי מוזט איר צו וואַלדן זיך באַציען און אים אַרויסווייזן אַ סך רעספּעקט און דרך־ארץ צוליב זיין ניט געבראָכענעם גלויבן אין סאָציאַליזם. זייטיקע מענשן קאָנען שמייכלען און זאָגן וועגן אים: אַן אַלט־מאָדישער. אָבער אין דער אמתן רופן אַזוינע מענטשן ווי וואַלד אַרוים צו זיך אַ סך דרך־ארץ. אויב אין אַרגענטינע איז די יידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג היינט שוואַך, זוכט ער גלויבן און שטאַרקייט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אַנדערע לענדער. אויב היינט איז אַפילו די סאָציאַליס־טישע באַוועגונג אין אַנדערע לענדער אויך געבראָכן, שעפּט ער גלויבן פון זיינע אינערלעכע איבערצייגונגען אין דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל.

פּ. וואַלד האָט בייגעשטייערט זיין חלק פאַר דעם יידיש־פּראָ־גרעסיוון און סאָציאַליסטישן לעבן פון אַרגענטינע. אויך איצט איז ער אַקטיוו אין יעדער פּראָגרעסיווער און סאָציאַליסטישער טע־טיקייט.

מיין באַגעגעניש מיט פּ. וואַלדן, ווי מיט אַן אַלטן איבערגעגעבע־נעם בונדישן און סאָציאַליסטישן טוער, איז געווען אַן אַנגענעמע און איך וועל זי זיכער געדענקען, ווייל אַזוינע מענטשן קריצן זיך איין אין זכרון.

אמת, אַזוינע מענטשן זיינען היינט איינזאַם, ווייל די צייט איז אפשר קעגן זיי, אָבער ווען איר באַגעגנט זיך מיט זיי, דערפילט איר זייער שטאַרק אַז די צוקונפט איז ניט קיין פאַרלאָרענע, אַז דער סאָציאַליזם האָט אין מענטשן געלאָזן טיפע וואָרצלען. דער גלויבן און דער אידעאַליזם פון אַזעלכע מענטשן וועט זיכער זיגן און זיי וועלן ווידער פאַרנעמען דעם אויבן־אָן אין דעם לעבן פון דער וועלט ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן. ווען מענטשן וועלן פאַר זיך זוכן אַ דערלייזונג, אַ באַפרייאונג פון אַלע ליידן, דאַן וועט דער וועג זיי פירן צום סאָציאַליזם, צו די טרוימען און חלומות פון אַזעלכע מענטשן ווי פּ. וואַלד.

זלמן וואַסערצוג

צווישן יידישע שרייבערס איז זלמן וואַסערצוג איינער פון די יינגסטע. ער איז אַלט 36 יאָר. געקומען קיין אַרגענטינע מיט 15 יאָר צוריק, אָנגעהויבן האָט ער זיין לעבן אין אַרגענטינע ווי אַ סך יידישע אינטעליגענטן וואָס זיינען אַהין געקומען פון דער אַלטער היים. ער איז געוואָרן אַ לערער אין איינער פון די יידישע שולן. אַ צייט לאַנג האָט ער געשריבן ליטעראַטור פאַר קינדער, אַרויס־געגעבן אַ בוך „קינדער־דערציילונגען". היינט איז ער איינער פון די זייער וויכטיקע מיט־אַרבעטערס אין דער „יידישער ציטונג". כאָטש ער איז אין גאַנצן פאַרנומען מיט זשורנאַליסטישער טעטי־קייט פאַר דער צייטונג, געפינט ער דאָך צייט אַקטיוו צו באַטייליקן זיך אין דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן פון אַרגענ־טינע.

ער איז געווען צו פיל פאַרנומען מיט זיין טאָגטעגלעכער אַר־בעט און איך האָב דעריבער ניט געהאַט די מיגלעכקייט מיט אים נאָענט זיך צו באַקענען, אָבער יעדעס מאָל ווען איך בין אַריינגע־גאַנגען אין דער רעדאַקציע פון דער צייטונג, האָב איך אים געזען אינטענסיוו פאַרטאָן אין דער אַרבעט. פון די קורצע שמועסן, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט, האָט ער אויף מיר איבערגעלאָזן דעם איינדרוק, אַז ער פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט אין דער יידישער זשורנאַליסטיק פון אַרגענטינע.

הירש טריוואַקס

הירש טריוואַקס שטעלט מיט זיך פאַר אַן אינטערעסאַנטן טיפּ אין דעם יידישן לעבן פון אַרגענטינע. פּראָפעסיאָנעל איז ער ניט פאַרבונדן מיט קיין יידיש-געזעלשאַפטלע-כער אינסטיטוציע. אַליין אַ קליינהענדלער, האָט ער אָבער אַ טיפן אינטערעס פאַרן יידישן לעבן און פאַר אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט.

ער קומט פון ביאַליסטאָק, איז דערצויגן געוואָרן אין אַ פּראָ-גרעסיווער אַטמאָספער. אַ סך פון זיינע נאָענטע משפּחה-פריינד זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין דער שטאָט ביאַליסטאָק. זיין הויפּט-אַקטיוויטעט אין בוענאָס-איירעס איז געווידמעט די האַנדלס-קאָאָפּעראַטיוון פון וועלכע ער איז אַ מיטגליד, און ער האָט אויף די קאָאָפּעראַטיוון, צוזאַמען מיט חיים שוואַרצן, סעמועל וועקסלערן און דעם איצטיקן פּרעזי-דענט ווײנשטיינען, אַ גרויסן איינפלוס.

ווען די האַנדלס-קאָאָפּעראַטיוון האָב אַרויסגעגעבן דאָס יובל-בוך לכבוד 25 יאָר „יידישע ציימונג״, אַ בוך, וואָס איז אַ גרויסער ביישטייער צו דער יידישער קולטור און רייך מיט אָפּהאַנדלונגען וועגן אַלע צווייגן פון דעם יידישן לעבן אין אַרגענטינע — איז טריוואַקס געווען איינער פון די וויכטיקסטע אַקטיווע רע-דאַקטאָרן פון דעם יובל-בוך. ער האָט אין דעם יובל-בוך אָנגע-שריבן אַ לענגערן היסטאָרישן איבערבליק איבער דער יידישער פּרעסע בכלל און איבער דער „יידישער ציימונג״ בפרט.

אַן אינטעליגענטער מענש באַווירקט ער דאָס יידישע געזעל-שאַפטלעכע לעבן און דאָס יידישע קולטור-לעבן אין דער שטאָט בוענאָס-איירעס.

אין יעדער קולטור-געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, אין וועלכער עס באַטייליקט זיך די ערשטע יידישע האַנדלס-געזעלשאַפט, שטייט הירש טריוואַקס אין די פאָדערשטע רייען ווי אַן אַקטיווער און ענער-גישער איניציאַטאָר און מיט-אַרבעטער.

פנחס כץ

די צווייטע גרעסטע יידישע צייטונג אין בוענאָס-איירעס איז די „פּרעסע" און פּנחס כץ איז איר רעדאַקטאָר. די צייטונג שפּיגלט אָפּ דעם כאַראַקטער פון איר רעדאַקטאָר.

פנחס כץ איז אַן אינטערעסאַנטע פיגור אין דער יידיש-זשורנאַליסטישער וועלט פון בוענאָס-איירעס. איבער 35 יאָר, אַז פּ. כץ לעבט אין אַרגענטינע. ער איז געקומען אַהין אין זיינע יונגע בליענדיקע יאָרן. געבאָרן געוואָרן איז ער אין כערסאָנער גובערניע, אין אַ הויז פון ניט-פאַרמעגלעכע עלטערן, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל. די הויז, וואו ער האָט זיך דערצויגן איז געווען אַ טראַדיציאָנעל-יידישע. דער טאַטע האָט דעם יונגן פּנחסן געגעבן אין חדר צו די בעסטע מלמדים, וואו אויסער תורה האָט ער אויך געלערנט רוסיש און העברעאיש. אָבער צוליב דער אָרעמקייט פון טאַטע-מאַמע האָט אים זיין פאָטער צו 15 יאָר אַוועקגעשיקט קיין אָדעס, וואו ער האָט זיך געלערנט מאָלן שילדן; שפּעטער האָט ער ארבעט פאַרלאָזן און איז געוואָרן אַן איינבינדער. דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען דאָס אַלטע יידיש-טראַדיציאָנאַלע לעבן האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען, ענדערן. אין יידישן לעבן האָט גענומען שפּראָצן אַ רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע באַוועגונג. זי האָט אויך דעם יונגן פּנחס כץ פאַרכאַפּט. אין 1903, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן דער רוסישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג „איסקרא". ער איז צוגענומען געוואָרן אין מיליטער-דינסט, האָט געלעבט אומלעגאַל אין אָדעס, געאַרבעט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. ווען לעבן אומלעגאַל איז פאַר אים שוין געווען אוממיגלעך, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע.

דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע איז געווען נאָך גאַנץ יונג, האָט ער זיך דאָרטן געוואָרפן פון איין אַקטיוויטעט צו דער אַנדערער. צו ערשט איז ער צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי פּועלי-ציון, געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון אַ פּועלי-ציוניסטישער צייטונג אונטער דעם נאָמען „ברויט און ערע", האָט פאַרעפנטלעכט לידער, זכרונות, האָט זיך באַשעפטיקט מיט איבערזעצונגען פון דער שפּאַנישער ליטעראַטור. ער האָט איבערגעזעצט שפּאַנישע מעלאָדראַמעס פאַרן יידישן טעאַטער, געווען אַ קאָרעקטאָר, אַ קורצע צייט אויך געווען אַ לערער אין די „איקאַ"-שולן. ער איז אויך געווען איינער פון

די ערשטע מיט־אַרבעטער פון דער „יידישער צייטונג" אין בוענאָס־איירעס און דערנאָך איז ער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער „פּרעסע".

ווען די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען די מאַכט אין רוס־לאַנד, זיינען פּנחס כצס סימפּאַטיעס איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון די באָלשעוויקעס און די קאָמוניסטישע ריכטונג זיינע האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן אין דער טעגלעכער יידישער צייטונג „די פּרעסע". אין 1929 האָט ער באַזוכט סאָוועט־רוסלאַנד און זיינע קאָמוניסטישע סימפּאַטיעס זיינען נאָך שטאַרקער געוואָרן. כאָטש די צייטונג געהערט צו אַ קאָאָפּעראַטיוו, און דער צוזאַמענשטעל פון דעם קאָאָפּעראַטיוו איז זייער אַ פאַרשיידנאַרטיקער, דאָך איז דער איינפלוס פון כצן אויף דער צייטונג דער שטאַרקסטער. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס כץ איז שוין איבער 60 יאָר אַלט, איז ער ענערגיש און קעמפט פאַר זיינע איבערצייגונגען, פאַר זיין לינקער אָריענטאַציע.

אַלס זשורנאַליסט פאַרנעמט ער אַן אַנגעזען אָרט אין דעם יידישן קולטור־לעבן פון אַרגענטינע. אַ פּיליזייטיקער שרייבער, שרייבט ער וועגן אַלץ וואָס עס האָט אַן אינטערעס פאַר אים, ווי אויך פאַר דעם יידישן לייענער. אין די 40 יאָר יידיש־לעבן אין אַרגענטינע, האָט כץ אויף זיין אופן בייגעשטייערט זיין חלק. ניט אַלע מאָל איז צוליב זיין לינקער אָריענטאַציע זיין ראָלע געווען אַ קאָנסטרוקטיווע, אַ בויענדיקע. אָבער אין דעם איז ער אַליין ניט שולדיק. ער איז אַ קרבן, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, פון דער „ליניע", מיט וועלכער ער איז אידייאיש פאַרבונדן און צו וועלכער ער איז פאַר־פליכט.

ליטמאַן (ש. פריילין)

אין דער יידישער קינדער־ליטעראַ־טור, ניט נאָר פון אַרגענטינע, נאָר פון גאָר דער וועלט, איז ליטמאַן ניט קיין פּנים חדשות. ער איז געבאָרן געוואָרן אין מעזריטש, פוילן, אין יאָר 1898, און געקומען קיין אַרגענטינע אין יאָר 1924. ער איז גלייך געוואָרן איינער פון די מיט־רעדאַקטאָרן פון דער „פּרעסע", און האָט זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון קינדער־ליטעראַטור.

ליטמאַן האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי ביכער ספּעציעל פאַר קינדער: „אַלע זיבן זאַכן", „אַ ליכטיקע וועלט", „פעטער שמחהס שפּאַסערייען", אַ בוך מעשהלעך, אַ בוך פאַרשטעלונגען פאַר קינדער. זיינע ביכער זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוענאָס-איירעס, וואַרשע און ארץ-ישראל. אידייאיש באַלאַנגט ער צו די רעכטע פּועלי-ציון. אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קינדער-ליטעראַטור, ווי אין דער יידישער ליטעראַטור בכלל, שפּילט ער אַ באַדייטנדיקע ראָלע. אין די יידישע קינדער-זשורנאַלן פון גאַר דער וועלט, ווערן געדרוקט זיינע קינדער-מעשהלעך, און די קינדער פון אַלע יידישע שולן, וואו יידיש ווערט געלערנט, האָבן פון זיינע דערציילונגען הנאה און האָבן זיי ליב. פאַר זיין טאַלאַנט אַלס אַ קינדער-שרייבער, איז זיכער די אַרגענטינער „יידישע טעריטאָריע" אַ ביסעלע צו קליין. פאַר זיין טאַלאַנט איז נייטיק אַן איינגעוואָרצלט צאַפּלדיק יידיש לעבן, ווי דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן אין פּוילן, אָדער אפילו ווי דאָס היינטיקע יידישע לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

יוסף מענדעלסאָן

איינער פון די אָנגעזעענסטע און ערנסטע זשורנאַליסטן אין אַרגענטינע איז יוסף מענדעלסאָן. ער איז אַ לאַנגע צייט געווען דער רעדאַקטער פון דער „יידישער צייטונג", די גרעסטע יידישע צייטונג אין לאַנד. איצט איז ער איינער פון אירע וויכטיקסטע מיט-אַרבעטער.

ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט יוסף מענדעלסאָן, קריגט איר גלייך דעם איינדרוק, אַז עס שטייט פאַר אייך אַ מענטש, אַ למדן. ניט קיין הויכער אין וואוקס, מיט אַ ברוינעם פּנים און גרוילעכע האָר. אויגן דורכנעמענדיקע גלאַנצן פון אונטער זיינע ברילן. איר פילט, אַז די אויגן האָבן טיף אַריינגעקוקט אין בוך און דורכגענומען יעדן אות פון די ביכער, וואָס זיי האָבן געלייענט. ווען יוסף מענדעלסאָן וואָלט געטראָגן אַ באָרד, וואָלט איר אים זיכער אָנגענומען פאַר אַ ראש-ישיבה פון די אַמאָליקע שטעט און שטעטלעך.

פון קינדהייט אויף איז לערנען געווען זיין הויפּט-נחת אין לעבן.

יוסף מענדעלסאָן איז געבאָרן אין טשערקאַס, קיעווער גובערניע. זיין פאָטער, אַ ייד אַ למדן, האָט דעם זון געגעבן אַ גרינטלעכע יידישע דערציאונג, אָבער ער, דער פאָטער, איז אויך געווען וועלט-לעך געניגט און פאַרשטאַנען, אַז יידישע בילדונג אַליין איז נישט גענוג. האָט ער דעם זון אויך געלאָזט לערנען רוסיש און וועלטלעכע לימודים. ווי אַ סך אַנדערע יידישע בחורים אין רוסלאַנד איז מענדעלסאָן געוואָרן אַן עקסטערניק און זיך געגרייט אַריינצוטרעטן אין אוניווערסיטעט. אין 1912, נאָך גאָר אַ יונגער בחור, איז ער געקומען קיין אַרגענטינע. דאָרטן האָט ער זיך גרינטלעך אויס-געלערנט שפּאַניש. זעקס יאָר איז ער געווען דער לערער און דירעקטאָר פון אַ „איקאָ"-שול אין דער יידישער קאָלאָניע מאָזעס-וויל.

פרואוון פון זשורנאַליסטישער טעטיקייט האָט ער נאָך געמאַכט אין אוקראַינע אַלס קאָרעספּאָנדענט פון רוסישע צייטונגען. אין יידיש האָט ער אָנגעהויבן שרייבן אין 1916, ווען ער איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דעם וואָכנבלאַט „דער קאָלאָניסט" אין דעם שטעטל דאָמינגעז, וואָס געפינט זיך אין „ענטראַריאָס" — דער צענטער פון יידישער קאָלאָניזאַציע. אין דער „יידישער צייטונג" פון בוענאָס-איירעס האָט ער אין אָנהייב געדרוקט אָפּהאַנדלונגען איבער יידישע און שפּאַנישע שריפטשטעלער. איצט שרייבט ער אויך פעליטאָנען, און אונטער דעם פּסעוודאָנים „ברוך דער גרינער" פירט ער מיט די לעזער גרינגע שמועסן וועגן לאָקאַלע און אַלגעמיינע טאָגפראַגעס, און אויך וועגן פּראָבלעמען פון יידישן לעבן. ער פאַרנעמט זיך אויך מיט ליטעראַטור-קריטיק, און האָט פאַרעפנט-לעכט אַרבעטן וועגן יידישע, רוסישע, שפּאַנישע און ענגלישע שריפט-שטעלער. ליטעראַריש איז ער אויך טעטיק ווי אַן איבערזעצער. פון זיינע איבערזעצונגען זיינען באַזונדערס באַקאַנט ד. מאָרדאָוצעס „הורדוס" און „אונדזערע פּיראַמידן", דאָס בוך פון דער שפּאַנישער שריפטשטעלערין סאָפיע קאַסאַנאָוואַס „די רוסישע רעוואָלוציע אין בילדער און פיגורן" (פון שפּאַניש), עמיל זאָלאַס „דער אמת", און ער האָט אויך געמאַכט אַ גאַנצע ריי אַנדערע איבערזעצונגען פון דערציילונגען און פּאָעמעס.

יוסף מענדעלסאָן איז לויט זיין פאַרטיי-אָנגעהעריקייט אַ ציו-ניסט. אָבער דאָס שטערט אים נישט צו זיין אַ געטרייער און אי-בערגעגעבענער אָנהענגער פון דער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע.

אין די פראַגעס פון יידישער קאָלאָניזאַציע איז ער אַ פאַכמאַן. ער האָט צו דעם אַ פּאָזיטיווע, וואַרעמע באַציאונג. ער איז פאַררעכנט פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע פערזענלעכקייטן אין דעם יידישן קולטור-לעבן פון דרום-אַמעריקע. ער האָט דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע שטאַרק באַווירקט. כאָטש אַ פּאַרטיימענטש, אַ ציוניסט, דאָך רעספּעקטירן אים אַלע ריכטונגען פון דעם יידישן לעבן אין בוענאָס-איירעס.

משה מערקין

פון די גאָר ניי-אָריבערגעקומענע געזעלשאַפטלעכע און קולטור-טוערס איז משה מערקין. אין אייראָפּע איז משה מערקין געווען זייער אַקטיוו אין „אָרט". ער איז אַפילו קיין אַרגענטינע געקומען אין די אינטערעסן פון דער אָרגאַניזאַציע „אָרט". אַדאַנק דעם איז אים אויסגעקומען צו באַזוכן אַ גאַנצע ריי דרום-אַמעריקאַנער לענדער, פאַרברענגען אין זיי אַ לענגערע צייט און באַקענען זיך מיט דעם יידישן לעבן פון יענע לענדער.

אין אַרגענטינע איז ער אויך ניט געזעסן אויף איין אָרט: ער האָט באַזוכט אַלע אַרגענטינער יידישע ישובים, האָט זיך באַקענט מיט דעם יידישן לעבן סיי אין דאָרף און סיי אין שטאָט, און ווען דער פאַשיזם האָט אָנגעהויבן צו בושעווען אין די אייראָפּעאישע לענדער האָט ער באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אַ תושב פון אַרגענטינע.

ער איז אַ שטענדיקער מיט-אַרבעטער אין דער טעגלעכער „יידישער צייטונג". ער שרייבט זייער אָפט וועגן דעם יידישן לעבן אין אייראָפּע און אין דרום-אַמעריקע.

אַליין אַ „רוסישער" — איז ער גוט באַקאַנט מיט דעם לעבן אין רוסלאַנד און אין אייראָפּע און אין זיינע אַרטיקלען באַרירט ער אָפט רוסישע און אייראָפּעאישע ענינים.

פּראָפעסיאָנעל איז ער פאַרבונדן מיט דעם יידישן וועלט-קאָנגרעס, אין זיינע אינטערעסן פאָרט ער אַרום איבער די יידישע שטעט פון אַרגענטינע, אָרגאַניזירט דאָרטן אַקציעס און אַדאַנק דעם וואָס ער געפינט זיך אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די יידישע מאַסן אין אַרגענטינע באַווירקט ער דאָס דאָרטיקע יידישע לעבן.

מ. סטאָליער

אײנער פון די אינטערעסאַנטסטע פּערזאָנען אין יידישן קולטור־לעבן פון אַרגענטינע איז, בלי ספק, דער אייגנטימער און רעדאַקטער פון דער גרעסטער יידישער צײ־טונג, (די „יידישע צייטונג״) — מ. סטאָליער.

זיין איצטיקע פּאָזיציע האָט ער זיך דערוואָרבן ביסלעכווייז.

דער נאָמען מ. סטאָליער איז מיר שוין געווען באַקאַנט אַ לענגערע צייט. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז ער געווען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין די יידישע צייטונגען זיינען דאַן דערשינען אינטער־וויוס מיט אים.

אונדזער ערשטע באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אויף דעם לופט־פּאָרט אין בוענאָס־איירעס, וואו ער און צענדליגער אַנדערע זיינען געקומען מיך זען ביי מיין אָנקומען. אונדזער באַגעגעניש איז געווען אַזוי ווי פון צוויי אַלטע באַקאַנטע. דער איינדרוק וואָס מ. סאָטליער מאַכט אויפן ערשטן אויגנבליק איז פון אַ יידן, אַ סוחר. אַ ביסל העכער פון מיטעלן וואוקס, אַ ברייט־ביינינקער, בלויע, גוטמוטיקע אויגן, מיט אַ וואַרעמען, קלוגן יידישן שמייכל אויפן פּנים.

מ. סטאָליער איז געבאָרן געוואָרן אין בעסאַראַביע. אין די קינדער־יאָרן האָט ער זיין דערציאונג געקראָגן אין חדר. אַ קינד פון ניט־פאַרמעגלעכע עלטערן, האָט ער זיך פרי געמוזט לערנען אַ מלאכה, כדי זיך צו דערנערן און שפּעטער אויף אַרויס־צוהעלפן די עלטערן. איז ער געוואָרן אַ לערן־יינגל ביי סטאָלעריי. אַלס יונגער יינגל האָט ער זיך שוין אָנגעשלאָסן אָן דער פּאַרטיי ציוניסטן־סאָציאַליסטן, איז אין דער פּאַרטיי געוואָרן זייער אַקטיוו, און איז געקומען אין נאָענטער באַרירונג מיט דער סאָציאַליסטיש־ציוניסטישער אינטעליגענץ פון יענער צייט. דער יונגער בחור איז פון איר שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן. ער האָט זיך מיט גרוים אימפּעט גענומען לערנען וועלטלעכע לימודים. ער האָט גע־נומען לייענען ביכער און האָט אין זיך אַנטוויקלט אַ ליבע צו דער נייער מאָדערנער יידישער קולטור. דאָס יידישע בוך איז ביי אים געוואָרן דער לעבנס־חבר.

ווען די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע האָט גענומען גיין באַרג אַראָפּ, איז ער אַן אַנטוישטער אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע.

שווער איז אים געווען דער אָנהייב אין דער נייער היים.

דער יידישער ישוב אין דעם נייעם לאַנד איז נאָך ניט געווען איינגעשטעלט און דאָס יידישע לעבן דאָרטן ניט אינטערעסאַנט. מ. סטאָליער נעמט זיך צו דער שווערער אַרבעט פון זיין פאַך, צו סטאָלעריי. ער אַרבעט אין אַ מעבל־פאַבריק, פאַרדינט קוים צו דערנערן זיך. אָבער מיט דעם יידישן בוך שיידט ער זיך ניט. ער שפּאָרט אָפּ פון מאָגן „קישקע"־געלט, שרייבט אויס אַלע נייאַרויסגעגעבענע יידישע ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען פון פּוילן און צפון אַמעריקע. צוליב אָט דעם אוצר ביכער, וואָס ער באַקומט פון אַלע וועלטטיילן, ווערט זיין שטוב דער צענטער פון דער דעמאָלטיקער יידישער אינטעליגענץ אין אַרגענטינע.

אַ מענטש מיט אַ סך שכל, מיט איינגעבאָרענער אינטעליגענץ — רוקט ער זיך שנעל אַרויס אַלס איינער פון די וויכטיקסטע פיגורן צווישן יידן אין דער שטאָט בוענאָס־איירעס. ער גיט אויף זיין שווערע אַרבעט אין דער מעבל־פאַבריק און עפנט אַ יידישן ביכער־געשעפט. ער גיט זיך אָפּ טאָג און נאַכט מיט פאַרשפּרייטן די יידישע קולטור, פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך. זיין געשעפט איז ביי אים ניט נאָר אַ פּרנסה, נאָר אויך אַן אידעאַל. ער שרייבט זיך דורך מיט אַלע וויכטיקע יידישע פאַרלעגער פון אַלע לענדער. ער איז פאַקטיש געוואָרן דאָס פאַרבינדונגס־גליד פון דער וויטער אַרגענטינע מיטן יידישן קולטור־לעבן פון אַלע אַנדערע לענדער. צו אים קומט מען ניט נאָר קויפן אַ בוך, נאָר אויך דערוויסן זיך די אינטימע נייעס וועגן דער יידישער קולטור.

אין בוענאָס־איירעס גרינדעט זיך „די יידישע צייטונג". דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג ווערט יעקב ש. לאַקאָוויצקי. מיט 8 מאָנאַטן שפּעטער ווערן צו דער צייטונג צוגעצויגן לואי מאָס אַלס מיט־רעדאַקטאָר און מ. סטאָליער אַלס אַדמיניסטראַטאָר. ווען איך בין געווען אין בוענאָס־איירעס האָב איך שוין לואי מאָסן ניט געטראָפן צווישן די לעבעדיקע, אָבער דאָרטן האָב איך זיך דערוואוסט, אַז לואי מאָס איז מיין אַלטער פריינד, „מאָשע דער אָדעסער", מיט וועמען איך האָב אין 1903 „פאַרבראַכט" אין דער באַרימאָווער טורמע.ביידע זיינען מיר דאָרטן געזעסן פאַר געהערן צום „בונד". 30 יאָר האָב איך געזוכט מיין אַלטן חבר, און איצט האָב איך זיך ערשט דערוואוסט, אַז ער האָט די גאַנצע צייט געלעבט אין בוענאָס־איירעס, געווען אַ וויכטיקע, סאָציאַליסטישע פיגור אין אַרגענ־

טינע, און אַ לאַנגע צייט דער רעדאַקטאָר פֿון דער „יידישער צייטונג״.

נאָכן טויט פֿון לואי מאָסן, ווערט מ. סטאָליער דער אייגנטימער און רעדאַקטאָר פֿון דער צייטונג. מיט זיין טאַקט און קלוגשאַפט האָט ער דערפֿירט די צייטונג סיי געשעפֿטלעך, סיי קולטורעל, צו אַ גרויסער הייך. ער האָט צו דער צייטונג צוגעצויגן די בעסטע שרייבערס פֿון אויסלאַנד און פֿון בוענאָס-איירעס.

די צייטונג איז אַ ציוניסטישע. ניט ווייל מ. סטאָליער איז אַ ציוניסט, נאָר ווייל די וויכטיקע מיט-אַרבעטער זיינען ציוניסטן. אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, האָט די צייטונג אַ חוש פֿאַר אַלץ אין דעם יידישן לעבן פֿון גאָר דער וועלט. אין דער צייטונג וועלן זעלטן ווען אַריינגיין אַטאַקעס אויף דער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע״, אויפֿן „אָרט״, אָבער אויף אַנדערע ניט-ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. מ. סטאָליער האָט אויף אַלץ אַן אויג און אַ וואַרעמע באַציאונג צו אַלץ וואָס איז געזונט און קאָנסטרוקטיוו אין דעם יידישן לעבן. ער פּאַסט שוין אויף אַז קיין פּאַרטייאישע ביטערקייט זאָל זיך ניט אַריינגנבענען אין דער צייטונג.

מ. סטאָליער און זיין צייטונג איז קיין מאָל ניט הינגעריסן גע-וואָרן מיט סימפּאַטיעס צום באָלשעוויזם. דאָרטן האָט מען קיין מאָל קיין וואָרעם וואָרט נישט געשריבן פֿאַר סטאַלינס רעזשים.

מ. סטאָליער איז אַ מענטש מיט כאַראַקטער, ווייס וואָס ער וויל און ווייס, ווי אַ גוטער פֿאַכמאַן, ווי די צייטונג צו פֿירן. אַ געבאָרענער פֿאָלקס-מענטש מיט אַלע חושים פֿון זיין נשמה, האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט דאָס איידלסטע און שענסטע פֿון דער יידישער פֿאָלקס-מאַסע. זיין ווירקונג און איינפֿלוס איז אַ לעבעדיקער מאָ-נומענט וואָס אַ מענטש האָט זיך אַליין געקענט אַוועקשטעלן ביי זיין לעבן. ער האָט דעם מאָנומענט כשר און ערלעך פֿאַרדינט.

שמואל צעסלער

קליין איז דאָס יידיש-וועלטלעכע שול-וועזן אין בוענאָס-איירעס. אָבער דאָרטן האָט זיך אַנטוויקלט אַ רייכע יידישע קינדער-ליטעראַטור. ביידע יידישע צייטונגען, סיי די „פּרעסע״ און סיי „די יידישע צייטונג״ האָבן איין מאָל אַ וואָך אַ

קינדער־אָפּטיילונג, וואו עס ווערן געדרוקט קינדער־לידער, קינדער־מעשיות און דערציילונגען. מיט דער יידישער קינדער־ליטעראַטור פון בוענאָס־איירעס באַניצן זיך די יידיש־וועלטלעכע שולן פון דער גאַנצער וועלט.

שמואל צעסלער רעדאַגירט די קינדער־אָפּטיילונג אין דער „יידישער צייטונג", ער איז אַ באַגאַבטער שאַפער פון קינדער־לידער.

ש. צעסלער איז קיין בוענאָס־איירעס געקומען אין יאָר 1936 פון פוילן. ער האָט אין די שולן געלעבט מיט די קינדער, מיט זייערע פריידן און שפּילערייען און אויך מיט זייערע זאָרגן. די נשמה פון קינד, ספּעציעל פון יידישן קינד, איז אים זייער גוט באַקאַנט.

דער דיכטער, מלך ראַוויטש, האָט אָנגעשריבן אַ פאָרוואָרט צו ש. צעסלערס בוך לידער „פייגל אין דער לופטן" און אָט וואָס מלך ראַוויטש, דער פּאָעט און לערער, שרייבט וועגן צעסלערס קינדער־לידער:

„אין טוקאַמאַן אין דער הייסער, סוב־טראָפּישער שטאָט פון צפון־אַרגענטינע איז פאַראַן אַ קליינע יידישע שול. דאָרטן איז דאָ אַ לערער, אַ גרינער, נאָך קוים עטלעכע יאָר אין לאַנד. געקומען איז ער פון אַרום ביאַליסטאָק, וואו ער איז אויך געווען אַ לערער, הייסן הייסט ער, אַזוי ווי דער מחבר פון דעם בוך, שמואל צעסלער, און אַזוי ווי דאָס בוך איז איינס פון די גוטע יידישע קינדער־לידער־ביכער, אַזוי איז אויך דער מחבר איינער פון די גוטע יידישע קינדער־לידער־דיכטער".

צעסלער האָט אַרויסגעגעבן צוויי ביכער לידער. איין בוך הייסט: „אַ לעבעדיק וואָרט" און דאָס צווייטע — „פייגל אין דער לופטן".

עס איז באמת אַ פאַרגעניגן, ניט נאָר פאַר קינדער, נאָר אויך פאַר דערוואַקסענע צו לייענען יעדעס ליד אין בוך.

במשך פון דער קורצער צייט וואָס ער לעבט אין אַרגענטינע האָט ער זיך אין לאַנד איינגעבירגערט. ער קען גוט דעם יידישן ישוב, ער איז גוט באַקאַנט מיט די קינדער, וואָס לערנען זיך אין די שולן, וואו יידיש ווערט געלערנט אַלס שפּראַך. ער טראָגט ביי זיין חלק צו דער יידישער קולטור אין דעם קליינעם, אָבער אינטערעסאַנטן יידישן ישוב פון דרום־אַמעריקע, אין בוענאָס־איירעס.

שמואל ראָזשאַנסקי

אין דער יידישער זשורנאַליסטישער משפּחה פון בוענאָס-איירעס שפּילט שמואל ראָזשאַנסקי אַ גאַנץ אָנגעזעענע ראָלע און פאַרנעמט זייער אַ וויכטיק אָרט.

שמואל ראָזשאַנסקי איז געבאָרן אין וואַרשע. אין זיינע קינדער-יאָרן האָט ער געלערנט תנך, גמרא, אָבער די עלטערן האָבן זייער געוואָלט ער זאָל קענען אויך אַנדערע לימודים, און אַזוי ווי וואַרשע האָט זיך דעמאָלט געפונען אונטער רוסלאַנד, וואו די שפּראַך פון לאַנד איז געווען רוסיש, האָט מען נאַטירלעך געוואָלט, אַז דער יונגער יינגל, שמואל, זאָל זיך לערנען און קענען רוסיש, כדי פון אים זאָל אויסוואַקסן אַ ניצלעכער און „ליטישער מענטש".

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די לעצטע וועלט-מלחמה, איז ער אין גאַנצן אַלט געווען 12 יאָר. ווען די רוסן האָבן פאַרלאָזן וואַרשע, איז ער און זיין פאַמיליע געווען עוואַקואירט קיין ווילנע. ער האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן גרויל פון דער ערשטער וועלט-מלחמה. אין בוענאָס-איירעס איז ער געקומען אַ בחורל אַלט אין גאַנצן 20 יאָר. דאָרטן האָט ער זיך גענומען אַקטיוו באַטייליקן אין יידיש-געזעלשאַפטלעכן און קולטור-לעבן. כדי זיך צו דערנערן, איז ער געוואָרן אַ שטריקער-אַרבעטער. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, איז ער געוואָרן אַ לערער אין דער מאָדערנער יידישער פאָלקסשול פון מאָזעסוויל. אין מאָזעסוויל האָט ער אויך אויפגעבויט אַן אָוונטשול פאַר יוגנטלעכע. ער האָט דאָרטן געגעבן לעקציעס אין דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, געזעלשאַפט-קענטעניש און אַנדערע קעגנ-שטאַנדן. ווען ער האָט זיך צוריק באַזעצט אין בוענאָס-איירעס, איז ער געוואָרן דער סעקרעטאַר פון ליטעראַטן-פאַראיין אין אַרגענ-טינע. ער איז אויך געווען דער סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן פאַר-איין פון טעקסטיל-אַרבעטער. די אַרבעט אין פאַרשיידענע קולטור-אָרגאַניזאַציעס פאַרשלינגט זיין גאַנצע צייט.

לויט זיינע איבערצייגונגען איז ער אַ בונדיסט. פון דער נאַטור טעמפּעראַמענטפול, ענערגיש, האָט ער פעסטע איבערצייגונגען אין אַלע לעבנס-פראַגעס, און עס ציט אים די גאַנצע צייט צו זשורנאַ-ליסטיק. ער וויל האָבן אַ טעגלעכן עמוד, פון וועלכן ער זאָל קענען אַרויסזאָגן זיינע מיינונגען וועגן אַלע פראַגעס, אין וועלכע ער האָט אַ טיפן אינטערעס.

אין דער טעגלעכער צייטונג „די פרעסע״ פאנגט ער אן צו דרוקן אַ ריי סקיצן און דערציילונגען פון דער אַלטער היים, אויך פון אַרגענטינער לעבן. וואָס מער זיינע אַרבעטן זיינען געדרוקט גע־וואָרן, אַלץ מער ציט ער זיך אַריין אין ליטעראַרישער טעטיקייט.

היינט איז ער אַ וויכטיקער מיט־אַרבעטער פון דער „יידישער צייטונג״. ער פירט אין דער צייטונג אַ טעגלעכן קאָלום. דער קאָלום איז געוואָרן אַן אינסטיטוציע צווישן די יידישע לייענער פון אַרגענ־טינע. ער גיט זיך אָפּ זייער אַ סך מיט שרייבן וועגן יידישן טעאַטער. ער איז פּאַקטיש אין דער צייטונג דער איינציקער טעאַטער־קריטי־קער. ער שרייבט אויך וועגן ליטעראַטור, וועגן געזעלשאַפטלעכע און קולטור־פּראָבלעמען. ער האָט געשריבן און שרייבט זייער אַ סך וועגן סאָוועט־רוסלאַנד, און ספּעציעל וועגן די קאָמוניסטן אין בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע און אין אַנדערע לענדער. ער איז אַ שטאַרקער קעגנער פון קאָמוניזם: ער איז אומקאָמפּראָמיסלעך. ווען די יידישע גאַס פון אַרגענטינע און אַנדערע לענדער איז געווען באַהערשט פון קאָמוניסטישן איינפלוס, איז ער געשטאַנען מוטיק און האָט דעם קאָמוניזם אין יידישן לעבן באַקעמפט.

ש. ראָזשאַנסקי איז גאָר אַן אָנגעזעענע פיגור אין דער ליטעראַ־טור פון אונדזער יונגן ישוב אין אַרגענטינע. ער איז נאָך קיין פערציק יאָר ניט אַלט, און דאָך האָט ער פאַרפערטיקט צום דרוק צען בענד פון זיינע דערציילונגען, טעאַטער־רעצענזיעס, ליטעראַטור־קריטיקן, עקאָנאָמיש־וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען, אאַז״וו. פיר פון די צען בענד זיינען שוין אַרויס. ער איז זייער אַן אַרבעטזאַמער און אויף דעם געביט פון יידישער ליטעראַטור פּראָ־דוצירט ער זייער אַ סך.

אויסער זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, איז ער דער פּאָרזיצער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע. אָבער ער איז ניט אַ פאָרזיצער לשם דעקאָראַציע. ער איז איינער פון די בויער און אויפהאַלטער פון דער יידיש־וועלטלעכער שול־באַוועגונג. ער איז דער פאַרוואַלטער פון דעם יידיש־וויסנשאַפטלכן אינסטיטוט, אַ פאַרוואַלטער נישט קיין באַצאָלטער, האָך איז יעדעם בלעטל, וואָס אין אינסטיטוט געפינט זיך, יעדע סיסטעם, וואָס דאָרטן איז איינ־געפירט געוואָרן, ניט נאָר דורכגעגאַנגען זיין האַנט, נאָר אַלץ פון אים פאַרטראַכט געוואָרן און אַלץ פון אים דורכגעפירט געוואָרן.

דער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט און זיין ביבליאָטעק איז אַ גרויסער אויפטו פאַר בוענאָס-איירעס. די יידישע קולטור-וועלט פון בוענאָס-איירעס איז מיט דעם שטאָלץ און דער אויפבוי פון דעם וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און זיין ביבליאָטעק איז די אַרבעט פון ש. ראָזשאַנסקי.

אין שמואל ראָזשאַנסקין האָט די יידישע אַרגענטינע אַ וויכטיקן קולטור-טוער און זשורנאַליסט.

מ. רעגאַלסקי

רעגאַלסקין האָב איך געקענט נאָך פון אַמאָל. איך האָב אים באַגעגנט אין ניו-יאָרק, ווען ער איז אַהערצו נאָר וואָס געווען געקומען פון דייטשלאַנד, אין יאָר 1915. מיר זיינען צוזאַמען מיט אים געווען ביי דער גרינדונג פון דער פיפּלס-רעליף.

מ. רעגאַלסקי איז נאָך דעמאָלט גאַנץ יונג געווען, אָבער ער האָט שוין ביז יענער צייט דורכגעמאַכט אַ גאַנץ אינטערעסאַנט שטורעמדיק לעבן. ער איז צו דער אַרבעט פון דער פיפּלס-רעליף צוגעטראָטן, ווען ער איז נאָך אין לאַנד געווען גאַנץ „גרין". אויסער אין די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע קרייזן, איז ער אין ניו-יאָרק זייער ווייניק געווען באַקאַנט. ער איז פריער געווען אַקטיוו אין דער אומלעגאַלער באַוועגונג אין רוסלאַנד — אין דער פּאַרטיי פון די ציוניסטן-סאָציאַליסטן.

איך געדענק, ווי היינט, זיין ערשטן אויפטריט אויף אַ מיטינג אין „פאָרווערטס"-האָל פאַר דער פיפּלס-רעליף. זיין רעדע איז געווען פול מיט פייער-שפּריצן. ביי די איינגעזעסענע פון לאַנגע יאָרן אין אַמעריקע האָט זיין רעדע ניט זייער שטאַרק אויסגענומען. זיי האָבן געזאָגט, אַז ער באַניצט צו פיל געפליגלטע פראַזן. עס איז אים ניט אַזוי וויכטיק וואָס ער זאָגט, נאָר ווי אַזוי ער זאָגט, און דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז אַלע מאָל געווען היים, פייער-דיק.

אויף אונדז „גרינע", וואָס זיינען אויף דער פאַרזאַמלונג געווען, האָט די רעדע געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אויך זיין אויסערלעכער אויסזען האָט אויף אונדז געווירקט: מיטעלער וואוקס, דאַר, מיט אַ בלאָנדער קאָפּ, אין פענסנע (ברילן), זייער נעט געקליידט,

די הענט־זשעסטיקולאַציעס יידישע, אָבער זייער אַרטיסטישע. בעת זיין ריידן, האָט מען געפילט, אַז ער האָט זיך פריער אַליין עלעקטריזירט, און אַז דורך אים ווערט די עלעקטריציטעט איבערגעגעבן דער פאַרזאַמלונג. ווען ער איז געווען אין צפון־אַמעריקע, האָט ער באַזוכט אַ סך שטעט, אַדרעסירט פאַרזאַמלונגען, געהאַלטן לעקציעס און איז זייער גיך פּאָפּולער געוואָרן אינעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אין 1918 איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע.

מ. רעגאַלסקי איז געבאָרן געוואָרן אין מאָסקווע. ער האָט פאַרענדיקט אַ גימנאַזיע. געלערנט שפּעטער אין דעם בערלינער אוניווערסיטעט. זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט ער אָנגעפאַנגען אַלס אַלגעמיינער ציוניסט. שפּעטער האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אָן דער פאַרטיי סאָציאַליסטן־ציוניסטן. ער האָט געשריבן פאַרטיי־פּראָקלאַמאַציעס, גערעדט אויף אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען, געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, און איז געווען אַ וויכטיקער טוער און בויער פון דער פאַרטיי סאָציאַליסטן־ציוניסטן.

מ. רעגאַלסקי האָט אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין דער רוסישער שפּראַך. שפּעטער האָט ער געמאַכט איבערזעצונגען אין יידיש פאַר אברהם רייזענס זשורנאַל „די אייראָפּעאישע ליטעראַטור". ער האָט אויך געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון דער טעגלעכער צייטונג „פריינד", אַרויסגעגעבן אין וואַרשע, און דערנאָך אין וואַרשעווער „היינט". ער איז צום לעצטן מאָל אַרעסטירט געווען אין וואַרשע, און ווען ער ווערט באַפרייט, פאָרט ער אָפּ קיין בערלין. און פון דאָרט שרייבט ער קאָרעספּאָנדענציעס אין „פריינד", אין „היינט", אין דער „יידישער שטימע", און אין רוסישע זשורנאַלן. אין בערלין האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע אַרבעט וועגן דער יידישער קהילה אין דייטשלאַנד. ווען עס ברעכט אויס די ערשטע וועלט־מלחמה, ווערט ער אין דייטשלאַנד, אַלס רוסישער בירגער, אַריינגעזעצט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. אים געלינגט פון דאָרטן זיך צו באַפרייען און קומען קיין ניו־יאָרק.

ווען ער איז געקומען קיין אַרגענטינע, האָט זיך דאָרטן דער יידישער ישוב נאָר וואָס גענומען פונאַנדערבליען. דער טעמפּעראַמענטפולער מ. רעגאַלסקי ווערט אַקטיוו אין די רייען פון די פועלי־ציון, ווערט דער רעדאַקטאָר פון זייער וואָכנבלאַט „די נייע צייט", און אין דעם קאַמף צווישן די יידישע סאָציאַליסטישע פאַר-

טייען, די „פּועלי-ציון" און „בונד", פאַרנעמט ער אַן אָנפירנדיקע פּאָזיציע ביי די פּועלי-ציון און פילט זיך אין דעם קאַמף ווי אַ פיש אין וואַסער. אים איז געווען שווער זיך צו באַפרייען פון דער שאַרפקייט און שפּיציקייט פון די פּאַרטיי-קאַמפן.

איצט איז דער פּאַרטיי-קאַמף אין בוענאָס-איירעס כמעט ווי ניטאָ. דער ציוניזם איז דער „בעל-הבית" איבער דעם יידישן לעבן. אָבער אין די אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען וואָס מ. רעגאַלסקי שרייבט איצט, ווייזט ער נאָך אַלץ אַרויס זיין פּאַרטייאישקייט. אין די אַרטיקלען לעבט אין אים פון דאָס ניי אויף דער יוגנטלעכער ברען און די קאַמפן וואָס מען האָט געפירט אַמאָל.

איך האָב אים ניט געזען איבער 25 יאָר, און ווי אַנדערש ער איז געוואָרן! אויסערלעך ניט פאַרעלטערט, כמעט דער זעלבער רעגאַלסקי, נאָר אַ סך געלאַסענער אין זיין ריידן. זיינע באַוועגונגען מער געזעצטע און סאָלידע. ווען ער רעדט אָדער ער שרייבט, זוכט ער שוין אויך אינהאַלט, ניט נאָר פאָרם. ער איז אַ שטענדיקער מיט-אַרבעטער פון דער „יידישער צייטונג". ער שרייבט אַלע טאָג אויף דעם וויכטיקסטן און אָנגעזעענסטן אָרט פון דער צייטונג — „פּאָליטישע איבערבליקן". די איבערבליקן זיינען אינטערעסאַנטע און גוט אינפאָרמאַטיווע.

אויסער זיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט, איז ער אויך געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. ער איז דער פּרעזיצער פון יידיש-וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין בוענאָס-איירעס. ער האָט דעם פּראַכטפולן אינסטיטוט געהאָלפן בויען. ער איז אַקטיוו אין אַלע צווייגן פון דער יידיש-וועלטלעכער קולטור. אין דער יידישער בוענאָס-איירעס פאַרנעמט מ. רעגאַלסקי אַ גאַנץ אָנגעזעען אָרט.

א. ל. שוסהיים

די יידישע זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע האָט אין א. ל. שוסהיימען אַן ערשטראַנגיקן זשורנאַליסט. זיין סטיל, אַ קלאָרער און שאַרפער, ברענגט אַרויס יעדע זאַך אַזוי איינפאַך און אַזוי פאַרשטענדלעך, אַז ס'איז פשוט אַ פאַרגעניגן אים צו לייענען, אַפילו דאַן ווען מען איז מיט אים ניט איינשטימיק. זיין

גאַנצע לעבנס־קאַריערע ביז ער איז געקומען קיין אַרגענטינע איז אַ שטורעמדיקע, אַ זייער אָריגינעלע.

ער איז געבאָרן געוואָרן אין רעדעם, מזרח־גאַליציע, אין אַ פרומער, יידישער היים. געלערנט אַ קורצע צייט אין חדר, דערנאָך אין דער ישיבה. האָט ער אָבער געמוזט צוליב אָרעמקייט אַלץ איבעררייסן און ווערן אַ בעל־מלאכה. ער איז געוואָרן אַ קאַרב־פלעכטער. ווען ער האָט פאַרענדיקט אַלס לערן־ייִנגל ביים מייסטער, האָט ער גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט: געפאָרן קיין בראָד, קיין קראָקע, קיין ווין און אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע וויכטיקע שטעט פון גאַליציע און האָט דאָרטן געאַרבעט ביי זיין פאַך. זייער גיך האָט ער זיך באַקאַנט מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, און זיך אָנגעשלאָסן אָן דער פאַרטיי פועלי־ציון. ער איז באַלד אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דעם עסטרייכישן פאַרבאַנד פועלי־ציון.

די פאַרטיי־מענטשן אַנטדעקן אין אים אַ שרייבערישן טאַלאַנט און מען מאַכט אים פאַר דעם רעדאַקטאָר פון דעם פאַרטיי־אָרגאַן „דער יוד". אין זיינע אַרטיקלען און זשורנאַליסטישע אַרבעטן בכלל ווייזט זיך דער קאָרבן־פלעכטער אַרויס פאַר אַ געבענטשטן שריפטשטעלער. ער הייבט אָן צו שרייבן פאַר דער ניו־יאָרקער טעגלעכער צייטונג „וואַרהייט". זיינען אַרטיקלען ווערן איבערגעדרוקט אין אַלע פועלי־ציוניסטישע צייטונגען פון דער וועלט. אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט ער אַריינגעצויגן אין מיליטער, וואו ער פאַרבלייבט ביז נאָך דער מלחמה. נאָך דער מלחמה מאַכט ער אַ גאַנצע ריי פאַרזוכן אַרויסצוגעבן וועכנטלעכע און מאָנאַטלעכע זשורנאַלן, אָבער ער באַגעגנט אויפן וועג אַ גאַנצע ריי פאָליטישע שוועריקייטן, און די זשורנאַלן מאַכן זיך צו אין גאָר אַ קורצער צייט נאָך זייער גרינדונג.

אין 1926 וואַנדערט ער אויס קיין אַרגענטינע, וואו ער איז איצט אַ שטענדיקער אָנגעזעענער מיט־אַרבעטער פון דער „יידישער צייטונג".

פון אַ יידישן אַרבעטער, אָן ברייטער און אַלזייטיקער בילדונג אין זיין פריסטער יוגנט, האָט ער זיך דערהויבן צו זיין איינער פון די שאַרפסטע זשורנאַליסטן אין דער אַרגענטינער פרעסע. זיין פען איז היינט־צו־טאָג אַן אַלזייטיקע. ער האָט אין די ווייטערדיקע יאָרן פון זיין לעבן זייער שווער געאַרבעט, כדי ער

זאָל אָניאָגן אין קענטעניש דאָס, וואָס ער האָט ניט געקראָגן אין די קינדער־יאָרן. און זיין ציל האָט ער דערגרייכט. וועגן וואָס ער זאָל ניט שרייבן, וועגן וועלט־פּאָליטיק, וועגן ציוניזם, וועגן אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע פראַגעס, שרייבט ער ניט נאָר מיט טאַלאַנט, נאָר אויך מיט אַ סך וויסן. ער איז לויט זיינע איבערצייגונגען אויך איצט אַ פּועלי־ציוניסט. איז וואָס אַנבאַלאַנגט יידישע פּראָבלעמען, עק־סיסטירט פאַר אים, ווי פאַר אַלע ציוניסטן, נאָר איין פּראָבלעם: ארץ ישראל. לויט זיין אויפפאַסונג, איז די לייזונג פון דער יידן־פראַגע פאַרבונדן נאָר מיט איין פּראָבלעם: וועלן יידן קריגן אַ מלוכה אין ארץ־ישראל, וועט זיין אַ יידיש פאָלק, וועט ניט, — גייען מיר אונטער. דעם שטאַנדפּונקט פאַרטיידיקט ער אַלע מאָל מיט איבערצייגונג, מיט דער שאַרפקייט פון זיין פען, ווי נאָר ער קען.

אַמאָל, אין זיינע גאָר יונגע יאָרן, האָט ער זיך ניט איין מאָל געבונטעוועט קעגן דעם ציוניזם, ווייל דער ציוניזם האָט אַ נעגאַ־טיווע באַציאונג צום גלות. היינט איז ער שוין מערניט אין דער אָפּאָזיציע. ער האָט אָנגענומען די הערשנדיקע ציוניסטישע איינ־שטעלונג.

אין אַלגעמיינע פּאָליטישע פראַגעס איז ער אַ דעמאָקראַטישער סאָציאַליסט, דער שאַרפסטער קעגנער פון קאָמוניזם. קאָמוניסטן אין בוענאָס־איירעס זיינען זיינע גרעסטע שונאים. זיי ריידן וועגן אים מיט ביטערקייט, ווייל קיינער האָט קעגן זיי אַזוי שאַרף ניט געשריבן, קיינער האָט זיי אַזוי ניט דעמאַסקירט, ווי א. ל. שוסהיים.

מיט זיין פען האָט ער געהאָלפן שטאַרק באַאיינפלוסן דאָס יידישע לעבן פון אַרגענטינע לטובת דעם ציוניזם. מיט זיינע מיינונגען רעכנט מען זיך און ער איז אַ וויכטיקער זשורנאַליסט און געזעלשאַפטלעכער טוער אין דעם יידישן לעבן פון בוענאָס־איירעס.

אורוגוואַי



אַ דערפאָלגרייכע פאַרם. אַגריקולטור איז די הויפּט־אינדוסטריע פון לאַנד.



אַ שעפּסן־פאַרם

אוראַגוואַי

פון אלע 21 רעפּובליקן פון דרום־אַמעריקע איז אוראַגוואַי פאַררעכנט פאַר איינע פון די פרייסטע און דעמאָקראַטישסטע לענדער. מען האָט מיר דערציילט אין בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע, אַז ווען מען ווערט דאָרטן מיד פון די פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע שטימונגען, פאָרט מען אַוועק געיסטיק זיך אָפּרוען און פרייער אָפּעטעמען אין דער קליינינקער רעפּובליק אוראַגוואַי.

אַרומפאָרנדיק צען וואָכן איבער דרום־אַמעריקע, וואו איך האָב אומעטום באַגעגנט גאַנצע, אָדער האַלב־פאַשיסטישע דיקטאַטורן, און איך, אפילו אַלס אַמעריקאַנער בירגער, האָב עס געפילט אויף יעדן שריט און טריט, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין אוראַגוואַי, וואו איך וועל קענען פרייער אָפּאָטעמען און אויך דער־מאָנען זיך אָן דער פרייהייט וואָס מיר האָבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

ווען איך בין געווען אין דרום־אַמעריקע, האָב איך ערשט דערפילט ווי גרויס, ווי וויכטיק און טייער עס דאַרף זיין ביי אַ מענטשן די פרייהייט, וואָס איז פאַראַן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווען מען גייט אַרום איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, אָדער אַן אַנדער אַמעריקאַנער שטאָט, ווען מען פאָרט אַרום איבער די שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, איז די פרייהייט און דעמאָ־קראַטיע אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, ווי נאַטירלעך עס איז די לופט, וועלכע מען אָטעמט.

אין לענדער, וואו עס איז ניטאָ קיין אמתע פרייהייט, וואו עס הערשט דיקטאַטור, איז אפילו דער איינצעלנער מענטש אַן אַנדערער. ער איז אָפט מאָל אַ בייזער, אַ שלעכטער. איר פילט אין די באַצי־אונגען פון מענטש צו מענטש אַן אַנגעצויגנקייט, אַ מורא צו גע־טרויען איינער דעם צווייטן.

יידן זיינען אין דער הינזיכט אַן אויסנאַם. וואָס שטאַרקער עס איז אין אַ לאַנד די דיקטאַטור, אַלץ מער טוליען זיך די יידן איינער צום אַנדערן.

פון בוענאָס־איירעס, אַרגענטינע, קיין מאָנטעווידעאָ, די הויפּט־

שטאָט פון אוראַגוואַי, איז די רייזע ניט קיין ווייטע. ביידע שטעט ווערן אָפּגעטיילט מיט אַן אויסגוס פון דעם אַטלאַנטישן ים. מיט אַן עראָפּלאַן צו פאָרן פון בוענאָס־איירעס קיין מאָנטעווידעאָ נעמט אין גאַנצן 45 מינוט. מען פאָרט די גאַנצע צייט איבערן וואַסער. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז אין אַ זוניקן טאָג איז די רייזע זייער און זייער אַן אָנגענעמע. איז אַזוי גיך ווי איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט מיין אַרבעט אין בוענאָס־איירעס, בין איך אַוועקגעפאָרן אין מאָנטעווידעאָ, אוראַגוואַי.

די רייזע איז ווירקלעך געווען אַ וואונדערבאַרע. דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער, פול מיט זונשיין. וואָס העכער דער עראָ־פּלאַן האָט זיך געהויבן, אַלץ ברייטער און שענער איז געווען די פּאַנאָראַמע פון דער שיינער שטאָט בוענאָס־איירעס. אַרום 20 מינוט האָבן זיך מיינע אויגן ניט אָפּגעריסן פון דער שטאָט בוענאָס־איירעס. און אָט איז די שטאָט מיט אַ מאָל פאַרשוואונדן. עס האָט גענומען אפשר פינף אָדער צען מינוט און מיר האָבן שוין פון דערווייטן דערזען די שטאָט מאָנטעווידעאָ, צו וועלכער מיר האָבן זיך געהאַלטן אין דערנעענטערן. נאָך 45 מינוט פאָרן האָט זיך דער עראָפּלאַן אַרונטערגעלאָזט און איך בין געשטאַנען אויף דער ערד פון דעם לאַנד, וואָס איך בין געווען אַזוי נייגעריק צו זען.

אין מיין ערשטער באַרירונג מיט די צאָל־באַאַמטע האָט זיך שוין די אַנדערשקייט דערפילט. די באַאַמטע האָבן אַ קוק געטאָן אויף מיין פּאַספּאָרט און געזען, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער בירגער, האָבן זיי מיך געלאָזט פריי גיין. און אָט שטיי איך שוין אויפן פרייען פּלאַץ מיט אַ גרופּע געזעלשאַפטלעכע טוער, סאָציאַליסטן־בונדיסטן פון דער אַלטער היים. מ'רעדט, מ'לאַכט, ווי איך וואָלט באַגעגנט מיינע אַלטע פריינד אויף סעקאָנד עוועניו, אין די בראָנקס, אָדער אין ברוקלין, אָדער אין שיקאַגע.

אוראַגוואַי איז איינע פון די גאָר קליינע דרום־אַמעריקאַנער רעפּובליקן. קליין סיי אין שטח און סיי אין דער צאָל פון דער באַ־פעלקערונג. די צאָל איינוואוינער פון דער רעפּובליק איז אין גאַנצן אַ מיליאָן מיט אַכט הונדערט טויזנט. זיבן הונדערט טויזנט פון זיי געפינען זיך אין דער שטאָט מאָנטעווידעאָ. דער איבעריקער טייל פון דער באַפעלקערונג איז צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און באַשעפטיקט זיך מיט ערדאַרבעט. דאָס לאַנד לעבט פון צוקער־פּלאַנטאַציעס, פון באַנאַנעס, ווייץ און ליאָן. דאָרט איז אויך זייער

שטאַרק אַנטוויקלט די פּיצוכט. אַלע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פּראָ־דוקטן פאַרקויפט מען אין די פאַראייניקטע שטאַטן און דערפאַר די וואַרעמע און נאָנטע באַציאונג צו די פאַראייניקטע שטאַטן. אוראַגוואַי איז אַזוי גוט באַקאַנט מיט די פירונגען פון אונדזער לאַנד, אַז זי האָט אויך פון אונדז איבערגענומען אַלע אונדזערע פרייהייטן. אין אַלץ איז דאָרטן אונדזער לאַנד אַ ביישפּיל, און אפשר נאָר מיט דעם דערקלערט זיך וואָס אוראַגוואַי איז די פרייסטע רעפובליק פון אַלע דרום־אַמעריקאַנער רעפובליקן.

מאָנטעווידעאָ איז אַ גרויסע האַפנשטאָט, וואו אַמעריקאַנער שיפן שטעלן זיך אָפּ. עס וואוינען אין דער שטאָט מאָנטעווידעאָ אַ סך אַמעריקאַנער, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט די געשעפטן וואָס אַמעריקע פירט מיט די רעפובליקן, וואָס געפינען זיך ביים אַטלאַנ־טישן ים און מיט די לענדער ביים פּאַסיפישן ברעג.

דאָס געלט פון אַלע דרום־אַמעריקאַנער לענדער איז שטאַרק געפאַלן אין ווערט. אַן אויסנאַם אין דעם פּרט איז אוראַגוואַי. און דאָס איז אויך אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען די פאַראייניקטע שטאַטן. דערפאַר איז טאַקע דאָרטן פיין און באַקוועם. אַן אַמע־ריקאַנער דאָלער אין בראַזיליע איז ווערט 20 פעזעס, אין אַרגענטינע 4 פעזעס, אין אוראַגוואַי אַ פעזע און אַ האַלב, און אויך דאָס איז געוואָרן די לעצטע צייט. אין גאַנצן מיט אַ יאָר פריער האָט מען פאַר אַן אַמעריקאַנער דאָלער געגעבן נאָר איין פעזע.

מאָנטעווידעאָ איז פון אַלע זייטן אַרומגערינגלט מיט וואַסער. דריי זייטן פון שטאָט ווערן אַרומגענומען פונעם אַטלאַנטישן ים און דער פערטער — פון אַ שיינעם ים־אויסגוס. די לופט — זומער און ווינטער — איז זייער אַ מילדע און דערפאַר איז די שטאָט אויך אַ זייער גרויסער רעזאָרט־פּלאַץ. עס פאָרן אַהין אויף די זומער־מאָנאַטן מענטשן פון פאַרשיידענע לענדער, אין וועלכע די היץ איז זומער אַ ברענענדיקע. איז טאַקע איין עוועניו אין שטאָט, וואָס ציט זיך אויף מיילן ביים ברעג פון אַטלאַנטישן ים, פאַרבויט מיט גרויסע זומער־האָטעלן, געבויט זעלטן שיין, אין שפּאַנישן סטיל, מיט דער ברייטקייט, מיט וועלכער עס ווערן בכלל געבויט הייזער אין דרום־אַמעריקע. יעדער האָטעל איז אַ פּאַלאַץ מיט וואונדער שיינע גערטנער. דער ים אַרום איז אַ שטילער, אַ רואיקער. דאָס וואַסער פונעם ים איז ליכטיק־בלוי — אַזאַ קאָליר האָט דאָס וואַסער פונעם ים טאַקע נאָר ביי מאָנטעווידעאָ.

דאָס יידישע לעבן אין לאַנד

אין גאַנץ אורוגוואַי געפינען זיך אַרום 40 טויזנט יידן. 30 טויזנט פון זיי לעבן אין דער שטאָט מאָנטעווידעאָ. די יידישע אימיגראַציע איז דאָרטן זייער אַ יונגע. זי האָט זיך ערשט אָנגעפאַנגען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. זי האָט זיך באַדייטנד פאַרגרעסערט די לעצטע 10־15 יאָר. ווייניק יידן זיינען געפאָרן פון אייראָפּע קיין אורוגוואַי. די גרעסטע צאָל יידן זיינען צו ערשט געפאָרן אין אַנדערע דרום־אַמעריקאַנער לענדער, און ווען מען האָט זיי אַהין ניט אַריינגעלאָזט, האָבן זיי זיך אויף זייער לאַנגער וואַנדער־רייזע דערוואוסט וועגן אַ רעפּובליק, וואָס הייסט אורוגוואַי, וואו מע לאָזט יידן יאָ אַריין. זיינען זיי אַהין געפאָרן. אַ גרויסער טייל יידן, וואָס זיינען געקומען קיין אַרגענטינע מיט צווייטוויילינקע וויזעס און האָבן זיך דאָרט ניט געקענט איינאָרדענען, זיינען געפאָרן קיין אורוגוואַי. די גרעסטע צאָל יידן זיינען באַשעפטיקט אין דער קליין־אינדוסטריע, וואָס זיי האָבן אַליין אַנטוויקלט: ביי שטריקעריי, מעבל און שניידעריי. גראָד אין דעם קליינעם לאַנד און מיט דער קליינער יידישער באַפעלקערונג זיינען אויך דאָ יידישע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אין די אייבנדערמאָנטע אינדוסטריעס. צוליב דעם העכערן סטאַנדאַרט פון לעבן, ווערן יידן אַזוי ניט געשטויסן צום האַנדל, ווי אין אַנדערע דרום־אַמעריקאַנער לענדער. און אַ סך פון זיי באַשעפטיקן זיך מיט פיזישער אַרבעט. זיי זיינען צופרידן, לעבן ניט רייך, אָבער געמיטלעך און רואיק.

דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן איז אין אורוגוואַי ניט גרויס. עס שפּילט דאָרט אַ שטענדיק יידיש טעאַטער. עס זיינען דאָ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, און ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען, אַ היפּשער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מאָנטעווידעאָ איז אַ לאַנגע צייט געווען באַאיינפלוסט פון די קאָמוניסטן.

אין יאָר 1925 האָט זיך אין מאָנטעווידעאָ געעפנט אַ יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַנק. דער צוועק צו גרינדן די באַנק איז געווען

אַ דאָפּלטער : ערשטנס, האָבן יידן ניט געהאַט די מיגלעכקייט צו קריגן קרעדיטן אין די בענק פונעם לאַנד, און דאָס איז ניט צוליב דעם, וואָס עס איז דאָרטן געווען אַנטיסעמיטיזם, נאָר ווייל די אימיגראַציע איז נאָך געווען אַ יונגע און די אימיגראַנטן האָבן די בענק ניט געקענט געבן די נייטיקע פאַרזיכערונג. צווייטנס, האָבן די אַריבערגעקומענע אימיגראַנטן געזוכט אַריבערצוברענגען זייערע קרובים און זיי האָבן געדאַרפט האָבן אַן אָרט, וואו צו לייען געלט אַרויסצושיקן די קרובים אויף הוצאות. אין אַ קורצער צייט האָט די קאָאָפּעראַטיווע יידישע באַנק געקראָגן אַ זייער גוטן נאָמען אין שטאָט. וואָס דערפאָלגרייכער די באַנק איז געוואָרן, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די צאָל פון די וואָס האָבן געקויפט אירע אַקציעס. די קאָמוניסטן האָבן שוין געזען, אַז זייערע מענטשן זאָלן קויפן אַקציעס, און איין מאָל, ווען מען האָט געדאַרפט דערוויילן באַאַמטע, האָבן די קאָמוניסטן אַרויסגעשטעלט זייערן אַ צעטל פאַר דעם דירעקטאָרן־ראַט און זיי האָבן זייערע קאַנדידאַטן דערווילט. אונטער זייער פאַרוואַלטונג האָט די באַנק גענומען דורכמאַכן שווערע קריזיסן. מען האָט גענומען געבן הלוואות צו אייגענע מענטשן, קאָמוניסטן, אין די שווערע טויזנטער און די הלוואות זיינען ניט צוריקגעצאָלט געוואָרן צו דער צייט. מיטן כוח פון דער באַנקס געלט האָט אָנגעפאַנגען אַרויסצוגיין אַ קאָמוניסטישע צייטונג. מען האָט אויפגעבויט אַ גרויסע הויז פאַר דער באַנק, וואָס איז געוואָרן דער צענטער פון אַלע קאָמוניסטישע טעטיקייטן. די קאָמוניסטישע עלעמענטן האָבן מיט די קאַפּיטאַלן פון דער באַנק אָנגעפאַנגען צו בויען אין אוראַגוואַי אַן אייגענע "בירא־בידזשאַן". זיי האָבן געקויפט פופצן הונדערט העקטאַר לאַנד, פאַר וועלכע זיי האָבן באַצאָלט פיר הונדערט טויזנט פעזעס און האָבן גענומען באַזעצן קאָמוניסטישע פאַמיליעס אין דער קאָלאָניע. באַזעצט האָבן זיך 37 פאַמיליעס. דער „פּאָמפּ" אַרום דעם איז געווען זייער אַ גרויסער און אַ סך יידן פון מאָנטעווידעאָ זיינען נאָכגעלאָפן נאָך דער קאָמוניסטישער פירערשאַפט. דאָס גרויסע הויז וואָס זיי האָבן אויפגעבויט, די קאָלאָניע וואָס זיי האָבן גענומען בויען, האָט זיי געגעבן אַ סך פּרעסטיזש און האָט זיי געשאַפן אַ נאָמען פון פעאיקע מענטשן, וועלכע זאָרגן זיך לטובת הכלל. אָבער לאַנג האָט דאָס ניט אָנגעהאַלטן. די באַנק האָט גענומען גיין באַרג אַראָפּ. די רעגירונג האָט געהאַלטן ביים פאַרמאַכן די באַנק. די פּאַניק אַרום דער באַנק איז געווען גרויס. די דעפּאָזיטאָרס, טויזנ־

טער אין צאָל, וועלכע האָבן געהאַלטן אין דער באַנק זייערע לעצטע אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס, זיינען געלאָפן אין באַנק דאָס געלט אַרויסצונעמען, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. די רעגירונג, אום צו ראַטעווען די דעפּאָזיטאָרס, האָט קיין צו שטרענגע מיטלען ניט אָנגענומען. אונטער איר פּירערשאַפט האָט מען אָנגעהויבן די באַנק צו ראַטעווען, און כאָטש די באַנק איז געראַטעוועט געוואָרן, נאָך דעם ווי די דעפּאַזיטאָרס האָבן פאַרלאָרן אַ טייל פון זייער פאַרמעגן, האָט אָבער דער שלעכטער צושטאַנד פון דער באַנק דעמאָראַליזירט די יידישע באַפעלקערונג. די אינערלעכע רייסערייען און די געשלעגן וואָס זיינען פאָרגעקומען אַרום דער באַנק האָט דער יידישער באַפעלקערונג פון מאָנטעווידעאָ קיין כבוד ניט פאַרשאַפט. אפילו איצט, ווען די קאָמוניסטן זיינען אין גאַנצן דיסקרעדיטירט, געפינט זיך נאָך אַלץ די גרעסטע צאָל אַקציעס אין קאָמוניסטישע הענט און זיי לאָזן די באַנק פון זייערע הענט ניט אַרויס.

אין מאָנטעווידעאָ גייט אַרויס אַ טעגלעכע יידישע צייטונג. די צייטונג איז ניט קיין גרויסע, מיט אַ קליינער צירקולאַציע. דאָך האָבן פון דער צייטונג עטלעכע יידן אַ נישקשהדיקע חיונה. אין שטאָט זיינען דאָ צוויי יידישע ראַדיאָ־שטונדן. די שטונדן זיינען זייער פּאָפּולערע און ווערן געהערט אין אַלע יידישע הייזער.

איך האָב זיי באַגעגנט אין אָפּיס פון „דזשאָינט״

די „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָ־מיטע״ האָט דאָרטן אַ קאָמיטעט, וואָס גיט אַכטונג און העלפט די ניי־אַריבערגעקומענע אימיגראַנטן איינצואָרדענען זיך. דער קאָמיטעט פירט אָן מיט קלאַסן אין שפּאַניש פאַר דערוואַקסענע. איך האָב די קלאַסן באַזוכט און איך האָב געזען מיט וואָס פאַר אַ פלייס און מיט וואָס פאַר אַן אינטערעס דערוואַקסענע מענער און פרויען לערנען זיך די שפּראַך און די געשיכטע פון לאַנד. דער „דזשאָינט״־אָפּיס פון מאָנטעווידעאָ פאַרנעמט דאָס אָרט פון דעם „האַיאַס״ אין ניו־יאָרק. די ניי־אַריבערגעקומענע אימיגראַנטן זיינען צום אָפּיס זייער צוגעבונדן און זיינען דאַנקבאַר דעם „דזשאָינט״ פאַר דער ברייטער מענטשלעכער הילף, וואָס ער גיט די אימיגראַנטן אין זייער נייעם לאַנד.

איינער פון די אימיגראַנטן דערציילט: „אין 1925 איז מיר געוואָרן ענג דאָס לעבן אין פוילן. דער אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די שטייערן, וועלכע מען האָט אויף יידן אַרויפגעלייגט, האָבן געמאַכט דאָס לעבן אומדערטרעגלעך. אַלע טאָג זיינען מיינע סחורות איבערגעשאַצט געוואָרן, אַלע טאָג נייע צינזן, נייע שטראָפן, און איך האָב מיט מיין פאַמיליע באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין דייטשלאַנד. איך האָב זיך באַזעצט אין אַ קליין שטעטל לעבן בערלין. אין אַ קורצער צייט האָב איך זיך דאָרטן איינגעאָרדנט. איך און מיין פאַמיליע האָבן אָנגעהויבן צו לעבן אַ ניי לעבן. דאָס קליינע געשעפט, וואָס איך האָב אין דעם דייטשישן שטעטל געעפנט, האָט גענומען וואַקסן. אונדזער לעבן האָט גע־נומען בליען. מיינע קינדער האָבן אָנגעהויבן צו גיין אין אַ דייטשי־שער שול, האָבן זיך געלערנט און זיינען גליקלעך געווען. אַזוי האָט עס אָנגעהאַלטן ביז היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, אין 1933. צוויי יאָר האָבן מיר געלעבט אונטער דער הערשאַפט פון היטלערן.

דאָס זיינען געווען צוויי שווערע און ביטערע יאָרן. איך לייען פון צייט צו צייט אין די צייטונגען, אַז ניט נאָר היטלער, נאָר דאָס גאַנצע דייטשישע פאָלק איז אַ פאָלק פון מערדער. איך ווייס ניט. עס קען זיין, אַז די צייטונגען זיינען גערעכט, אָבער איך וועל אייך זאָגן, אַז אין די צוויי יאָר, וואָס איך האָב געלעבט אין דעם דייטשישן שטעטל אונטער דער הערשאַפט פון היטלערן, זיינען געווען נאָך אַ פּאָר יידישע פאַמיליעס, און אונדזערע דייטשישע שכנים האָבן אונדז אויסגעהיט פון אַ סך אומגליקן. אין געהיים האָט מען אונדז אין הויז עסן געבראַכט. ווען „געסטאַפּאָ"־לייט זיינען אין מיין הויז געקומען און האָבן מיין פרוי באַליידיקט, זיינען מיינע קינדער געווען באַהאַלטן אין די הייזער פון אונדזערע דייטשישע שכנים. ווי איך זאָל ניט האַסן היטלערן, די „געסטאַפּאָ" און די דייטשן, וועלכע גייען נאָך בלינד היטלערן און טוען יידן אַזוי פיל שלעכטס, וועל איך מיינע דייטשישע שכנים קיין מאָל ניט פאַרגעסן. איך וועל זיי שטענדיק דאַנקבאַר זיין פאַר דער מענטשלעכקייט, וואָס זיי האָבן אונדז אַרויסגעוויזן".

דער יידישער אימיגראַנט אין מאָנטעווידעאָ דערציילט ווייטער: „מיר זיינען פון דייטשלאַנד אַנטלאָפן קיין פּאַריז. פון פּאַריז האָבן מיר געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל. אָבער אַריינקומען אַהין האָבן מיר ניט געקענט. איך האָב אָפּגעקלאַפּט די טירן פון אַלע ציונים־טישע ביוראָס, אָבער זיי האָבן מיר ניט געקענט העלפן. מיינער אַ קרוב האָט זיך געפונען אין בראַזיליע, און איך האָב באַקומען אַ דער־לויבעניש צו קומען קיין בראַזיליע. איך מיט מיין פאַמאַליע האָבן זיך געזעצט אויף אַ שיף און זיינען אַהין געפאָרן. פיר וואָכן זיינען מיר אויפן ים געווען. די שיף איז געווען אַ שלעכטע, אָבער מיר זיינען געווען גליקלעך וואָס ענדלעך וועלן מיר קומען אין אַ לאַנד, וואו מיר וועלן קענען בויען אונדזער לעבן אויף דאָס ניי. און ווי אומגליקלעך מיר זיינען געווען, ווען מען האָט אונדז ניט דערלויבט אין בראַזיליע אַריינצוקומען. מאָנאַטן לאַנג זיינען מיר געזעסן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין בראַזיליע, ביז מיר האָבן ענדלעך גע־קראָגן אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין טשילי. אָבער אויך אין טשילי האָט מען אונדז ניט אַריינגעלאָזן. דער „דזשאַינט" האָט זיך מיט אונדזער לאַגע פאַראינטערעסירט און האָט אונדז געבראַכט קיין מאָנ־טעווידעאָ".

לעבן דעם יידן איז געזעסן אַ מיידעלע פון אַ יאָר פופצן, זיינע

אַ טאָכטער. ווען דער טאַטע האָט מיר זיין טרויעריקע לעבנס־געשיכטע דערציילט, האָט דאָס מיידעלע די גאַנצע צייט געשוויגן. זי האָט אויסגעצויגן איר האַלדז און האָט זיך צוגעהערט צו אַלץ וואָס דער טאַטע האָט דערציילט. אירע אויגן אַזוינע ערנסטע, דער פּנים אָן אַ סימן פון קינדערישער פרייד. זי האָט ווארשיינלעך פון דאָס ניי דורכגעלעבט, ווען דער טאַטע האָט מיר זיין געשיכטע דער־ציילט, וואָס זי אַליין האָט דורכגעמאַכט אין פאַרלויף פון די אַכט יאָר, אין פאַרלויף פון אַכט יאָר היטלעריזם, פון אַכט יאָר ביטערער וואַנדערונג.

מיינע אויערן זיינען געווען געווענדט צו דעם יידן, וועלכער האָט מיר אַלץ דערציילט. מיינע אויגן, מיין האַרץ זיינען געווען געווענדט צו דעם מיידעלע. איך האָב דאָס קינד געוואָלט אַרומנעמען, קושן, טרייסטן זי, אַז ניט אַלע מאָל וועט אַזוי זיין, אַז היטלער און דאָס דייטשישע פאָלק וועלן צום סוף באַצאָלן, און באַצאָלן זייער ביטער פאַר די צרות און פייניקונגען וואָס זיי האָבן אונדז פאַרשאַפט. איך האָב זיך אַליין געשטאַרקט און צוריקגעהאַלטן. ס׳פּאַסט דאָך ניט פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטשן צו ווערן סענטימענטאַל, האָב איך גענומען דעם טאַטן טרייסטן, און מיינע ווערטער פון טרייסט האָבן אויך אויף דעם קינד געווירקט.

דאָס הויז פון האַס

נאָך דעם ווי מיינע באַקאַנטע האָבן מיר געוויזן די שיינקייט פון דער שטאָט, האָט מיך איינער פון זיי אַוועקגעפירט צו דעם הויז, וואו עס ווערט געדרוקט און אַרויסגעגעבן די צייטונג „ליבערטאַט״. דאָס איז אַ פּראָ־נאַצישע צייטונג, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַ סך שטורעם אין לאַנד און אין דער שטאָט מאָנטעווידעאָ.

אין פּאַרלאַמענט פון אוראַגוואַי איז דאָ אַ דעפּוטאַט מיט דעם נאָמען אַלעהאַנדראָ קאַיעל, וועלכער איז אויך גלייכצייטיק דער רעדאַקטאָר פון איינער פון די גאָר גרויסע מאָנטעווידעאָר טעגלעכע צייטונגען. ער ווערט באַטראַכט פאַר אַ פאַשיסט און שטייט אין נאָענטע פאַרבינדונגען מיט די נאַציס און וויל איינפירן פאַשיזם אין אוראַגוואַי. זיין גאַנצן גאַל האָט ער גענומען אויסגיסן אין העצעס קעגן דער רעגירונג, וואָס זי לאָזט אַריין יידן אין לאַנד. זיינע רעדעס אין פּאַרלאַמענט און די לייט־אַרטיקלען אין זיין צייטונג האָבן אַרויסגערופן קעגן אים גרויס אַנטריסטונג אין לאַנד.

דער סטודענטן־ראַט פון דעם אוניווערסיטעט פון מאָנטעווידעאָ האָט באַשלאָסן, מיט דער צושטימונג פון אַלע סטודענטן, צו פאַרלאַנגען פון פּאַרלאַמענט, אַז מען זאָל דעם דעפּוטאַט־פאַשיסט אויסשליסן פון פּאַרלאַמענט. די סטודענטן האָבן אָרגאַניזירט גרויסע דעמאָנסטראַציעס אַרום פּאַרלאַמענט און אויך אַרום דער געביידע פון דער פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישער צייטונג. די דעמאָנסטראַנטן האָבן געקראָגן אַזוי פיל שטיצע פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, אַז יענער דעפּוטאַט האָט מורא געהאַט זיך צו ווייזן אין גאַס. זיין צייטונג איז באָיקאָטירט געוואָרן. די רעגירונג האָט אים געגעבן אַ באַפעל צו ענדערן דעם גייסט פון דער צייטונג, אויב ניט — וועט זי פאַרמאַכט ווערן, און ער האָט זיינע אַנטיסעמיטישע העצעס אָפּגעשטעלט. דאָס האָט פּאַסירט אין דער ערשטער וואָך פון חודש

יולי. איך בין אין מאָנטעווידעאָ געווען סוף פון חודש אויגוסט, און דאָס הויז פון דער צייטונג איז נאָך אַלץ געווען באַוואַכט פון פּאָליציי. דאָס הויז שטייט אויף דער הויפּטגאַס פון מאָנטעווידעאָ. אין פאַרלויף פון דער האַלבער שעה, וואָס איך בין דאָרט געשטאַנען אַנטקעגן דעם הויז, האָב איך געזען ווי דורכגייער האָבן אויפן הויז געשפּיגן ווי אויף אַ קרעציקן פּלאַץ. אייניקע דורכגייער האָבן געהויבן זייערע פויסטן, געוועגדט צו דער געביידע און איך האָב עפּעס דערפּילט אַ מאָדנע הייליקייט אין יעדן איינציקן שפּיי אויף דעם הויז, אַ הייליקן כוח אין יעדן פויסט, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן.

אַ חבר, וועלכער איז מיט מיר ביי דעם הויז געשטאַנען, זאָגט מיר: „ווען איך לייען זיך אָן מיט די אַרטיקלען פון די יידישע זשורנאַליסטן קלאָג-מוטערס, אַז אַלע קריסטן זיינען וועלף און טראַכטן נאָר וועגן איין זאַך, ווי אַזוי אונדז יידן צו פאַרניכטן, ווערט מיר אויפן האַרצן אומעטיק, גיי איך אַוועק פון שטוב און גיי צו צו דעם הויז, אויף וועלכן דאָס פאָלק שפּייט, און מיין גאַנצער אומעט און פּעסעמיזם ווערט פאַרשוואונדן. אָט אָ דאָ, דערפיל איך דעם ניט-אמת, וועלכן זשורנאַליסטן-קלאָגמוטערס ווילן אונדז פאַרקויפן”.

אַ מאָנומענט פאַר איינשטיינען

פון דעם אַנטיסעמיטישן הויז זייַנען מיר אַוועקגעגאַנגען אין שטאָטישן גאָרטן. דער גאָרטן ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די שענסטע פּאַרקן פון לאַנד, און די באַקאַנטע, וועלכע האָבן מיר געוויזן די שטאָט, האָבן זייער געוואָלט איך זאָל זען דעם גאָרטן.

דער אַריינגאַנג צום גאָרטן איז זייער אַ שיינער. אויף אַ קליינעם בערגעלע, ביים זייט פון דעם אַריינגאַנג, האָב איך דערזען אַ סטאַטוע — אַ ביוסט פון פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין. איך בין געוואָרן גערירט פון דער אָנגענעמער איבערראַשונג. דורכגעפאָרן לענדער פון אַנטיסעמיטיזם און געקומען אין אַ קליין לאַנד, וואו אין שענסטן פּאַרק פון שטאָט, ביים אַריינגאַנג, שטייט אַ סטאַטוע פון אַ גרויסן יידן און אַ גרויסן מענטשן. אמת, די סטאַטוע איז געשטעלט געוואָרן פון יידן, אָבער די רעגירונג האָט אין דעם אַ סך מיטגעהאָלפן. מען זאָגט מיר, אַז מיט איינשטיינס סטאַטוע האָט די רעגירונג געוואָלט דעמאָנסטרירן איר פריינדשאַפט צו יידן און צו אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט פּראָגרעס און ציוויליזאַציע.

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אורוגוואַי

די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אורוגוואַי איז ניט קיין גרויסע, אָבער מיט אַ סך איינפלוס. די טרייד־יוניאָן־באַוועגונג איז ענג פאַרבונדן מיט דער סאָציאַליסטישער. זיי גיבן אַרויס אַ וועכנטלעכע צייטונג. צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי געהערט די בעסטע אורוגוואַיער אינטעליגענץ. די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט דריי פאַרטרעטער אין פּאַרלאַמענט. זייער פירער, וואָרטזאָגער און ליבלינג איז אַדוואָקאַט עמיליאָ פרוגאָני. ער איז אויך

דער הויפּט פון דעם אוניווערסיטעט אין מאָנטעווידעאָ. ער איז אַ דיכטער און אַ שרייבער. זיי זיינען די קעמפער פאַר אַלע פּראָגרע־סיווע געזעצן אין לאַנד. זיי פירן דעם קאַמף קעגן פאַשיזם. די דעמאָנסטראַציעס פון סטודענטן קעגן פאַשיסטישן רעדאַקטאָר זיינען געפירט געוואָרן פון סאָציאַליסטן. זיי פאַרשפּרייטן אין לאַנד אַ סך סאָציאַליסטישע ליטעראַטור. די מיטגלידערשאַפט פון דער פּאַרטיי איז אַ געבוירענע, אַן אוראַגוואַיער. די קאָמוניסטן האָבן קיין מאָל ניט אויסגעווירקט קיין גרויסן איינפלוס אין לאַנד. אין די פריער־דיקע יאָרן, ווען זיי האָבן יאָ געהאַט אַן איינפלוס, איז דאָס געווען אויף דער אימיגראַנטישער באַפעלקערונג ,אויף יידן, רוסן און אוק־ראַינער.

די פאַרזאַמלונג

ווען מיינע חברים האָבן זיך דער־וואוסט, אַז איך קום קיין מאָנטעווידעאָ, האָבן זיי אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג און דער קאָמיטעט האָט פאַר מיר איינגעאָרדנט אַ פאַרזאַמלונג. די פאַר־זאַמלונג איז פאָרגעקומען אין „יידישן צענטער" און עס זיינען גע־קומען איבער פינף הונדערט מענטשן. דער זאַל אַ געפּאַקטער. גע־רעדט אויף דער פאַרזאַמלונג האָב איך וועגן דער לאַגע פון די יידן אין אייראָפּע היינט, און אונדזערע האָפענונגען אויף מאָרגן נאָך דער מלחמה.

די יידן פון אוראַגוואַי זיינען אָפּגעריסן פונעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן. צו זיי דערגייט זייער ווייניק ניים פון דער אַלטער היים און בכלל פון גרעסערע יידישע ישובים. די אַלגעמיינע פּרעסע גיט ווייניק אָרט אָפּ פאַר יידישע ניים. די יידישע צייטונג איז צו אָרעם און צו קליין, אַז זי זאָל קענען שטילן דעם נייגיר און געבן גענוג ניים פון אַלע ווינקעלעך פונעם יידישן לעבן. די צייטונג איז אַ ציוניסטישע, און הגם די יידישע באַפעלקערונג שטיצט ארץ־ישראל, וויל מען אויך דאָרט הערן אַ וואָרט פון דעם יידישן לעבן אין אַנ־דערע לענדער. ווויסנדיק אַז איך בין ניט קיין ציוניסט, זיינען זיי

דאָך געקומען מיט גרויס נייגיר הערן וואָס איך האָב צו זאָגן און צו דערציילן וועגן יידישן לעבן אין אַלגעמיין.

דער אייגנטימער פון דער יידישער ראַדיאָ־שטונדע האָט מיך איינגעלאַדן צו ריידן אויף דער זעלביקער טעמע אויף דער יידישער ראַדיאָ, און איך האָב דאָס זייער גערן געטאָן.

נאָר אַ פּאָר טעג האָב איך פאַרבראַכט אין מאָנטעווידעאָ, אָבער די פּאָר טעג זיינען געווען די אָנגענעמסטע פון מיין גאַנצער רייזע איבער דרום־אַמעריקע.

ווען איך בין אַוועקגעפאָרן פון מאָנטעווידעאָ, האָב איך מיט זיך מיטגענומען די וואַרעמסטע און בעסטע געפילן צו דעם לאַנד, צו די מענטשן און צו אַלע זייערע פירונגען, וואָס זיינען אַן אויסדרוק פון זייער פרייהייט, דעמאָקראַטיע און מענטשלעכקייט.

אַ גרופּע קולטור־טוער פון מאָנטעווידעאָ



פון רעכטס צו לינקס, שטייענדיק: י. קאַבוט, ש. קאַרנוואָרצל, קובאַ לאַמשטיין, הערשל צוקערמאַן, מרדכי סקודיצקי;

פון רעכטס צו לינקס, זיצנדיק: ש. גרינבערג, כ. לעוו, נ. כאַנין און כ. ביאַלאָוס.

פון בוענאָס־איירעס קיין ניו־יאָרק

די וואָכן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין בוענאָס־איירעס, בראַזיליע און אין אורוגוואַי, זיינען פאַר מיר געווען זייער אינטערעסאַנטע. און ווען ס'וואָלט מיר מיגלעך געווען, וואָלט איך זיכער דאָרטן לענגער פאַרבליבן. דאָס לעבן אין די לענדער איז מיר געווען אין גאַנצן ניי. איך האָב זיך יעדן איינציקן טאָג באַגעגנט מיט מענטשן אין גאַנצן פון אַן אַנדער וועלט, גאָר אַנדערע מענטשן ווי די וואָס איך האָב אין מיין לעבן באַגעגנט אין אייראָפּע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מיט גרויס אינטערעס און נייגיר האָב איך אין זיך איינגעזאַפּט אַלץ וואָס איז נאָר מיגלעך געווען אַריינצונעמען אין די נייע פאַר מיר לענדער. אָבער, ליידער, האָב איך לאַנג דאָרטן ניט געקענט זיך אויפהאַלטן און איך האָב זיך גענומען גרייטן אין וועג צוריק אַהיים.

קיין אַנדער אופן ווי אַזוי צו פאָרן צוריק קיין ניו־יאָרק איז פאַר מיר ניט געווען ווי מיט אַ לופטשיף, אָבער פאָרן צוריק איבער דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן האָב איך ניט געוואָלט. מיט דעם וועג בין איך געפאָרן קיין דרום־אַמעריקע. צוריק האָב איך געוואָלט פאָרן מיט אַ נייעם וועג, זיין אין נייע לענדער, קריגן נייע איינדרוקן, זען זיך מיט נייע מענטשן.

איך בין אַוועק אין דער „פּאַן־אַמעריקען עיר־לאַין" און זיי האָבן מיך געראַטן צוריקצופאָרן דורך טשילי, פּערו און קיובע. אַזוי וועל איך פאָרן איבער דעם פּאַסיפישן אָקעאַן און דאָס וועט זיין פאַר מיר אַ נייע איבערלעבעניש. אַ פּלאַץ אין אַ לופטשיף איז אין יענער צייט געווען זייער שווער צו באַקומען. דורך אַ צופאַל האָט די געזעלשאַפט געהאַט איין פּלאַץ גראַד דעם טאָג, ווען איך האָב גע־

דאַרפט אָפּפאָרן. איך האָב דעם בילעט באַשטעלט, איינגעצאָלט פאַר אים און איך בין אַ רואיקער צוריק אַוועק צו מיינע פריינד; געאײַלט זיך צו זעגענען זיך מיט אַלעמען און געגרייט זיך אין וועג אריין.

די לופטשיף שטעלט זיך אויף איר וועג געוויינטלעך אָפּ אין עטלעכע לענדער. האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשיכטע צו קריגן דורכ־פאָר־וויזעס ביי די קאָנסולן פון די פאַרשיידענע לענדער, און דאָ האָב איך באַגעגנט אַ שוועריקייט. ווען איך בין געקומען צו דעם קאָנסול פון טשילי, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט מיר צו געבן אַ דורכפאָר־וויזע. עס האָט ניט געהאָלפן מיין אַמעריקאַנער פּאַס און אויך ניט דאָס וואָס איך האָב געהאַט אַ פּאָליציייאישע וויזע פון ארגענטינע ארויס־צופאָרן. אויף מיין פראַגע פאַר וואָס מע זאָגט מיר אָפּ צו געבן אַ וויזע, איך בין דאָך אַן אַמעריקאַנער בירגער, און אַמעריקע איז אין פריינדלעכע באַציאונגען מיט טשילי, האָט מיר דער קאָנסול זייער קלאָר און שאַרף געענטפערט, אַז יידן לאָזט מען אין טשילי ניט אריין און אַז אַ ייד קען אַפילו ניט קריגן קיין דורכפאָר־וויזע דורך זייער לאַנד.

נאָענט פון 30 יאָר ווי איך לעב אין אַמעריקע, 25 יאָר, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער בירגער. איך בין אין פאַרלויף פון די יאָרן דורכגעפאָרן אַ סך לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע און מיין אַמעריקאַנער בירגערשאַפט האָט פאַר מיר אַלע מאָל געעפנט פריי די טירן צו גיין און צו פאָרן וואוהין איך האָב נאָר געוואָלט. איך האָב וועגן אַנטיסעמיטיזם אַ סך געלייענט און אַ סך געהערט, נאָר אין מיין אייגענעם לעבן, זינט איך בין אין אַמעריקע, האָב איך אים קיין מאָל ניט געפילט, ניט נאָר ווייל איך האָב די גאַנצע צייט געלעבט צווישן יידן און האָב זיך מיט מענטשן פון אַנדערע נאַציאָ־נאַליטעטן ניט באַגעגנט, נאָר אויך דערפאַר וואָס די אַמעריקאַנער בירערשאַפט האָט מיך שטענדיק אָפּגעהיט פון אַנטיסעמיטישע באַליידיקונגען. איז דעריבער ווען דער קאָנסול פון טשילי האָט מיר געזאָגט, אַז ער קען מיר קיין וויזע ניט געבן, ווייל איך בין אַ ייד, האָט מיך אַ מאָדנער געפיל ארומגעכאַפּט. אַ קעלט איז מיר דורך איבערן לייב. איך האָב זיך געפילט אַזוי באַליידיקט, אַזוי הילפלאָז, אַז איך האָב אַפילו ניט געפונען פאַר נייטיק מיט דעם קאָנסול צו אַרגומענטירן. איך האָב נאָר מיט כעס ארויסגעכאַפּט פון זיין האַנט מיין אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט. איך האָב געפילט,

אַז איך האָב דעם קאָנסול דורכגעשטאָכן מיט מיין ביטערן קוק און בין אויף גיך אַרויס פון קאָנסולאַט.

וואָס טוט מען איצט? איך מוז צו דער באַשטימטער צייט זיין צוריק אין ניו־יאָרק. אויף צו קריגן אַ בילעט כדי צו פאָרן מיט אַן אַנדער וועג, וועט מיר איצט אויסקומען צו וואַרטן גאַנצע 15 טעג. בין איך אַוועק צו דעם אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, גע־פּרואווט דורך אים מאַכן אַ סקאַנדאַל פאַר וואָס מע לאָזט מיך ניט דורך דורך טשילי. איך בין דאָך אַן אַמעריקאַנער בירגער און די טשילער רעגירונג קען ניט איינטיילן די אַמעריקאַנער בירגער אין צוויי קאַטעגאָריעס. דער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר, מיט וועלכן איך האָב זיך שוין געהאַט געטראָפן אַ פאָר מאָל ביי אַנדערע גע־לעגנהייטן, האָט מיך זייער וואַרעם אויפגענומען. ער האָט געזען, אַז איך בין אויפגערעגט און באַאומרואיקט. מיט זיינע רייד האָט ער מיך געוואָלט אַריינברענגען אין אַ רואיקער און גוטמוטיקער שטימונג. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער וועט פאַר מיר קריגן פון דער טשילער רעגירונג אַ דורכפאָר־וויזע, אָבער דאָס וועט דאַרפן דויערן פינף טעג. איז אויב איך קען ניט וואַרטן, זאָל איך פּרואוון צוגיין צו דער „פּאַן־אַמעריקען עיר־לאַין" און באַשטיין, זיי זאָלן מיר גלייך געבן אַ פּלאַץ אין אַן אַנדער לופטשיף, וואָס פאָרט ניט איבער טשילי. אַזוי ווי איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, האָב איך אָנגענומען דעם אַמבאַסאַדאָרס עצה.

צו דער ביוראָ פון דער „פּאַן־אַמעריקען" בין איך געקומען מיט אַ סך טענות. איך האָב דעם אַגענט פון דער געזעלשאַפט געזאָגט, אַז ער האָט געמעגט וויסן, אַז די טשילער רעגירונג גיט ניט קיין יידן קיין דורכפאָר־וויזעס און דעריבער האָט ער מיר ניט געדאַרפט פאַרקויפן אַ בילעט אויף דער לופטשיף, ווייל מיט דעם האָט ער מיך פאַרפירט און ער מוז איצט טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מיגלעך, אַז איך זאָל קאָנען זיין אין ניו־יאָרק צו דער באַשטימטער צייט. אויב ניט וועל איך פאַר דעם האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך די געזעלשאַפט.

דער אַגענט, אַן אַמעריקאַנער יונגער בחור, האָט מיט מיר זייער שטאַרק מיטגעפילט. ער האָט זיך גענומען אַנטשולדיקן און זוכן אַן אויסוועג. דעם זעלבן טאָג איז אָפּגעגאַנגען אַ לופטשיף דורך באָליוויע, אָבער אויף דער שיף זיינען אַלע פּלעצער שוין גע־ווען אויספאַרקויפט. איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ער וועט אָנקלינגען אַ פּאַסאַזשיר, אַן אַמעריקאַנער קריסט, ער זאָל זיך

מיט מיר בייטן מיט די בילעטן, ער זאָל פאָרן איבער טשילי און איך איבער באָליוויע. צו מיין גליק האָט דער אַמעריקאַנער דעם אָנבאָט באַלד אָנגענומען, און איך האָב דערגרייכט בײדע זאַכן, איך וועל אַרויספאָרן דעם זעלבן טאָג און אויך פאָרן איבערן פּאַסיפישן אָקעאַן, אמת דורך אַנדערע לענדער ווי איך האָב גערעכנט.

צען אַ זייגער אין דער פרי. אַ פרימאָרגן פול מיט זונענשיין. איך שטיי אויפן לופטפעלד. אַ סך פריינד זיינען געקומען מיך באַגלייטן, זיך געזעגענען, מיט דער האָפענונג נאָך אַ מאָל צו באַגעגענען זיך. פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן אַרבעטן. זיי נעמען אַראָפּ גרופּעס און איינצעלנע מענטשן. יעדער וויל האָבן אַ בילד צום אָנדענק. באַלד דערהערט זיך דער סיגנאַל אַריינצוגיין אין קליפּער. אויף גיך זעגן איך זיך האַרציק מיט מיינע פריינד. די שיף הייבט זיך אויף. איך זע נאָך פון דער ווייטן ווי אונטן פאָכען די מענטשן מיט טיכלעך, מיט היט, אָבער באַלד פאַרשווינדט אַלץ און מיר זיינען אין דער הייך, אין דער לופט.

אינווייניק איז די לופטשיף זייער באַקוועם און גערוים. עס גייט צו מיר צו איינער פון די באַדינער, ווייזט מיר אָן אויף אַ טרייבל לעבן זיצפּלאַץ און זאָגט מיר, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועלן מיר זיך אויפהייבן זייער הויך, די לופט וועט זיין אַזוי שיטער, אַז עס וועט זיין אוממיגלעך צו אָטעמען, זאָל איך דעמאָלט אַריינגעמען דאָס טרייבל אין מויל, און דורך דעם אַריינעטעמען זויערשטאָף, וועל איך מיר פילן גוט. נאָך דער דערקלערונג ווערט מיר עפּעס אומעטיקלעך אויפן האַרצן. עס קומען אויף פאַרשיידענע מחשבות: וועט טאַקע די שיף זיך קענען האַלטן אַזוי הויך? איז ניט אַזאַ רייזע צו ריזיקאַליש?... אָבער, פאַרפאַלן, אַרויסגיין צוריק קען מען שוין ניט. די לופטשיף פליט 250 מייל אַ שעה, הייבט זיך אַלץ העכער און שניידט די לופט אַלץ טיפער און טיפער.

מיר זיינען דרייסיק פּאַסאַזשירן. אַלע האַלטן די גומענע טרייבלעך אין די הענט, דורך וועלכע זיי וועלן שפּעטער דאַרפן איינאָטעמען דעם זויערשטאָף. קוקנדיק אויף זייערע פּנימער, מערק איך, אַז זיי זיינען פּונקט אַזוי אינערלעך באַאומרואיקט ווי איך. די מאַנשאַפט פון דער לופטשיף איז אַ דערפאַרענע. זי ווייס, אַז די פּאַסאַזשירן איז אומעטיק אויפן האַרצן. הייבט זי אָן די פּאַסאַזשירן צו באַרואיקן, צו שפּאַסן, אַז מען זאָל ניט מיינען, אַז מען איז אין אַ שפּיטאָל און מען קריגט זויערשטאָף צו אָטעמען, ווייל

דאָס זיינען שוין די לעצטע מינוטן פון לעבן. וואָס לענגער די מאַנ־שאַפט שפּאַסט מיט אונדז, אַלץ פריילעכער ווערט אונדז. מיר באַרואיקן זיך ביסלעכווייז. מיר לייגן אַוועק די גומענע טרייבלעך און יעדער איינציקער פון אונדז נעמט זיך צו זיין געוויינלעכן צייט־פאַרטרייב. איינער לייענט אַ צייטונג, אַ צווייטער אַ זשורנאַל, און גאָר אַן אַנדערער קוקט אויף דער מאַפּע. איך קוק דורכן פענצטער.

מיר זיינען אין יענעם טייל פון אַרגענטינע, וואו דער קלימאַט איז אַ קאַלטער. אויף די פעלדער זעט זיך שניי. פון די ביימער זיינען אַראָפּגעפאַלן די בלעטער. זיי שטייען פאַרדאַרטע, פאַר־יתומטע..

אָט זיינען מיר שוין אין באָליוויע, זעקס הונדערט מייל פון בוענאָס־איירעס. דער קלימאַט איז ווידער אַ הייסער. די ערד אַ ווייסע, אַ זאַמדיקע. גאַנצע בערג פון שטיינער, שטיינער פלאַ־ציקע, אַלץ איינס ווי פאַר מצבות צוגעגרייטע. ניטאָ קיין גרינע גראָז, נאָר פון די שטיינער וואַקסן אַרוים טראָפּישע ביימער. איך קוק און טראַכט: פון וואָס לעבן דאָ מענטשן? וואָס קענען דאָ מענטשן פון דער ערד אַרויסקריגן?

אונדזער לופטשיף לאָזט זיך אַראָפּ אין אַ שטאָט פון באָליוויע. מיר דאַרפן דאָ איבערנעכטיקן. די זון הייבט שוין אָן צו פאַרגיין, אָבער עס איז געפערלעך הייס. די מענטשן פון שטאָט — שוואַרצע. די באַפעלקערונג אַ מולאַטישע. מיר גייען אַריין אין האָטעל. לעבן האָטעל געפינט זיך אַ גרויסער רעסטאָראַן. אַרום דעם רעסטאָראַן אַ גאָרטן, וואו מענטשן זיצן און טרינקען וויין און ביר. זיי זיצן רואיקע, זאָרגלאָזע, און עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז ניט זיי ווייסן וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט, און ניט זיי האָבן אַן אינטערעס צו וויסן. פאַר זיי הייבט זיך אָן די וועלט ביי איין עק פון דעם שטעטל, וואו זיי וואוינען און פאַרענדיקט זיך ביי דעם צווייטן.

מיר זעצן זיך אויך אַוועק ביי די טישלעך אונטערן אָפענעם הימל. מיר באַטראַכטן דעם עולם. מיין חבר, אַן ענגלענדער, וועלכער זיצט מיט מיר ביים טישל, זאָגט צו אונדז: „ווען איך קוק אויף די מענטשן ווי רואיק זיי זיינען, בין איך זיי גוואַלדיק מקנא. מיר, די מענטשן פון אייראָפּע אָדער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן אַנטוויקלט אַ גרויסע ציוויליזאַציע. מיר פאָרן דורך די וועלט איבער ימען אויף די מאָדערנסטע און די בעסט געבויטע שיפן, מיר פליען מיט עראָפּלאַנען פון איין עק וועלט צו דעם צווייטן. מיר

לעבן אין די בעסטע באַקוועמלעכקייטן און מיר זיינען אַלץ ניט צופרידן. מיר זוכן נאָך און נאָך דערגרייכונגען. אַלץ איז אונדז ווייניק — סיי אויפן געביט פון דער מאַטעריעלער קולטור, סיי אויפן געביט פון מענטשלעכן גייסט. מיר רוען ניט ביי טאָג און שלאָפן ניט ביי נאַכט. אָבער אָט לעבן מענטשן אַזוי ווי אונדזערע אור־עלטערן האָבן געלעבט מיט טויזנטער און טויזנטער יאָרן צו־ריק. זיי זיינען גליקלעך, זיי ווייסן ניט דעם טעם פון מענטשלעכער ציוויליזאַציע, זיי זיינען רואיק און צופרידן. און יעדעס מאָל — גיט ער צו — ווען איך שטעל זיך אָפּ אין אַזאַ שטעטעלע, פאַרדריסט מיך וואָס איך בין ניט איינער פון זיי, וואָס איך דריי זיך אין דעם ראָד פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע און דעם מענטשלעכן פּראָגרעס".

און ווען מיין חבר, דער ענגלענדער, האָט גערעדט, מיט אַ שטים אַ רואיקער, מיט דער ענגלישער געלאַסנקייט, האָט זיך מיר גע־דוכט, אַז ער באַמערקט אונדז ניט, נאָר ער רעדט הויך, צו זיך אַליין. אין דער זעלבער שטימונג און אין די זעלבע געדאַנקען האָט ער אויך מיך אַריינגעבראַכט.

מיר הייבן זיך אויף פון אונדזערע טישלעך און גייען אַריין אי־נעווייניק, אין רעסטאָראַן. דאָרטן שפּילט מוזיק, די בחורים און די מיידלעך פון דעם שטעטל טאַנצן, זינגען און מאַכן זיך פריילעך. אין אונדזערע אויגן זעען זיי אויס גרויסע קינדער, וואָס פרייען זיך און שפּילן זיך ווי קינדער. מיר, די „ציוויליזירטע", האָבן זיך געפילט אין רעסטאָראַן ניט ווי פרעמדע, נאָר אין גאַנצן ווי איבעריקע. אונ־דזער אַנוועזנהייט האָט טיילווייז געשטערט דער האַרמאָניע, דער גאַנצקייט פון דעם שיינעם קינדערשן קאַרניוואַל.

שוין שפּעט אין אָוונט. מיר קלייבן זיך צו גיין שלאָפן, ווייל מאָרגן דאַרף מען פרי אויפשטיין און ווידער פליען. מיר ווייסן, אַז מאָרגן וועט זיך אָנהייבן דאָס הויך־פליען. מאָרגן וועלן מיר דאַרפן לעבן אויף זויערשטאָף.

אָט בין איך אין מיין צימער פון האָטעל. איך קוק דורכן פענצטער אויף דעם שטעטל. אַלץ איז אַזוי רואיק, אַזוי שטיל.

מיר שטייען אויף, ווען עס איז נאָך פינצטער. מיר גייען אַרונטער אין רעסטאָראַן, וואו קיינער, אויסער דעם קעלנער, איז ניטאָ. מיר איילן זיך מיט אונדזער פרישטיק, ווייל די אויטאָמאָבילן

װאַרטן אױף אונדז. מיר לאָזן זיך אין װעג צו דער לופט־סטאַנציע, פון װעלכער מיר דאַרפן אָפּפליען.

די פליגלען פון דער לופטשיף הײבן שױן אָן צו אַרבעטן. דאָס װאַרעמט מען דעם מאָטאָר פון דער מאַשין. אָט הײבן מיר זיך װידער אױף אין דער הײך. עס נעמען מינוטן, און מיר פליען שױן צװאַנציק טױזנט פוס די הײך. אַלע דערפילן װי עס איז שױן ניטאָ מיט װאָס צו אָטעמען. די לונגען האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט, און מיר כאַפּן זיך צו די גומענע טרײבלעך. מיר הײבן אָן אַרײנצואָטעמען דעם זױערשטאָף, װאָס פילט אָן אונדזערע לונגען, און מיר פילן זיך װידער גוט און באַקװעם.

װאָס העכער עס הײבט זיך די לופטשיף, אַלץ דינער װערט די לופט, אַלץ שװערער איז צו קאָנטראָלירן און האַלטן אין גלײכגעװיכט די לופטשיף. אָט פאַלט זי נידעריקער, און אָט הײבט זי זיך העכער. פון דעם װאָס די שיף טרײסלט זיך הײבן די מענטשן אָן צו לײדן פון דער ים־קראַנקהײט. אַלץ װערט אין זײ אינעװײניק אױפגעטרײסלט. זײערע פּנימער װערן בלאַס. פון די פּאַסאַזשירן בין איך געװען דער אײנציקער, װאָס איז מיט דער ים־קראַנקײט ניט אָנגעשטעקט געװאָרן. װען אַ געזונטער געפינט זיך צװישן קראַנקע, װילט זיך אים די קראַנקע מיט עפּעס אַרױסהעלפן, אַװעקזעצן זיך לעבן זײ, טרײסטן זײ מיט אַ גוטװאָרט, פאַרפירן אַ געשפּרעך און אָפּציען זײער אױפמערקזאַמקײט פון זײערע װײטיקן, אָבער איך קען מײן פּלאַץ ניט פאַרלאָזן. איך מוז זיצן און האַלטן דאָס גומענע טרײבל אין מױל און אָטעמען דעם זױערשטאָף, װײל װי איך נעם נאָר דאָס טרײבל אַרױס, װער איך אױך קראַנק. מײנע לונגען הערן אױף צו פונקציאָנירן.

אין אַזאַ צושטאַנד געפינען מיר זיך אַ גאַנצן טאָג. אױף מאָרגן פליען מיר שױן אין אַ נאָרמאַלער הײך. אַלע פילן זיך גוט, און װערן פון דאָס נײ לעבעדיק. יעדער אײנציקער לאַכט פון זיך און פון אַנדערע װי אַזױ ער האָט זיך נעכטן געפילט, װי אַזױ ער האָט נעכטן אױסגעזען.

אונדזער לופטשיף פליט שױן איבער דעם שײנעם אינדזל פון קיובע. מיר פליען אַזױ נידעריק, אַז מיר זעען די מענטשן אין די גאַסן, פּױערים װאָס אַרבעטן אױף די פעלדער. אױפן האַרצן װערט אַזױ גוט. איר הײבט שױן אָן אָטעמען מיט דער לופט פון די פאַראײניקטע שטאַטן. נאָך אַ פּאָר שעה און די לופטשיף װעט

צופליען צו די ברעגעס פון מיאַמי־ביטש. עס בענקט זיך שוין נאָך דער היים.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און די בענקשאַפט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גליקלעכער שטימונג. מיר זיינען שוין אויפן ברעג פון מיאַמי־ביטש. אַלע פילן זיך ווי ניי־געבאָרן. מע גייט שוין אַרום אויף דער זיכערער און פרייער ערד פון אונדזער לאַנד, אַמע־ריקע. אין וואָסערע וועלטן מען זאָל ניט פאָרן, וואָס פאַר אַ מענטשן מען זאָל ניט זען, ווי איבעררראַשט מען זאָל ניט זיין פון די נייע איינדרוקן, פילט מען זיך אָבער גליקלעך, ווען מען ווייס, אַז אין קעשענע ליגט אַן אַמעריקאַנער פאַספּאָרט, וואָס באַצייכנט די ביר־גערשאַפט פון דעם מענטשלעכסטן און פרייסטן לאַנד אין דער וועלט. און אַזוי פילט ניט נאָר דער געוואָרענער בירגער פון אַמעריקע. אַזוי האָבן אויך געפילט יענע פּאַסאַזשירן, וועלכע זיינען געווען געבאָרענע אַמעריקאַנער. איך בין זיכער, אַז אַלע האָבן שטילער־הייט געזונגען אין זייער האַרצן דאָס לידעלע „האָום, סוויט האָום״.

אינהאַלט

סאַנטאָ דאָמינגאָ

פאָרוואָרט — 5
די דאָמיניקאַנער רעפּובליק — 13
דאָס לאַנד — 17
דער עקאָנאָמישער און גייסטיקער צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג — 20
די ליבע צום לאַנד — 22
סאָסואַ — 25
די יידישע קאָלאָניע — אַ לאַבראַטאָריע — 29
עס פעלן אויס מיידלעך — 32
דער ערשטער אויפטו פון דער יידישער קאָלאָניע — 35
אַ יום־טוב לכבוד קאַרטאָפל — 38
אויל־בעבלעך — 40
די בהמות, פערד און הינער זיינען אויך אַנדערע — 42
ווער זיינען די איצטיקע קאָלאָניסטן — 44
צופרידענע און אומצופרידענע קאָלאָניסטן — 46
געשפּרעכן מיט די קאָלאָניסטן — 49
קולטורלאָזיקייט — 52
די יידן אין די גרעסערע שטעט פון סאַנטאָ־דאָמינגאָ — 56
לאָדז און סאַנטאָ־דאָמינגאָ — 59
די לאָיאַליסטן פון שפּאַניע — 62
וויכטיקע דאָקומענטן — 64
אָפּמאַך — 65
בריוו — 73

בראַזיליע

אויפן וועג קיין בראַזיליע — 89
בראַזיליע — 97
היטלעריזם אין בראַזיליע — 104
סאַן־פּאַאָלאָ — 108
דער יידישער פּעדלער אין דרום־אַמעריקע — 110
סאַניטאָריע, קינדער־היימען און מושב־זקנים — 115
צענטער פון דייטשישע יידן — 118
יידישע קינדער־שולן אין סאַן־פּאַאָלאָ — 120

ציוניזם, דער „דזשאָינט" און דער וועלט־קאָנגרעס — 121
די יידישע צייטונגען — 123
ריאָ די־זשענעראָ — 125
יאָכקע די שניידערקע — 127
עוועניו אַטלאַנטיקאָ — 132
די כאָרשול — 134
יידישע אינסטיטוציעס: דער פּאָליקליניק, די קינדער־היים, די וועלטלעכע שולן — 136
די רייכסטע יידישע פאַמיליע אין בראַזיליע — 141
שמד און געמישטע חתונות — 144
ס אַ נ ט אָ ס — 149

אַרגענטינע

געקומען אין אַרגענטינע — 155
דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע — 160
די יידישע שוועריקייטן אין אַרגענטינע — 162
די גרעסטע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין בוענאָס־איירעס — 164
יידישע פּרנסות אין אַרגענטינע — 166
די טעכנישע שול פון „אָרט" — 169
די יידישע פּרעסע — 173
יידישע דערציאונג אין אַרגענטינע — 176
יידיש־טעאַטער — 179
דער יידיש־וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — 183
ווי האַלט עס מיט דער יידישער שפּראַך אין אַרגענטינע — 184
יוניאָנס און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג — 186
די יידישע קאָלאָניעס — 194
די רעגנס און די היישעריקן — 204
די יוגנט אין די קאָלאָניעס — 208
יידישע מיידלעך אין אַרגענטינער קאָלאָניעס — 211
קינדער פאַרן אין שולן — 212
די אַגראַר־קאָאָפּעראַטיוון — 214
פאַרוויילונגען, בילדונג און מעדיצינישע אַנשטאַלטן — 217
מיכל סאַכאַראָוו — 219
פאַרמענטאָ אַגראַריאָ — 222
די יידישע קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג — 224
די וואָס ווירקן אין דעם יידישן קולטור־לעבן (פּאָרטרעטן) — 229

באָטאָשאַנסקי, יעקב — 230
ביזבערג, פּנחס — 232
בענדערסקי, ברוך — 232
גראָסבאַרדט, הערץ — 234
גרוזמאַן, י. ל. — 236
האָרן, יוסף — 239
וואַלד, פּיניע — 240
וואַסערצוג, זלמן — 242
טריוואַקס, הירש — 243
כץ, פּנחס — 244
ליטמאַן (ש. פּריילעך) — 245
מענדלסאָן, יוסף — 246
מערקין, משה — 248
סטאָליער, מ. — 249
צעסלער, שמואל — 252
ראָזשאַנסקי, שאול — 253
רעגאַלסקי, מ. — 255
שוסהיים, א. ל. — 257

אוראַגוואַי

דאָס יידישע לעבן אין לאַנד — 266
איך האָב זיי באַגעגנט אין אָפּיס פון „דזשאָינט" — 269
דאָס הויז פון האָס — 272
אַ מאָנומענט פאַר איינשטיינען — 274
די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אוראַגוואַי — 275
די פאַרזאַמלונג — 275
פון בוענאָס־איירעס קיין ניו־יאָרק — 277